# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 103- Spring 1984 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3xn3n0z4

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 103(1)

### Publication Date
2010-09-13

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 103

**SPRING**
**1984**

**פרילינג**
**תּמש״ד**


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל. א.

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
עטל טאַפּט, פּרעזידענט • בערנאַרד, ווייסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פּאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER

837 W. Knoll Dr., Los Angeles' Ca. 90069

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

# אינהאַלט


זייט

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן: מיין וועג אַהיים —
אַ מגילה פון פוילן נאָכן חורבן — — — — — — 3
(אַ קאַפּיטל זכרונות)

חנן קיעל / ניו־יאָרק: אונטיקע פייגל־כאָרן (לידער) — — — — — — — — 16

חיים קעניגער / פּאַריז: שטילע וואַסערן (לידער) — — — — — — — — — 18

שרה ליינער: משה רבינו, אונדזער פאַרהייליקטער פאָלקס־העלד — — — — — 19
(לכבוד פסח)

שלמה שוואַרץ: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 27

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק: די וואָרזאַגערין פון מגדל (דערציילונג) — — — 28

משה שקליאַר: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 31

מישעל בוטקעוויטש: וויבער (לידער) (יידיש: מלכה טוזמאַן) — — — — — 32

יצחק אלחנן ראָנטש: די וועלט פון מאַרק שאַגאַל (פראַגמענט) — — — — — 33

רבקה קאָפּע / פּאַריז: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 36

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 37

יעקב שיפּער: אַ באַגעגעניש (דערציילונג) — — — — — — — — — — — — 39

דוד אַפּאַלאָוו / ניו־יאָרק: ברוק עוועניו (ליד) — — — — — — — — — — — 41


☆


(המשך ווייטער)

# אינהאַלט

(המשך)

## שרייבערס און ביכער

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק: אַ יידישער געלערנטער וואָס גייט קעגן שטראָם — 42

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל: נאָך וועגן איטשע גאָלדבערגס בוך עסייען — 47

לילי בערגער / פּאַריז: דער שילדערער פון דער אַלט־נייער און אַלטער היים — 59
(צום דערשיינען פון פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן פון יוסף ערליך)

לילי בערגער / פּאַריז: דער שילדערער פון דער אַלט־נייער און אַלטער היים — 59

יעקב מייטליס / לאָנדאָן: פאָלקלאָר און זיין פאָרשער — — — — — — — — 73

ר׳ זאב וואָלף סאָלעס ז״ל — — — — — — — — — — — — — — — 77

## נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

בינעם העלער: „זיי וועלן אויפשטיין״ און פון נאָך מחברים — — — — — — — 78



די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

רעדאקציע קאלעגיע:
זלמן שלאסער
משה שקליאר
שמואל וויים

# חשבון
נום. 103
פעריאדישע שריפט
פאר ליטעראטור, קריטיק,
און קולטור־פראבלעמען

פארוואלטונג:
„עניך בערמאן, פארוואלטער
גרשון פרידמאן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאן און
יעקב שייפער

39טער יארגאנג, נומער 103 • פרילינג 1984 • לאס אנדזשעלעס, קאליפ.

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאנדאן

## מיין וועג אהיים — א מגילה פון פוילן נאכן חורבן

(א קאפיטל זכרונות)

עס איז געווען זומער 1947, נאך א שווערן ווינטער און א קאנוולסיק וואקל־דיקן עקאנאמישן מצב נאך די פארבלוטיקטע מלחמה־יארן, האט עס אין אייראפע שוין גארנישט פויגלדיק אויסגעזען. דער אימהדיקער חורבן פון יידישן פאלק האט טיף גענאגט און געוויטאגט אין יעדן יידישן הארץ. דאר גורל פון דער שארית הפליטה און דער קאמף פאר עליה און א פארזיכערטער היים אין ארץ ישראל איז געשטאנען אין סאמע פאליטישן ברען. עס איז געווען א צייט פון א ביטערן געראנגל פאר אויפריכטעניש און קיום.

אין יענע גורלדיקע טעג, אנגעלאדן מיט צער און א טיפן ווייטאג, און באגלייך מיט ארויספאדער און א נאציאנאלן באוווסטזיין, האב איך באשלאסן זיך צו פארנעמען מיט צוגרייטן מיין אייגנדיק־יחידישע „עליה" און ארויספארן קיין פוילן, כדי צו זיין צוזאמען מיט דעם פארבליבענעם שארית הפליטה אין די אכזריות־דיק פארשניטענע און פארחרובטע יידישע יישובים. דארט אהין אויף דער פארבלוטיקטער ערד האט מיך געצויגן נישט בלויז מיין פארצערט געמיט, נייערט דער עיקר פון דאס ניי צו איבערלעבן ווי ווייט די כוחות סטייען מיטן רעשטל געראטעוועטע מענטשן, און פון דער נאענט דערפילן דעם אימהדיקן בראך וואס איז אלעמען באפאלן אין א צייט פון א שווערן און הארטן גזר־דין.

אין יענע אומרויקע און צעטראגענע טעג, האט זיך א קליינער איבערבלייב פון מיין גרויסער און צעצוויגטער משפחה געפונען אין פוילן. מיין טייערע שוועסטער בעלא און מיין שוואגער פינחס־פאוועל, אן איידעלער און געראטענער מענטש מיט זייער איינציק טעכטערל ווישיא, זענען גראד מיט א יאר צוריק אנגעקומען מיט א סך אנדערע פליטים, פוילישע בירגער, פון גלות רוסלאנד, און זיי ווידער צו זען נאך א לאנגער צעשיידונג, איז געווען א גרויס אהבת־נפשדיק לעכצעניש. אגב, מיין פלימעניצע ווישיא האבן מיר אראפגעבראכט קיין לאנדאן מיט א יאר פריער, און זי איז פארבליבן ביי אונדז אין הויז, געבענקט אהיים, ביז מיר האבן זיך פארקליבן אויף דער נסיעה און צוזאמען ארויסגעפארן קיין פוילן.

דער ערשטער ציל איז געווען זיך צו טרעפן מיט מיין שוועסטער און שוואגער אין סאסנאווצע, אין זאגלעמביער קוילן ראיאן, פון וואנען מיר האבן געשטאמט. דאס פארן אהיים האט דעריבער שוין תחילת־דיק געהאט א באזונדערן זינען און מיין. אויף אזא אופן האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, און דער ערשטער עטאפ פון דער נסיעה איז געווען די שטאט פראג, וווּ מיר האבן זיך אפגעשטעלט אויף עטלעכע קורצע טעג, און פון דארט ממשיך געווען די נסיעה מיט דער באן קיין פוילן.

פון לאָנדאָן קיין פּראַג זענען מיר געפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן, וואָס איז נאָך דעמאָלט כּלל נישט געווען פּאָפּולער, אָבער זיך אויפצוהאַלטן אין פּראַג און זיך צונויפקומען מיט אָפּגעראַטעוועטע, פאַרבליבענע ייִדן, איז אויך געווען אַ וואָגיקער יש פאַר פאַראומערט און אומרויִק האַרץ, וואָס האָט געזוכט קרובישאַפט מיט דער דאָרטיקער שארית הפליטה.

זיצט מען אין עראָפּלאַן אויפן וועג פון לאָנדאָן קיין פּראַג, קומט דער בעל־מחשבה און פאַרפירט אַ שמועס מכּוח היינט און דעם שוין גאָר ווייטן אַמאָל. קוקט מען אַראָפּ פון אויבן אויף דער גרין־פאַרשפּאַצטער זאַטער ערד, מיט אירע ביימער און רחבותדיקע וועלדער און פעלדער, פּאַשענדיקע בהמות, און מענטשן ווי קאַרליקעס, וואָס אַרבעטן און לויפן אַהין און אַהער, אַזוי איז דער אָנבליק פון די ווייטע, אָפענע און צעשיינטע הימלען אַ מאַיעסטעטישער. די וועלט טובלט זיך אין אַן אין־סופיקער ליכטיקייט און צעוועקט דאָס האַרץ צו אַ ברכי־נפשידיקער שירה. מיט אַ מאָל קומען אָבער אָן אַנדערע, שווערערע מחשבות, וואָס זוכן ווי אין זייער געלויף אַריינגעטאָנענע מוראַשקעס צו געפינען אַן ענטפער און באַשייד פאַר אַ שפּאָר ביסל אָנזאַמלטע טראַכטענישן און ווייטאָגן מיט וואָס דאָס האַרץ איז כּסדר אָנגעלאָדן.

עס לעבן אויף אין זכרון געשטאַלטן און בילדער פון דער קינדשאַפט און אַ נישט־אויסגעשטאַנענער יונגט־צייט, חדר און שולע, תנ״ך און גמרא־לערנען מיט אַ שמץ אייראָפּעישע בילדונג, מיט אינטענסיוו לייענען דיכטערישע שאַפונגען אין אַ ריי לשונות, און בתוכם די העברעישע און יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ באַזונדער גייסטיקן תענוג און מיך צעוואַרעמט. דעמאָלט האָט זיך ביי מיר באַוויזן דער ערשטער שפּראָץ פון אַ פּרוּוו אַרויסצוברענגען בכתב באַטראַכטונגען וועגן געלייענטע ביכער און דערצו אַ מין ביט־צייטיקן טינטלען אייגענע רעיונות און מחשבות אַרום ענינים פון לערנען און יוגנטלעך־שוואַכע פּירושים פון יידיש־אייגנדיקן טיף און אידעאַלן מהות. שפּעטער האָבן זיך באַוויזן מער צייטיקע, בין־הזמנים־דיקע אָנהייבן פון קורצע דערציילונגען, סקיצן און אפילו דראַמאַטישע זאַכן מיט אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

קומט ביי דער געלעגנהייט אויף דער געדאַנק פון עול תורה, פון לערנען מיט התמדה און נישט מבטל זיין די צייט, אַ געפיל וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין געמיט פון מיין קינדשאַפט אין יידישלעך־היימישער שטוב חסידים און יראים ושלמים האָבן נישט בלויז געהאַלטן פון לערנען אַ בלאַט גמרא, נייערט אויך עוסק זיין אין עבודה, אַרבעטן מיט זיך און אַרום זיך, כּדי צו דערגיין צו אַ העכערער מדרגה. מען מוז כּסדר אַרבעטן און זוכן אַלץ נייע וועגן, נישט פּוסט־פּאַסעווען די צייט, אַז דער יידישער פּינטל זאָל נישט פאַרבלאַסן און גיין חלילה לאיבוד.

מיט די און אַנדערע טראַכטענישן איז אַריבער די פלי־צייט, און מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם אַמאָל שם־דבר׳דיקן יידישן פּראַג, וואָס האָט מיט זיין גלאַנץ געשטראַלט איבער דער יידישער וועלט אין אַ ווייטער, גרויסער היסטאָרישער תקופה, און אויב מען וויל אויך נאָך צוגעבן און אַרייננעמען די לעצטע צייט מיט אַ ריי באַטייטיקע און ליכטיקע געשטאַלטן, אַ שטייגער קאַפקאַ, מאַקס בראָד, הוגאָ בערגמאַן און ראָבערט וועלטש.

דער ערשטער רושם איז, אַז די הויפּטשטאָט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פּראַג, קומט נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן צוריק צוביסלעך צו אירע כּוחות, און דער פּריש באַנייטער פּאָדעם וועט ווי עס איז ווייטער אויסהאַלטן. דערווייל קען מען נישט זאָגן קיין מבינות. נאָך די האַרטע נסיונות פון דער נאַצישער הערשאַפט און גורלדיקע בלוט־צאַפּענישן, איז די אַרומיקע גרויקייט נאָך שטאַרק קענטיק. די אָפּגעבליאַקעוועטע, צוביסלעך פאַרפּוצטע הייזער מיט זייערע צעעפנטע קראָמען שיינען אין גלאַנץ פון אַ זומערדיקער נאָכמיטאָג זון. אין די הויפּט־גאַסן זענען די רעסטאָראַנען און קאַפעען ווייט אָפן און פאַרבעטן דעם פאַרבייגייער אַריינקומען און עפּעס טועם זיין. אין געאייל גייען מענטשן פאַרביי, און אינעם געדראַנג

שניידן זיך דורך איבערן ברוק וועגענער, מיליטערישע און פּריוואַטע אויטאָמאָבילן. עס איז אַ לעבעדיקער געפּילדער פון מענטש און מאַשין, אָבער דער איבערבראָך אין לעבן איז דערוויל נאָך שטאַרק שפּירעוודיק. אומעטום פילט מען די פאַרבאָרגענע האַנט פון מאָסקווער באַלעבאָס וואָס דאָמינירט אין לאַנד. מען ווייסט אַפּנים נישט לעת־עתה ווו מען האַלט. עס איז אַ סטאַדיע פון איבערגאַנג און די פּאָליטישע ליניע איז ווייט נאָך נישט קיין קלאָרע.

דערוויל קען מען נאָך ווי עס איז אָפּזשיפּען... אויבנאויפיק זעט אַלץ אויס צו זיין גלאַטיק און אָרדנטלעך. אַ פריינדלעך בכבודיק פאָלק וואָס אַרבעט ווי אַמאָל מיט גרויס חשק און אַחריות... עס ווילט זיך האָפן, אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע פּאָליטיקערס און מנהיגים וועלן זיין ביכולת אַרויסקערעווען די מדינה פון איר איצטיקן אומזיכערן מצב, און שאַפן אויף די אַמאָליקע ליבעראַלע יסודות אַ פרישבאַניטע פּאָליטישע ליניע, אַ סינטעז פון דעמאָקראַטישן מערב און דעם פאַרהאַרטעוועטן סאָוועטישן אימפּעריאַליזם אין מיזרח. ווער ווייסט צי דאָס וועט נישט זיין סתם אַ שיינער חלום פון אַ שיינער און אידעאַלער אָפּציע. דערוויל שאָטנט איבערן לאַנד גאָר שווערלעך דער סימבאָל פון האַמער און קאָוואַדלע און זאָגט נישט אָן קיין גרויס נחת־רוח. די מאַכט־תאווה איז גרויס און דער ברוטאַלער אַפּעטיט פון קאָמוניסטישן בעל־חשבון וואַקסט וואָס אַ מאָל גרעסער אין פּראָפּאָרץ.

אַזוי גייט אַרום דער אָנגעקומענער אורח איבער די גרויסשטאָטישע גאַסן און ליכטיקע היסטאָרישע פּלעצער פון אַלטן פּראָג, פאַרטאָן אין זיינע אָבסערוואַציעס און מחשבות. נישט געקוקט אויף דעם איינגעשטעלטן סדר און טעגלעכן ריטם פון לעבן, פילט מען אָ שטיל באַהאַלטענע אומרו. מענטשן גייען אַרום צוביסלעך פאַרחושטע. מען זעט זעלטן גוט־געקליידטע פּאַסאַנטן, אָגם דער זול אין שטאָט איז קענטיק. מען באַקומט גוט אָפּצועסן און צו טרינקען, אָבער, פאַרשטייט זיך, סחורות און אַנדערע שטוב־זאַכן זענען דערוויל קנאַפּ.

אָנגעלאָדן מיט כל המינים מחשבות דערגיי איך פּאַוואָליע צו דער מפורסמדיקער יידישער אַלטשטאָט מיט אירע ענגע, פאַרהויקערטע געסלעך; אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע הייזער אין אַמאָליקן יידישן געטאָ, רעשטלעך פון דעם אַמאָליקן איינגעפונדעוועטן יידישן לעבן און זיין שווערער גורלדיקייט. פון דער נאָענט ווינקט צו דער שטאָלצער, גאָטישער און שטאַלטיקער בנין פון דער אַלט־ניי־שול, אַ שטיק מאַיעסטעטישע גאָטיק אַריבערגעטראָגן פון פרעמדן דרויסן אין דעם פאַרצייטיקן געטאָ פון פּראָג...

האַרט ביי דעם בית־הקברות מיטן קבר פון מפורסמדיקן מהר"ל און אַנדערע גרויסע יידן. טרעט מען אַריבער די שוועל פון דעם מקום־קדוש, אַזוי ווערט מען פאַרכאַפּט פון דער געדעמפּטער, מיסטיש פאַרטונקלטער קדושה, וואָס רעדט צו דיר מיט איר אייגנדיקן, סודותדיק־פאַרשוויגענעם לשון, וואָס מאַכט אַ רושם. יעדער אָפּגעגלאַנצטער שטיין פון דרויסן און יעדער טעמפּיקער ווינקל אין שול רעדן פון געשיכטע איינגענורעט אין זכרונות פון פאַרצייטישן יישוב־יידן, נסיונות און איבער לעבענישן, פאַרשטיינערטע עדות פון אַמאָליקע בהלות און אומגליקן. דאָ האָבן דורות־יידן השתפכות־הנפשדיק תפילה געטאָן אין אַן עת־צרה, און אין אַ צייט פון אַ ביסל שלווהדיקייט, ווען עס איז געווען אַ קאַפּיטשקע לייכטער אויפן האַרץ, האָט זיך דאָ צעקלונגען אַ פריילעכער מזמור־שיר מיט אַ יום־טובדיקן געזאַנג מיט אַ שבת צו דעם אין הימל פאַר די נסים און חסדים וואָס ער האָט באַוויזן זיין פאַרשפלטן פאָלק.

עס זענען האַלב־פאַרחלומטע, ציטערדיקע רעיונות וואָס דערוועקן זיך אין דעם אַריינגעקומענעם ייד, בשעת ער קוקט זיך אַרום מיט גרויס ברען און ענטוזיאַזם אין דעם היסטאָריש פאַרהייליקטן מקום, וואָס איז איצט אַ מוזעאום מיט זיין פאַרצייטישן גלאַנץ און פּראַכט, קדושה און סוד, אַן אימפּאָזאַנטע זאַמלונג פון זעלטן־שיינע יידישלעך־פאָלקישע יקר־המציאותן. לענגאויס ביי די ווענט זענען אויסגעשטעלט היסטאָריש־ווערטיקע, פון אַ קינסטלערישער האַנט אויסגע־

אַרבעטע מעשענע און זילבערנע תשמישי קדושה און אַנדערע חפצים, וואָס אַמאָליקע פרומע, גוטע יידן האָבן מנדב געווען פאַר דער שול און די הצטרכותן פון קהל. אויבן־אָן אין מיזרח שטייט אַ פּרעכטיק געשניצטער, מיט לייבן־אויסגעטעאָקטער אָרון־קודש מיט אַ באַאַחנטן פּרוכת, אויסגעהאָפטן מיט זיידענע און זילבערנע פעדעם פון פרומע, אָפּגעהיטענע יידישע מאַמעס אין זייער שטילן תחינה־ניגון, און אַ ליכטיקער „שוויתי" אויפן עמוד. אין דער זייט הענגט אויף אַ הויכן מאַסט אַן אַלטע, שטאָלצע יידישע פאָן פון דער אַמאָליקער פּראַגער קהילה — אַ סימן פון הצלחה און הרווחה, גבורה און בטחון אין די ווייטע אַמאָליקע צייטן. עס זענען זעלטענע רעשטלעך פון אַ רייכער קולטור־ירושה פון דער פּראַגער יידישקייט, וואָס האָבן זיך על פּי נס אויפגעהיט נאָך דעם לעצטן חורבן ווי אַ זכר פון ווייטן אַמאָל פאַר קומענדיקע דורות.

די שטילקייט אין דעם סודותדיקן אַרום ווערט קוים געשטערט פון די לייכטע, אָפּשייאיקע טריט פון די איינצעלנע טוריסטישע געסט, און בשעת־מעשה שעפּטשען מיינע האַלב־פאַרקלעמטע לעפּצן אַ ברכי־נפשי מיט אַ צעברויזט געפיל פאַר דעם הדרת־הכבודיקן מקום, און לאָז אים מיט אַ פאַרצערטן קדיש פאַר אַלע מיתה־משונהדיקע אומגעקומענע יידן סיי פון אַלטן פּראָג און אין אַלע אַנדערע יישובים פון אַ ליכטיקער יידישקייט.

אין דרויסן אויפן גאַס איז עולם כמנהגו נוהג. מענטשן איילן און לויפן אַריבער, יעדער איינער מיט זיינע דאגות און עסקים. איך פאַרלאָז דעם געטאָ מיט די איבערלעבענישן און אויף אַ ווייל כאַפּ איך זיך אַריין אין דעם קהילה־קאָמיטעט פון פּראַג, און טרעף דאָרטן אַן אַלטן פריינד פון לאָנדאָן, ד"ר זאַלמאַנאָוויטש, אַן אַמאָליקער דעפּוטאַט אין טשעכישן פּאַרלאַמענט און אַ צעוואַרעמטער יידישער עסקן. בלב ונפש איז ער איצט אַריינגעטאָן אין דער הצלה־אַרבעט פאַר די אַנטרונענע פון די לאַגערן און זיי העלפן מיט אַ גיכער עליה קיין ארץ־ישראל, איידער עס קען ווערן חלילה צו שפּעט. מיט אָ ביטערן שמייכל אויף זיינע בלאַסע ליפּן זאָגט ער מיר, מען מוז אַרויסראַטעווען יעדן ייד וואָס וויל נאָר עולה זיין.

יונגע און עלטערע יידן זיצן דערווייל אויף די וואַליזקעס און וואַרטן אומגעדולדיק אויף די טראַנספּאָרטן וואָס מען גרייט צו מיט אַ ח ר י ו ת און זאָרג. דער פּאָליטישער מעמד איז לחלוטין נישט זיכער, בפרט אַז דאָס לאַנד געפינט זיך אונטער דער מיליטערישער השגחה פון מאָסקווע. מען מוז זיך צואיילן מיט דער עליה־פעולה כל זמן דער הלוך־ילכ׳ט. עס איז אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן, דער עיקר מצד דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט, וואָס בראש פון איר שטייט די לייבאָר רעגירונג, וואָס שאַפט אַלץ נייע מיכשולים און דערלאָזט נישט קיין פרייע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. יעדער ייד איז אַ וואָגיקער יש און אַ גרויסער געווינס, און מען מוז אים אָפּהיטן ממש ווי אַן אויג אין קאָפּ.

דאָס זיינען געווען קלאָרע און פאַרשטענדיקע רייד פון אַן איבערגעגעבענעם און איינגעטאָנענעם נאַציאָנאַלן ייד, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך מיט אַ סך באַקלער און אַחריות, און געהאַלטן דאָס וואַקלדיקע מישקולת אין זיין האַנט. מען מוז טאָן אַלץ כדי צוצואיילן דעם אַרויספאָר פון די עולים, און נישט מחמיץ זיין די שעה. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער איבעררייד מיט זאַלמאַנאָוויטשן, דעם טייערן ייד, וואָס האָט געטראָגן אַ שווערן עול אויף זיך, און אַרויסגערופן אין מיר אַ דאגה און באַגלייך אַ שפּאָר ביסל בטחון אין זיין ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכער פעולה. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט, אים געווונטשן אַ סך מזל און ברכה אין אַלץ וואָס ער טוט, כדי צו שטאַרקן די הערצער פון די וואַרטנדיקע יידן אויף אַ באַלדיקע עליה קיין ארץ־ישראל.

צומאָרגנס אויף דעם אַנדערן טאָג, פאָרט מיין געראָטענע פּלימעניצע מיט מיר אַרויס קיין פּוילן. עס איז געווען אַ נסיעה פון עטלעכע שעה מיט דער באַן ביז צו דער טשעכיש־פּוילישער גרענעץ. די גאַנצע צייט בין איך געווען אַריינגעטאָן אין טראַכטענישן, וואָס האָבן פון דאָס ניי אויפגערודערט מיין האַרץ. אַ

געפיל פון צער אנצוקומען נאך לאנגע גורלדיקע יארן אהיים, אין א פארחרובטן אויסגעהרגעטן יישוב יידן, וואס האט א מאל קוואליק געבליט און איז געווארן לחלוטין פארשטומט. אבער אויך א צעווארעמטע פריידיקייט האט מיך ארומגענומען צו דערזען דאס פארבליבענע רעשטל פון מיין אייגענער משפחה נאך זייערע שווערע גילגולים אין א הארטן סאוועטישן גלות. דער בעל־זכרונות האט אין מיר דערוועקט באהאלטענע געדעכענישן פון מיינע אמאליקע ליכטיקע טעג, וואס זענען אין צווישן פארשוואונדן אויף אייביק. א גרויסע, שיינע עדה יידן; אויפגעקלערטע און חסידים, א זיך שאפערישראנגלדיקע יוגנט פון אידעאליסטישע גוטע פריינד און סתם יידן, וואס זיינען ציוניסטן און פארברענטע סאציאליסטן, אוועק מיטן רויך אין די אימת־המוות־דיקע גאז־קאמערן אין נאענטן אוישוויץ, הארט ביי דעם שיינעם און היימישן שטעטל אשפעצין, ווי יידן האבן דאס א מאל אנגערופן.

דער סוף איז געווען א שוידערלעכטראגישער, נישטא מער קיין היים מיט טאטע־מאמע, פון דער גרויסער משפחה איז קיינער נישט פארבליבן; הייגט, ווי מען מעג משלים זיין מיטן שווערן גזר־דין פון אן אומשולדיק אוימגעבראכט פאלק — יידן?

בינו־לבינם קלאפן די רעדער פון וואגאן מיט זייער איינגעשטעלטן שטאלענעם ריטם, און מיט גרויס הארצקלאפעניש דערנענטערן מיר זיך צו דער פוילישער גרענעץ. מיט א מאל שטעלט זיך אפ די באן, און אין מיין פריילעכער צעטומלטקייט רייס איך אויף דאס פענצטער פון וואגאן, און אויפן פעראן שטייען שוין מיין שוועסטער און שוואגער, וואס ווארטן אונדז אפ מיט א הארציקן שמייכל אויפן פנים און טרערן אין די אויגן. א זעלטן איבערלעבעניש וואס טרעפט זיך א מאל אין לעבן פון מענטשן. די רעוויזיע פון פאספארטן און באגאזש גייט שנעל אדורך, און ארויס פון וואגאן ווערן מיר ארומגענומען פון הייסע קושן און האלדזונגען פון אונדזערע ליבע און טייערע מענטשן. דערלעבט זיך ווידער צו זען נאך לאנגע יארן פון צעשיידונג, מאטערנישן און נויט.

באלד גייען מיר אלע צוריק אריין אין וואגאן; מיר פארן צוזאמען אין דער פארלאשענער היים מיט איר קליינעם און מאגערן איבערבלייב. אונטערוועגנס טורליען מיר זיך איינער צום אנדערן, און די עקזאלטאציע האט גאר קיין שיעור נישט. מען רעדט כמעט מיט איין קול, און מען דערציילט זיך פארלאפענע, גורלדיקע געשעענישן מיט א הילכיק־פריילעכן און האלב־צעוויטאגטן טאן. זיץ ווי א מטורף מיט קלעמעניש אין נפש הער איך זיך איין צו אלץ וואס די געליטענע האבן צו דערציילן, און ווי אזוי עס זעט איצט אויס דער אמאל היימישער און ליכטיקער ארום. עס איז א פעקל פון שווערע איבערלעבעגישן און באטראפלעגישן, וואס מען קען קוים איבערטראגן. די דאגה פארן היינט איז גרויס און נאך שווערער פארן אומזיכערן מארגן, און וואס פאר א פנים וועט עס האבן.

אין צווישן דערנענטערט זיך די באן צו אונדזער שטאט סאסנאווצע, און ארויסגייענדיק פון וואגאן נעמט מען באטרעטן דעם בלוט פארגאסענעם באדן פון דעם פון דאס ביי אויפגעשטאנענעם, באפרייטן פוילן, וווּ די רציחות קעגן יידן האבן זיך נאך נישט אין גאנצן אפגעשטעלט. ווי צעוודערט מען זאל נישט זיין, הייסט עס „חתן מאך דיך א לב"! איבער שמוציקע און פון יידן אויסגעליידיקטע גאסן פארן מיר צו אין דער דירה פון דער שוועסטער און שוואגער, ווו עס דערווארט אונדז א שיין־פארגרייטער כיבוד.

און די צוביסלעך אפגעקילטע זומערפארנאכטן קומען אריין אין דער יידישהיימישער דירה פון מיין שוועסטער עטלעכע באענטע פריינד און שכנים צו באגריסן דעם אנגעקומענעם גאסט פון לאנדאן. עס זענען רעשטלעך פון דער סאסנאווצער שארית הפליטה, ס׳רוב מיט פינצטערע שטעמפלען פון לאגער, וואס זענען על פי נס געווארן אפגעראטעוועט פון רוצחישן מולך־מזבח אין אוישוויץ. עס זענען די ערשטע עפארימאטערטע און אויסגעשעפטע זומער־פייגעלעך אין א הייסן טאג, אנטרונענע פון צעיושעטן נאצי־גיהנם, און דערציילן מיט א יזכורדיקן שברי־לב אלע גרויליקע איבער־

לעבעניש, פאַרוועבט און איינגעקייטלט אין פלאַדיקע מעשיות פון דער נסימ־דיקער הצלה ווען די כמעט פאַרלוירענע האָפענונג אויף באַפרייונג איז געקומען. עס איז געווען מיין ערשטע אויפטרייסל־דיקע באַגעגעניש מיט פאַרשמאַכטע, האַלב־לעבעדיקע יידן פון די לאַגערן אויף דער פוילישער ערד. אין תוך האָט מען געהאַט דעם רושם פון אַ צעטראָגענער, אומרעאַלער וועלט, פון שאַטנס און עולם־התוהו, וואָס האָבן מיט אַ מאָל אויפגע־לעבט און באַקומען אַ מענטשלעכע צורה, און זיך דרייען אַרום פאַרפלאָנטערט און צעמישט ווי פאַרלוירענע שאָף אויף אַ ווילדער פאַשע. עס איז געווען אַ טראַגיש בילד וואָס מען קען נישט אַזוי לייכט פאַרגעסן.

אין דער פרי אויפן אַנדערן טאָג גיי איך אַרויס איבערן שטאָט. זעט מען קוים אַ היימישן ייד אויפן ליכטיקן טאָג. דער אַרום איז ליידיק און פוסט. עס איז געקומען אַ סוף צום אַמאָליקן יידישלעכן געפילדער און האַרמידער. די גאַסן זעען אויס ווי מיט אַ ווילדן כישוף איינגע־שלעפערט און פאַרשטומט. די הייזער שטייען פאַרפינצטערט און פאַראָבלט ווי פאַראָרעמטע יתומימלעך אָן אַ רעכטן טאַטע־מאַמע. אַמאָליקע לעבעדיקע און שיינע קראָמען זענען פאַרוויסט און האַלב פאַרהאַקט. פון מאַנכע עקן הענגען נאָך אַראָפּ שטיקלעך אַמאָליקע שילדלעך, אָבער די בעלי־בתים זענען נישטאָ מער. נישטאָ קיין יידישער קרעמער און קיין קויפער, אַלע זענען אַוועק מיטן רויך פון די אוישוויצער גאַז־קאַמערן.

קוקט מען זיך גוט איין, דערזעט מען דאָ און דאָרט פרעמדע פנימער, גויישע ווייבער און קינדער אויסגעפוצט אין בכבודיקע מלבושים וואָס מען האָט גע־ראַבעוועט ביי יידן, און די געגזלטע זאַכן היט מען אָפּ ווי אָן אויג אין קאָפּ. דער פאַרוויסטער מעמד זאָגט בפירוש עדות אויף דעם קלאָגעדיקן חורבן, וואָס די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט אויף דעם פוילישן באָדן, אָפּט מיט דער שענדלע־כער קאָאָפּעראַציע פון די קלוגע, גויישע בעל־דברס. מיט צוגעאיילטע שריט לויף איך ווייטער, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון אַ מסוכנדיקער שריפה.

אין די פאַרשטילטע און האַלב־פאַר־שטאַרטע גאַסן מיט זייער פאַרהויקערטן שטיינערנעם ברוק, קען איך שוין צו מיר נישט קומען. די פאַרלוירנקייט איז אין לשער, קומט מיר אויפן געדאַנק דער פסוק „הזאת נעמי?" איז דאָס די אַמאָ־ליקע ליכטיקע יידישע שטאָט, מיט איר קאָכעניש און אויפשטייג, ווו עס האָט כוח־גבראַדיק געקלאַפּט דער וויטאַלער דופק פון אַ באַוווסטער און צעוואַקסענער יידישער קהילה.

מיט אַ מאָל קומט דער בעל־זכרון און טראָגט מיך אַריבער פון מיין טראַומאַ־טישער איבערלעבעניש אין אָן אַנדער ספערע פון צייט און שטח אין מיין לאַנג־פאַרלאָפענער יוגנט. אַליין בין איך נאָך דעמאָלט געווען אַ שטיקל דערוואַקסענער בחורעץ, לערן־באַגיריק און שטיל־פאַר־בענקט, נישט דרייסט, אָבער פול מיט פלענער, געראַנגל און זוכעניש, אַ סטאַ־דיע פון איבערגאַנג פון אַ קיילעכדיקער יונגשאַפט צו מער ווירקעוודיקע פעולות אין לערנען און אַ לייטישער שאַפעריש־קייט, וועגן וואָס איך האָב געחלומט אויף דער וואָס. דערווייל בין איך נאָך ווייט צו זיין אַ גאַנצער מענטש, גענוג דער־וואַקסן און אויסגעצייטיקט. דער וועג איז נישט קיין פראָסטער און פשוטער. מען מוז אָנשטרענגען די כוחות און אַר־בעטן אויף וואָס די וועלט שטייט. בלויז חלומען און ראָמאַנטיזירן פירט נישט צו קיין מעשים בשעת דער געראַנגל איז גרויס. איך מוז אַריינוואַקסן בלב ונפש אין באַבויטן יידישן קולטור־אויפגיי מיט זיינע נאַציאָנאַל־סאָציאַלע שטרעמונגען, און אַרויס פון דער בעל־בתישער היי־מישקייט אין ווייטן רשות־הרבים פון תורה און בילדונג. שטאַמלענדיק זענען מיינע אָנהייבן, אָבער איך מוז זיי נישט אָפּלאָזן און זיי דערפירן ווי ווייט מעגלעך צו אַ גייסטיקער שלימות.

אַריינגעטאָן אין מיינע צערודערטע געדאַנקען, גיי איך איבער דער אויפגע־לעבטער, סוחרישער מאַנדזשעיאָוווער גאַס מיט אירע ליכטיקע קראָמען און רעשיקע יידן, וואָס לויפן אַהין און אַהער אין זיי־

ערע טעגלעכע עסקים, און בלייב שטיין
פאַר אַ באַקאַנט הויז. פּלוצעם, ווי אָפּגע־
רעדט, באַווייזט זיך אין טויער מיין גוטע
פריינדין, רעגינע, אַ באַחנטע, שוואַרץ־
אויגיקע, אינטעליגענטע און צניעותדיק־
חסידישע טאָכטער, אָנגעטאָן אין אַ שיין
און לייכט זומערדיק קלייד, ממש אַ ברכה
צו מאַכן, גרייט אַרויסצוגיין אויף אַ שפּאַ־
ציר. מיט אַ שטיל־איינגעהאַלטענער
פרייד באַגריס איך זי, אויף וואָס זי ענט־
פערט אָפּ מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויף
איר פּנים און אַ בליאַסק אין אירע שיינע,
פאַרבענקטע אויגן. זי איז צופרידן מיך
דאָ צו טרעפן, און זיך מיט מיר אַדורכגיין
איבערן גאַס. ווי תמיד איז פאַראַן אַ סך
וועגן וואָס מען האָט צו רעדן. גייען צוויי
יונגע מענטשן ביי אַנאַנדער און פאַר־
קערעווען זיך באַלד אַריין אויף דער בריי־
טער, ליכטיקער שפּאַציר־גאַס, די גלאַוו־
נע, וואָס איז פול מיט אַ טומלדיקן און
פריילעכן שפּאַציר־עולם יונגוואַרג, גימ־
נאַזיסטקעס און סטודענטן לרוב אין דער
היימלעכער אַטמאָספערע פון יונגע און
אַנדערע מענטשן, לעבט מען אויף.

אין אונדזער ביז איצטיקן אויפגע־
רישטן שפּאַציר־גאַנג האָט זיך די אומ־
רויקע שטילקייט אָפּגעטאָן, און מיט אַ
ליבלעכן שמייכל אויף איר באַחנטן פּנים
האָט רעגינע גענומען דערציילן פון אירע
מיידלשע איבערלעבענישן אין שטוב,
פאַראיבלען און פאַרבענקטע חלומות,
וואָס דערפרייען צוביסלעך איר האַרץ
און האָבן נישט קיין שום ממשות. זי לייי־
ענט אַ סך, און גראָד איז זי פאַרכאַפּט פון
אַ וווּנדערלעכן ראָמאַן פון זשעראָמסקין,
העלדישע געשטאַלטן, אָנגעלאָדן מיט
נסיונות, געראַנגל און ליבשאַפט. גיי איך
לעבן איר אַ פאַרטראַכטער אין מיינע
מחשבות און איינגעהאַלטענערהייט דער־
מאָן איך מיין איצטיקע אומרו און ספקות,
גריבלענישן און דילעמעס, פון וואָס עס
איז דערוויל שווער אַרויסצוקומען. האָף
איך אָבער אויף אַ באַלדיקן פּאָזיטיוון
שינוי און דערעגיין צו אַ מער געפלאַנ־
טער און קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, וואָס
זאָל תוכיק אויספילן מיין אינהאַלט.

אַזוי באָענט און האַרציק געשמועסט
שפּאַצירן צוויי יונגע מענטשן צווישן אַ
היימישן עולם יונגוואַרג, האָפערדיק און
טומלדיק, ביז מען הייבט אָן זיך צו צע־
גייען, און די הויפּט־גאַס פון שטאָט מיט
אירע מסחר־קאַנטאָרן, באַנקן און קאַפעען
לערט זיך פּאַוואָליע אויס און דער זומער־
דיקער פאַרמיטאָג־קאַרסאָ האַלט ביים
פאַרענדיקן זיך. אויך מיר ביידע קלייבן
זיך צו גיין אַהיים, איידער עס ווערט
שפּעט. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען אין
דער סוחריש־צעיאַכמערטער, פּוילישער
פּראָווינץ־שטאָט סאָסנאָוויצע, וואָס האָט
געשמט אין דער יידישער וועלט מיט
אירע יידן און זייער מיסחר. עס זענען
געווען אָפּט ליבלעכע און ליכטיקע טעג
פון אַ רעלאַטיווער שלווה און יידן האָבן
זיך געפילט ביי זיך אין דער היים, און
יונגע מענטשן האָבן שפּאַצירט רחבותדיק
איבער די פּויליש־יידישע גאַסן, זיך פאַר־
בענקט, געראַנגלט, און חבריש־אינטים
געשמועסט צווישן זיך וועגן אייגענע
פּראָבלעמען און אַ צוגאָב פון באַטראַכ־
טונגען מכוח יידישע קולטור־פראַגן, כולל
אויך די אַרומיקע וועלט. מען האָט גע־
חלומט פון אַן אידעאַלער צייט פון באַניי־
אונג און געטריישאַפט צום פאָלק, אַ מין
עולם שכולו טוב, סיי פאַר יידן און סיי
פאַר דעם גאַנצן וועלט־אַרום.

און איצט, כמעט דרייסיק יאָר שפּע־
טער, ליגט די אַמאָל ליכטיק־צעשיינטע
יידישקייט אַ דערוואָרגענע און פאַרחרוב־
טע, און אַ שווערע בין־השמשותדיקע
שטימונג אַרום דעם אומזיכערן מאָרגן,
וואָס נאָגט טיף אין נפש. דאָס צינגל אויף
דעם היסטאָרישן מישקולת צעפּאַלט אָן
אויפהער צווישן אַ מיאוסן חייב און אַ
רחמימדיקן זכאי. זאָל שוין באַלד קומען
אַ ישועה, און די צרות פון דעם געפּיי־
ניקטן יידישן פאָלק זאָלן האָבן אַ סוף.

צוריק פון דער פאַראומערטער גאַס אין
דער דירה פון מיין האַרציקער שוועסטער,
נעמט מיך אַרום אַ סטימולירטע וואַרעמ־
קייט. איך פיל מיך ווי אַמאָל אין דער היים
ביי דער מאַמען אין שטוב. עס איז אַן
אייגנדיק־היימישע סביבה, אויסגעבונדן
מיט גרויס גוטסקייט און שוועסטערישער
ליבשאַפט. בעלאַ איז אַ קינסטלערישער
טאַלאַנט און שאַפעריש־סובטעל אין
אירע בריוו. די איבערלעבענישן אין סאָ־
וועטישן גלות זענען געווען האַרטע און

אָפּט ממש אוממענטשלעכע, ביז די משפּחה האָט זוכה געווען ווי פּוילישע בירגערס צו קומען צוריק אַהיים.

איר דירה, ווי די פון אונדזערע עלטערן מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט פון אַ יידיש הויז, איז געוואָרן אין דער צייט פון מוראדיקן אומקום, אויסגערויבט ביזן דנאָ. מען איז געקומען צוריק אַהיים מיט ליידיקע הענט, און דערווייל נאָך לעבט מען פון האַנט אין מויל, און קיין רעכטע היים איז אין דעם נישט־סטאַבילן, צערודערטן מצב נישט פאַראַן. די בענקשאַפט און אומרו איז גרויס. עס איז קיינער נישט איבערגעבליבן פון דער שיינער און פּילצאַליקער משפּחה, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין אַמאָליקן סאָסנאָוויצע. מען פילט די אייגענע אַליינקייט און מען טראַכט אַרויסצופאָרן פון דאַנען, אויב עס וועט נאָך זיין מעגלעך טאַקע קיין ארץ־ישראל און זיין צוזאַמען מיט יידן. גענוג געגלותט אין דער וועלט, זאָל מען שוין געפינען אַ מקום־מנוחה פאַר די אויסגעמאַטערטע גלידער. אַ בלייביקע היים פאַר דעם גוף און נפש.

דעם אמת געזאָגט, שעם איך מיך וואָס זייער ביטערער גורל האָט מיך אויסגעמיטן. איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ זכות איך האָב געהאַט צו זיצן אין לאָנדאָן און מעשה־נס ניצול געוואָרן פון די ביטערע נסיונות און גרויליקע איבערלעבענישן, וואָס זענען באַפאַלן דעם מיזרח־איראָפּעאישן קיבוץ יידן. פאַרבליבן זענען נאָר איינצלנע, שיטערע גרופּעס, פאַרזענגטע שייטלעך פון דער שריפה, און ווייסן נישט ווי זיך צו העלפן. ברוח פיל איך מיך ווי איינער פון זיי, הגם אין אוישוויץ בין איך נישט געווען.

אַז עס קומט דער נאָכמיטאָג מיט אַ קילערער לופט נאָכן הייסן זומער־טאָג, הייבן אָן אַריינצוקומען אין שטוב פון דאָס ניי נאָענטע פריינד און שכנים, אַלע ניצול געוואָרענע פון מוראדיקן בראַנד, מקבל פּנים צו זיין די פריש־אָנגעקומענע געסט פון אויסלאַנד. זיי זענען פאַרבליבענע, לעבעדיקע עדות פון פּיין און גרויל, און עס אַנטפּלעקט זיך ווידער אַמאָל די גרויס פון די ענוים און פּיין וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן אין געטאָ און שפּעטער אין לאַגער. עס איז אַ קאָשמאַריק בילד, וואָס האָט זיין גלייכן נישט. יעדער איינער צעעפנט זיין פּעקל צרות און דערציילט פון זיינע שווערע איבערלעבענישן און פון פינצטערן גורל, וואָס האָט געטראָפן מיט אַלע אַנדערע יידן.

די אויסטערלישע מאַרטירלאָגיע פון פּיין און אָנטמענטשונג האָט גאָר קיין ברעג נישט געהאַט, און וואַרפט אָן אַ צעציטערטן פחד אויפן האַרץ. דאָס פאַרחלשטע נפש ראַנגלט זיך שווער מיט דעם נאָך צוביסלעך קלאָרן שכל, וואָס פרעגט די אייביקע קשיה: איז דאָס די בחירה צו וואָס דער עם סגולה איז דערהויבן געוואָרן אין זיין באַזונדערקייט און תוכיקער אייגנדיקייט? אָבער קיין פשוטער, פאַרשטאַנדיקער תירוץ איז אויף דעם נישט פאַראַן.

וועלנדיק צו נישט וועלנדיק, האָבן יידן שוין אויף זיך מקבל געווען דעם שווערן נסיון פון ביטערן גורל, וואָס האָט כסדר געשוועבט איבער זייערע אָפּט פאַרצווייפלטע קעפּ. דער אַרויספאָדער וועט אפשר נאָך אַ מאָל קומען. דערווייל אָבער מוז מען מיט אַלע כוחות אַרויסראַטעווען יעדן ייד, איידער עס וועט זיך אַראָפּלאָזן אַ נייע פינצטערניש איבער דעם כלל פליטים פון אַן אַנדערן פאַרשנאַהטן ווינקל. צו אונדזער גרויסן באַדויער און ווייטאָג, איז נישט פאַראַן קיין שיער און קיין סוף צו די צרות און באַטראַפלעניש פון כלל פאָלק. ווי דאָס זאָל נישט זיין, יידן מוזן האָבן אַן אייגענע היים, ווו זיי זאָלן קענען לעבן פר זיך און וויזן דער וועלט וואָס זיי קענען אויפטאָן מיט זייער תמציתדיקער אייגנדיקייט, גייסט און גרויס געניטשאַפט און וויסנשאַפטלעכער יכולת, אַ ירושה פון ליכטיקן עבר.

צומאָרגנס גיי איך ווידער אַרויס איבערן שטאָט. די פאַרשטומטע גאַסן און די אויסגעשטאָרבענע יידישע הייזער פאַרגרעסערן נאָך דעם אָנהאַלטנדיקן אומעט. עס פעלן אויס די אַמאָליקע תמיד פאַרנומענע און רעשיקע יידן, וואָס די טומאהדיקע הענט פון די רוצחים האָבן מיטן שורש אויסגעוואָרצלט. אין דער הייסער שטילקייט דרייען זיך אַרום פאָליציי־לייט וואָס גיבן אַכטונג אויף אַ נישט־געשטערטער אָרדענונג אין גאַס, און דאָ און דאָרט זעט מען אַ צופרידע־

נעם, אויסגעפּאַשעטן גוי מיט דער טעקע אונטערן אָרעם פאַרבייגיין. דער שינוי איז גרויס, און מיט שווערלעכע טריט און פאַרצערט האַרץ דערגיי איך צו אַ הויז וווּ עס האַלט זיך דערווייל אויף דער רב פון דער שארית־הפליטהדיקע קהילה, ר׳ אַבּרהמעלע ענגלאַנד, אַ בן־אָבות און פון רבישער גזע. קיינמאָל נישט פאַריאושט, אַדרבא, אין די שווערסטע שעהן פון לעבן איז ער תמיד געווען זיכער אין א ישועת השם יתברך, און אַז עס וועט קומען אַ בייזער סוף צו דער רשעות.

ווי אַנדערש קען אַ ייד טראַכטן און לעבן אויב ער האָט בטחון אין דער בורא עולם, אפילו ווען ער איז גרייט מקדש השם צו זיין. עס איז דער הייליקער רצון פון דעם אין הימל און אַן ערלעכער ייד מוז אַלץ מקבל זיין באהבה. מיט דער האַפטיקער אמונה האָבן געלעבט זיינע אָבות און דורות צעשיינטע יידן. אַוודאי האָבן נישט געפעלט קיין עקדות, מיט נסיונות און חורבן, אָבער דער עם־סגולה, אויסדערווילט פון אַלע אַרומיקע פעלקער, האָט עקשנותדיק אָנגעהאַלטן און באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, ווי שווער עס האָט נישט געזאָלט זיין. דאָס איז יידישלעכע התרוממות מיט אַ ניצוץ פון פנימיותדיק ־ צעליכטיקטער גדלות און התחייבות, וואָס מיר מוזן טראָגן מיט גרויס שטאָלץ פאַר אַ ווייטערדיקן קיום. עס איז די בחינה פון יידישער נצחיות, וואָס איז אַ סימן־טוב פאַר אונדזער קיום.

מיט אַ מאָל פאַרקאַרבט זיך זיין לומדישער שטערן, זיינע פאַרזשמורעטע אויגן באַקומען אַ זעלטענעם גלאַנץ, און מיט אַ פלינקער באַוועגונג בייגט ער צו זיין צעהתלהבותטן קאָפּ צו מיר, און מיט אַ בענקעניש פון טיפן האַרץ זאָגט ער צו מיר: ווו נעמט מען די אַמאָליקע יאָרן מיט זייער פשטות און שיינקייט, און אַ סך פאַרהוילענער קדושה? געדענקסטו נאָך, יענקעלע, אַ שבתדיקן בין־השמשות אין שטעטל, דעם איינגעטיפט ־ פאַרבענקטן ראַדאָמסקער ניגון פון בני־היכלא, וואָס ער מניה וביה גענומען שטיל און פאַרדבקותדיק באַמקען מיט אַ חדווהדיקן צער, און אויסגעלאָזט מיטן „ה׳ רועי לא אחסר, כי אתה עמדי״... וואָס פאַר אַ דערהויבענעם שלוש־סעודות אין דער עדה פון חסידים און סתם יידן, מיט זיין כלות הנפשדיקן געזאַנג, אַז דער שבת קודש גייט אַוועק און עס קומט אָן אַ גרויע, פאַרזאָרגטע און האַרטע וואָכעדיקייט, און דאָס געמיט מיט אַ רעוואָ דרעוואָ האָט אָפּגעהילכט אין אַלע עקן פון חסידישן שטיבל.

היינט פעלן די יידן מיט זייערע תנועות און צעוויטאָגטע ניגונים, די ליידיקייט איז גרויס. מוזן מיר אַלע, על כן, דערפאַר זאָרגן, אַז דאָס ביסל פאַרבליבענע יידישקייט זאָל זיך חלילה נישט פאַרלעשן. ער, ר׳ אברהמעלע, דער מאמין, איז זיכער אַז ארץ־ישראל וועט זיין בכוח אָפּצוהיטן די צאַנקענדיקע קויל וואָס טליעט אין די יידישע הערצער, און אין דעם לאַנד פון די אָבות וועט בקרוב קומען אַ באַנייטער אויפגיי פון גאַנצן כלל ישראל. דאָרט אַהין וועט ער אויך עולה זיין, און דאָרט קומען אל הנחלה ואל המנוחה. אַ ייד מוז האָבן אַ היים, ער קען נישט זיין פאַרוואָרפן אין פינצטערן גלות לעולם ועד.

דעם רבס גוטע און נאמנותדיקע רייד האָבן געהאַט אַ פּעולה. אַרויסגייענדיק פון אים און נישט געקוקט אויף דעם טרויעריקן מצב אין שטאָט, האָב איך מיך געפילט אַ קאַפּעלע לייכטער און צעביסלעך אויפגעמונטערטער. ווי גרויס די באַוואָרעניש איז נישט געווען, האָט פון דעסטוועגן אַ שווערער אומעט געדריקט אין נפש. די שטאָט סאָסנאָווצע, ווי אַ וויכטיקער אינדוסטריעלער און מיסחרצענטער אין דעם זאַגלעמביער ראַיאָן, האָט אין די פאַר׳מלחמה־יאָרן פאַרמאָגט אַ שיינער און וואָגיקן יישוב יידן, מיט קהילה און אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, איז איצט נאָכן חורבן פאַראַן אַן ערך טויזנט יידישע נפשות, וואָס וועלן דאָ נישט פאַרבלייבן. אַ חוץ אַ צאָל אַמאָליקע סאָסנאָווצער תושבים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט נאָך דער באַפרייונג, האַלטן זיך אויף אין שטאָט אַ שפּאָר ביסל יונגע בחורים און מיידלעך אָנגעקומענע פון אַנדערע מקומות, וואָס זיצן אויף זייערע פעקלעך און וואַרטן אויף אַן עליה־טראַנספּאָרט. עס איז אַן איבערגאַנג־צייט, אָנגעלאָדן מיט אומרו און צערודערונג; היינט ווי קען גאָר זיין די רייד פון אַן אָרגאַניזירט

קהילה־לעבן, בראש מיט אַ רב און אַ ריי נויטווענדיקע קולטור און רעליגיעזע אינסטיטוציעס. דער יסוד פאַר אַן אָרגאַניש־אייגנדיק לעבן איז כלל נישט פאַראַן.

קומט מען זיך ווידער אַמאָל צונויף מיט מענטשן אַזוי דערשפּירט מען ווי גרויס עס איז דער פּלאָנטער און די קלעמעניש. דער וויי־געשריי שאַטנט אַלץ נאָך פון זייערע פּנימער. די מוראדיקע איבערלעבענישן לאָזן זיך נישט אַזוי שנעל פאַרגעסן. איך, ווי אַ צוגעפאָרענער גאַסט, זיץ צווישן די געליטענע, ווי צווישן שטענדיקע אבלים, און אַליין איז מען אויך דערשלאָגן. איך קום מיר פאָר ווי אַ פאַרדלותטער בעטלער, וואָס קלייבט טרוימאַטיש־בלוטיקע נדבות פון די געפּלאָגטע און געקרייציקטע נפשות, וואָס זשיפּען קוים. דער לאַנגער גאָלגאָטאַ־וועג פון אוישוויץ האָט איינגעקריצט אַ נייעם קין־צייכן אויף זייער שטערן, וואָס קיין שום גוטע און שמעקעוודיקע וואַסערן קענען נישט אָפּוואַשן. צוזאַמען מיט זיי טראָגט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט אַ צעוויטאָגטן, עניוותדיקן שטאָלץ דעם שטעכיקן אומקום־סימן.

זיצט מען אַזוי אין אַ הייסן נאָכמיטאָג און אַ קרוב דערציילט די שוידערלעכע מעשה פון מיין פעטער פייבל לאַנדויס טויט אין ראַדאָם; אַ בלוטיקע רציחה וואָס קלינגט פון זיין זייט מיט גרויס גבורה און אַ זעלטן־דרייסטן אַרויספאָדער צו די דייטשישע אַכזרים. בשעת די געסטאַפּאָ איז געקומען אים אַוועקפירן אויף זיין גאָלגאָטאַ וועג, האָט ער צו זיי מיט יידישן שטאָלץ אויסגערופן: מיך וועט איר פון דאַנען אַ לעבעדיקן נישט אַוועקשלעפּן. דאָ אויפן אָרט, אין מיין אייגענער שטוב, זאָלט איר מיך דערשיסן. ענטפערט אים דער חוצפהדיק־העזהדיקער געסטאַפּאָוועץ: אַזוי לייכט זאָל דיר, שמוציקער ייד, דייקן טויט ניט אָנקומען! דו זאָלסט ליבערשט קודם־כל פאַרזוכן דעם אמתן טויט וואָס מיר האָבן דיר פאַרגרייט. זאָגט צו אים דער פעטער פייבל: לייגט נישט צו קיין גיפט־רייד צו מיר, איר מצורעים און מערדערס. ווער איז אייער פאַרשאָלטענער פירער און זיינע תלינים, אַ חברה ליידאַקעס, פאַרברעכערס און באַרבאַרן, שענדערס פון מענטשלעכן מין.

דערהערט די רייד פון אַ שטאָלצן ייד, האָט זיך דער צערייצטער געסטאַפּאָוועץ נישט געקענט מער איינהאַלטן, און אין זיין רציחה אויפן אָרט דערשאָסן דעם קדוש ר׳ פייבל־שרגא בן נחום לאַנדוי.

אַן ענלעכע מעשה האָט מען אויך דערציילט פון סאָסנאָוועצער רב, ר׳ ישעיה ענגלאַרד, דעם פאָטער פון שפּעטערדיקן רב, ר׳ אַברהם ענגלאַרד. בשעתו האָט דער יידן־ראַט, בראש פון וואָס עס איז געשטאַנען דער מבוזהדיקער געטאָ־קעניג מערין, צונויפגערופן אַן אסיפה פון רבנים און ניכנעדעיקע געטאָ־פאַרוואַלטערס, כדי צו באַשליסן וועגן אַ דעפּאָרטאַציע פון אַ צאָל יידן, וואָס די דייטשן פאַרלאַנגען. זיצט די אַסיפה און שווייגט... דער צער און די אָנמעכטיקייט איז גרויס און מען ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. מען האָט מורא צו זאָגן אַ ניין, אָבער עס איז נאָך שווערער מסכים צו זיין צו דעם אימהדיקן באַפעל פון די דייטשן. שטייט אויף דער נאמנותדיקער רב, ר׳ ישעיה ענגלאַרד און זאָגט: ס׳טייטש, עס שטייט דאָך אין דער תורה אַ בפירושער דין: „לא תעמוד על דם רעך“. מען טאָר נישט איבערענטפערן אין די הענט פון די רשעים קיין איין איינציקן אומשולדיקן ייד, אפילו נישט אַ קל שבקלים! אַזוי איז דער דין־ישראל, און מען טאָר דערפון נישט אָפּנייגן אפילו אין אַ צייט פון אַ גרויסער סכנה.

דער טראַגישער סוף איז געווען, אַז אויפן אַנדערן טאָג איז ר׳ ישעיה ענגלאַרד געוואָרן אַרויסגעשיקט קיין אוישוויץ, און דאָרט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן אומגעקומען אויף קידוש השם. דאָס איז געווען דער קדושים־וועג פון קליין ביז גרויס, פון מאַמעס און קינדער, מפורסמדיקע רבנים און חסידישע רבאים, צעשיינטע שרייבערס און וואָגיקע בעל־מחשבותן. אַ האַרטער גזר־דין האָט געהויערט איבער דעם קיבוץ יידן אין אייראָפּע.

אין מיין פאַרקלעמטער אומרו גיי איך ווייטער איבער דער יידיש־אויסגעליידיקטער שטאָט. עס איז שבת אויף דער וועלט, אָבער דאָ וואָכעדיק און האַמעטנע. עס פעלן די אַלטע, אָפּגעהיטענע יידן פון אַמאָליקן דור. האַלטן זיך אָבער דאָ אויף אַ חברה חלוצים, בחורים און מיידלעך,

אין אַ פרעמדער, ווייט צעעפּנטער דירה. אין מיין זוכערישן גאַנג, כאַפּ איך מיך צו זיי אַריין אויף אַ ווייל. צווישן זיי געפינען זיך צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד און געראַטעוועטע פון די לאַגערן. איבער וואָך זענען זיי פאַרנומען מיט כלערליי אַרבעטן, און וואַרטן באַזאָרגט און אומגעדולדיק אויף עליה. קומט דער שבת, פאַרברענגט מען דעם טאָג מיט אָפּרו און לערנען, מיט האָפערדיקע געזאַנגען און פריילעכע טענץ. שטילערהייט וויל איך מיך מיט זיי מנחד זיין און זיי איבערגעבן אַ גרוס פון יידן פון יענער זייט גרענעץ, מיט ברכה און הצלחה אויף זייער אויסגעבעטענעם עליה-וועג. פאַרמאַטערט פון די איבערלעבענישן, קוקן די יונגע מענטשן אויס מיד און אויסגעשעפּט. אָבער זיי האַלטן זיך פעסט און דערלאָזן זיך נישט קיין עצבות, ווי אַמאָליקע גוטע יידן און חסידים, צו זייער האַרץ. מען איז אויפגערוימט, האָפערדיק און פריילעך, אַ מחיה. פאַרגייט מען אין אַ טענצל, מען קלאַפּט פריילעך מיט די הענט, און אַ לוסטיקער געזאַנג הילכט אָפּ אין אַלע עקן. פון אַלע אברים שלאָגט אַ קוואַל פון האָפענונג און דערהויבענע פרייד.

עס איז געווען אַ זעלטענער שבת-תענוג צו פאַרברענגען אַ שעה-צוויי מיט דעם לעבן אין ארץ-ישראל. אייניקלעך פון עולם יונגוואַרג, וואָס גרייט זיך צו אַ ניי אַמאָליקע חסידים און מקובלים זען פאַר זיך די גאולה מיטן אויפגיי פון אַ ניי, צעשיינט יידיש לעבן אויף דעם פאַרלאָזטן האַרטן באָדן פון לאַנד ישראל.

אויף צומאָרגנס, זונטאג דעם 27טן יולי איז געווען תשעה באָב. ווי דער שטייגער איז, פאַסטן געטריייע און אָפּגעהיטענע יידן און באַקלאָגן מיט הייסע טרערן דעם חורבן פון בית-המקדש, און נישט צולעצט דעם גרויליקן אומקום. מיין שוועסטער און שוואָגער נעמען מיך אויף קבר-אָבות צום סאָסנאָווצער בית-עולם. שטייען האַלב-צעבראָכענע און פאַרטומאַהדיקע מצבות און שורות קברים פון פאַרשניטענע יידן אין געטאָ, וואָס האָבן נאָך זוכה געווען צו אַ קבר-ישראל. דאָרט שטייט אויך אַ פרישע מצבה, אַ מין סימבאָלישער אָנדענק נאָך אונדזער פאַרפייניקטן פאָטער יוסף לוי, הגם קיינער ווייסט נישט צי דאָס איז זיין אמתער קבר. מיט אַ פאַרשטומט האַרץ שטיי איך, דער זון, און זאָג מיין פאַרציטערטן שטילן קדיש. פאַר אונדז קינדער איז דער קדיש נאָך אַ טייערן טאַטן און אַמאָליקן ראש-הקהל אין שטאָט, איז דאָס אַ באַהאַלטענער טרייסט נאָך דעם אומקום וואָס האָט זיך דאָ געטראָפן פון אַ סך אַנדערע יידן..

באַלד דערנאָך זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויפן צווייטן, מערדעריש-גרויסן בית-עולם פון אוישוויץ. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין מיין געבוירן-שטעטל מאַנדזשעוו, אין דער באַענט פון סאָסנאָווצע, דעם אַמאָליקן יידישלעך-טומלדיקן כרך. דאָס מקום איז פאַרלאָזט און פוסט, מען זעט קוים אַ מענטש פאַר די אויגן, פון אַ ייד שוין אָפּגערעדט. דער ברייטער מאַרק שטייט פאַראָבלט; די פאַרקרומטע, הילצערנע הייזקעס מיט די אַמאָליקע געוועלבלעך זיינען אויסגעליידיקט; דאָס לעצטע ביסל האָב און גוטס פון יידן — אויסגעראַבעוועט. אין די פאַרבליבענע עטלעכע געמויערטע הייזער וווינען איצט נייע גויישע בעלי-בתים. פון אַנדערן עק מאַרק ווינקט צו מיר דאָס יוסט-געבויטע הויז מיט דער גרויסער דירה פון באָבע-זיידן, וואָס קוקט אויך מוראדיק פאַרחושכט אויס. פון שטעטל האָט זיך אָפּגעטאָן זיין אַמאָליקער יידישלעכער חן און טעם, און פאַרבליבן אַ וויסטער יתום, ממש אַ העק.

מיר גייען פאַרביי דער אַלטער, הילצערנער שול, ווו דורות יידן האָבן געדאַוונט, געפּראַוועט שבתים און יום-טובן, און צו תשעה-באָב געזאָגט קינות און געפאַסט ווי אַ זכר פאַרן חורבן פון ירושלים. פאַרברעכערישע הענט האָבן נישט בלויז געראַבעוועט און צוגעהאָלפן דעם יידישן אומקום, נייערט האָבן דערצו אויך נאָך פאַרברענט די שיינע שטעטלדיקע שול מיט באַלבאַטישקייט און די ספרי-תורות.

דאָס האַרץ-קלעמעניש וואַקסט אַז מיר קומען צו דעם נאָענטן אַלטן בית-הקברות. דאָס טויער און די אַרומיקע מויערן איינגעבראָכן, די מצבות און קברים געשענדט און דערצווישן פאַשען זיך קאָזעס אויפן

פּריש־געוואַקסענעם גראָז. דער הפקר און חורבן איז אין לשער, און דאָס האַרץ ציטערט אין גרויס ווייטאָג. נישטאָ קיין אָנצייכעניש מער פון אַ יידישן עבר, אַלץ איז פאַרחרובט, און די חרפה פאַר דעם אָנגעפאָרענעם קבר־אָבותניק האָט גאָר קיין שיער נישט געהאַט.

אין דרויסן זענען געשטאַנען פּראָסטע גויטעס און האָבן געמאָטלט און דאָס קליינוואַרג — זיך פריילעך געשפּילט. מיט אַמאָל דערזע איך צוויי מיטליאָריקע שטעטלדיקע חברה־לייט, אַמאָליקע בעלי־עגלות, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון אומקום און זיך האַלב־פאַרשעמטע און פאַרלוירענע אין דער אַרומיקער לײדיקייט. מיר האָבן זיך באַגריסט און פריינדלעך אויסגעפרעגט וואָס מען מאַכט און ווי עס לעבט זיך זיי. מען האַלט, האָבן זיי מיר געזאָגט, ביים פאַרלאָזן דאָס העק און זוכן אַ נייעם מקום־מנוחה.

צערודערטע און דערשלאָגענע פון שטעטלדיקן תוהו־ובוהו פאָרן מיר ווייטער איבער דעם זאַגלעמביער קוילן־ראַיאָן, מען זעט פאַרהאָרעוועטע שאַכטיאָרן און פויערים וואָס שלעפּן זיך אויף זייערע וועגענער אין דעם נאָענטסטן שטאָט־ישוב אָבער עס איז אין ערגעץ נישטאָ קיין סימן פון אַ ייד. מיט אַ שווער געמיט דערנענטערן מיר זיך צו דעם פאַרבלוטיטן אוישוויץ, דעם מקום ווו מען האָט אויף אַ נייעם גאָלגאָטאַ געקרייציקט דעם פאַרבליבענעם רעשט פון יידישן פאָלק אויף דער פּוילישער ערד.

ביים אַריינגאַנג אויף דעם מויער פון דעם אַרומגעצוימטן און שטאַרק־באַפּעסטיקטן לאַגער, שיינט נאָך איצט אַראָפּ דאָס חוזק־שילד „אַרבעט מאַכט פריי.״ אומקום־פּלאַץ דערזעט מען אַ שורה פון אַריינקומענדיק אין דעם אָן אַן עק ריזיקן לאַנג־צעצויגענע באַראַקן פאַר די אויף „אַרבעט״ פאַרשלעפּטע אומגליקלעכע יידן. אָפּגערוקט פון דאַנען, אין דער נאָענט שטייען די מאַסיווו געבויטע גאַז־קאַמערן, און אויף זייערע אַרויסשטאַרצנדיקע קוימענס ליגט נאָך אַ רעשטל פאַרהוילענער טומאַן פון זייער פינצטערן רויך וואָס פאַרשפּרייט אַן איבלדיקייט אין דעם ווייטן פאַרשטילטן אַרום. דאָ אַהער האָט מען געטריבן די אומגליקלעכע מענטשן, ווי סטאַדעס שאָף צו דער שחיטה.

אַן אימהדיקע בהלה און אַ שווערער פּחד באַפאַלט דאָס האַרץ, וואָס בלייבט פאַרקלעמט און פאַרשטומט פון גרויס צער און ווייטאָג. אין די דאָזיקע פינצטערע, אימת־המוותדיקע קאַמערן האָבן די אַכזריותדיקע רוצחים אויסגעפירט מיט אַ דייטשיש־סיסטעמאַטישער פּינקטלעכקייט זייער ביטערן גזר־דין.

ווער איז בכוח אַרויסצוברענגען איבער זיינע ליפּן, אָדער גאָר צו שילדערן מיט בלוט־געשריבענע ווערטער דעם מוראדיקן בראָך וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק, און צי דער איצטיקער חורבן איז נישט געווען גרעסער פון יענעם פאַרצייטישן נאַציאָנאַלן חורבן, וואָס מיר באַוויינען אין דעם היינטיקן תשעה־באָב?

אין דער הייסער זומערדיקער לופט קלינגט נאָך אָפּ די אימהדיקע יללה פון טאַטע־מאַמעס און קינדערלעך, וואָס האָט צום טויט פאַרפייניקט און צום סוף פאַרסמט אין די גאַז־קאַמערן. גרויס איז געווען דערמאָרד און די עקידה פון די אומשולדיקע מענטשלעכע קרבנות, וואָס אפילו אַ גוטער מלאך פון הימל האָט נישט געקענט אָפּשטעלן. די צעפּייניקטע איבערלעבענישן וואָס מען טראָגט אין זיך קען מען נישט פאַרגעסן, הגם, אויב מען מעג פאַראַפראַזירן לייוויקס באַקאַנטן זאָג: „אין מאַידאַנעק בין איך נישט געווען״, אָבער אַ לעבעדיקער עדות פון די רציחות אין אוישוויץ בין איך שפּעטער יאָ געווען. דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט אויף דער פּוילישער ערד שרייט אַלץ ווייטער צום הימל, און וועט בלייבן אַן אייביקער קיינצייכן אויף אַלע צייטן.

צעטראָגן און אין נפש צעבראָכענע גייען מיר ווייטער אין דער טויטער שטילקייט וואָס הערשט איצט איבער דעם אויסגעליידיקטן, אַמאָליקן אומקום־לאַגער. מען קומט זיך פאָר ווי מען וואָלט זיך געפונען אויף אַ פאַרלאָזטן בית־עלמין, אָבער אָן מצבות. די סימנים פון אַמאָליקן לעבן האָבן זיך ווי עס איז אויפגעהיטן אין די באַראַקן, ווו רעשטלעך פון אַ רייכן טיש, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די טראַגיש אומגעקומענע. אין אונדזער פאַר־

מאַטערטן און שווערן גאַנג איבערן לאַגער, קומען מיר צוריק צו די הילצערנע קאַזעמאַטן, וווּ מען האָט תחילתדיק געהאַלטן אין נויט און פּיין די מענטשלעכע קרבנות, ביז מען האָט זיי גרויליק פאַרברענט אויפן עקדה־מזבח פון די פינצטערע גאַז־קאַמערן.

אין די קאַמערן פון די באַראַקן זענען אויפן דיל אויסגעלייגט אַ שפּאָר ביסל שטובזאַכן און אַנדערע פּערזענלעכע חפצים פון אַ יידישער בעל־בתישקייט, וואָס אַנגסטיק־פאַרפירטע יידן האָבן מיטגענומען אויף זייער וועג קיין אוישוויץ. יעדעס שטיקל, יעדעס פּיצל אייגנס רעדט קלאָרע דיבורים. דערשלאָגענע דערזען מיר קעבלעך אין וואָס אידעלע מאַמע־הענט האָבן אויף שנעל פאַרפּאַקט אַ ביסל עסנס און געטראַנק פאַר די קינדערלעך אונטערוועגנס, בשעת דער דעפּאָרטאַציע אין ענגע, איבערפילטע וואַגאָנען פאַר בהמות. אין זיי האָט מען טראַנספּאָרטירט מענטשן צום טויט. איצט שטייען אויסגעשטעלט אין אַן אויסגעסדרטע שורה כלים פון דער קיך, כשרע טעפּ און ראָנדלען, ערדענע טעפּלעך און לעפל, אַ ביסל פאַרבליבן גלאָזוואַרג, וואָס די תמימותדיקע פאַרפירטע מאַמעס האָבן מיטגענומען ווי אָנגעפּאָרענע מחותנים אויף אַ חתונה אין אַ שטעטל. ליגן דערביי אַרום אויסגעליידיקטע טאַשן און קערבערס, קעמלעך און בערשטלעך, און יונגע פרויען האָבן נישט פאַרגעסן זייער ווייבערישן פּוצוואַרג, פּודער־שאַכטלען און שמינקע.

מיושבדיקע יידן האָבן מיט אַ פרום, צעבראָכן האַרץ איינגעפּאַקט זייער טלית און תפילין פאַר אַ קדיש און ברכו ביים דאַווענען. ליגן איצט אַרום, שיינע ייחוסדיקע טליתים מיט שמאָלע, בלויע פּאַסן פון אָרעמאַנסקן עולם און חסידישע לומדים. פאַרפירטע, גלייביקע מענטשן האָבן אַלץ נאָך געהאָפּט אויף אַ שטיקל נס מן השמים, אַז זיי וועלן איבערקומען דאָס רישעות און אַרויס פון דער סכנה בשלום.

ווי צעטומלט דער קאָפּ איז נישט געווען, האָט דאָס לעבעדיקע אויג דערזען אין דער ליכטיקער שיין פון טאָג, דאָ דאָרט הויפנס שירעמס, שטעקנס פאַר אַן אָנלען פון אַ זקן, און ברילן. דערצו זיי־
און דאָך געשטאַנען אַ צאָל קוליעס פון בעלי מומים, און פאַרבליבענע בראָכגאַרטלען פון די אומגעקומענע.

אַ פאַרשטומטער שוידער איז אַדורך אַלע אברים, בשעת מען האָט זיך איינגעקוקט אין די תשמישי־קדושה, די פּשוטע און מיט זילבער אָרנאַמענטירטע טליתים, וואָס יידן האָבן אָנעטאָן ביים דאַווענען, סיי אין דער וואָכנס און סיי אין שבתים און ימים־טובים, און אין אַ פאַרשטומטן אופן דערציילט פון שטאָלצער פרייד און אַ קאַפּעלע הרווחה אפילו אין שווערע, שפלותדיקע טעג. עס האָט אויסגעזען ווי די פאַרשעמטע און פאַרשוועכטע טליתים וואָלטן שטילערהייט געוויינט, און צוזאַמען מיטן פאָלק ישראל באַקלאָגט דעם מוראדיקן חורבן אין טאָג פון תשעה באב. האָט זיך פון זיי געטראָגן אַן אימהדיקער וויי־געשריי פון בזיון און שפלות, אַן אויסגעשריי, וואָס האָט פון בורא־עולם פאַרלאַנגט אַ תשובה אין זיין איבערצייטיקן וועלט־חשבון און ייד זיין. די פאַרשוועכטע און דערנידערטע טליתים, דוכט זיך, טענהן זיך אויס מיטן רבונו של עולם און פרעגן אים, ווי לאַנג וועט דאָס רישעות נאָך געוועלטיקן, און יידיש בלוט וועט זיך פריי גיסן אויף אַלע וועגן און שטעגן?

עס איז אַ פאַרשוויגענע דין־תורה מיט כביכול אַליין פאַרוואָס ער דערלאָזט דאָס אַלץ געשען. די לעבעדיקע עדות זענען געוואָרן פאַרשניטן אין אַ ים פון שגעונדיקער פאַרטיליקונג, רייסן איצט די שטומע טליתים איין וועלטן און פאַרלאַנגען אַ גערעכטן משפּט! זיי פאָדערן נקמה פון די רשעים, און באַגלייך אַ רפואה מיט אַ ישועה פאַר דעם פאַרבליבענעם קראַנקן שארית־הפליטהדיקן גוף. אויב, רבונו של עולם, טענהן די פאַרשוויגענע וויסטע טליתים, וועסט אויסהאַלטן די גאולה פאַר דעם איצטיקן דור, זענען מיר בטוח אַז דו וועסט זי מוזן ברענגען צו אַן אָפּגעלאָזטן, אָפּגעפרעמדטן און פאַרגוישטן דור יידן.. וועט דאָס זיין בילכער?

אַ טראַומאַטיש אויפגעציטערטער פון די איבערלעבענישן, בין איך אַרויס פון דער אימת־המוותדיקער שטילקייט פון אוישוויצער לאַגער. גרויס איז געווען

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## אָוונטיקע פייגל כּאָרן

מיינע לידער, אָוונטיקע פייגל־כּאָרן,
ליגן אונטער צפונדיקע פאַרשנייטע יאָרן.

אין מדבר־ווינט זיי שלעפן זיך געבויגן,
וויינענדיק זיי גריזשען מיינע אויגן.

צווייגן הוידען לעבערדיקע נעסטן,
וויגעס פייפן אין מיין שלאָף געפרעסטן.

ביימער איינגעקורטשעטע אין שנייען,
מיר זינקען אין די ביטערע זאַווייען.

געפרוירענע, אויף אומבאַקאַנטע שליאַכן
מיר פאַלן פון די הענגענדיקע סככן.

דורך פּראָסטיקע שפּאַרונעס פון וואַגאָנען
מיניען זיך פאַרשיקטע עשאַלאָנען.

הינט צערייצטע אויף די פייגל בילן,
אין מיין נאַכט־זכרון עגבערן די גרילן.

אונטער צפון־אייז געשוואָלענע און מידע
גליען מיינע פלאַטערדיקע יונגע לידער.

## הנשמה לך

אין איציק מאַנגערס דרימל־לאַנד
איך שלעף זיך אַרום — אַ גרינער פראַנט.

אויף גויאישע פעלדער, געקאָסעט היי,
מיט הינט־געביל און האָן־געקריי.

די וואַרטע הוידעט צעבראָכענע וויגן,
ווערבעס זינגען אַ מאַזשיצער ניגון.

קרומע ליקלעך, שטיינער און גריבער,
ס'גאַפן אויף מיר ליידיקע שטיבער.

באַלעגאַליש סומנע פאַרטאָגן
גייען אין קלייזל תהילים זאָגן.

דער טויער פון היימישן הויף איז אָפן,
נאָר מיינע בידנע פייגעלעך שלאָפן.

באַלקאָנען הענגען פוסט און וויסט,
טויבן־שנאָרער גראַבלען אין מיסט.

אין פענצטער אַ חלום זשיפּעט קוים,
האַרבסטיק וויינט מיין עפּל־בוים.

דער זיידע אין שקיעהדיק געמיט
עפנט די טיר פאַר מיין וואַנדער־ליד.

כ'טו אויס די לאַפּטשעס פון וואַגלוואַך:
הנשמה שלך והגוף שלך...

---

די פיין און גרויל פון דעם וואָס מען האָט
געזען, און אפשר נאָך גרעסער דער סאַ־
מע אַרויספאָדער, וואָס האָט טיף גענאָגט
אין האַרץ. ווער איז בכוח מפרש צו זיין
און פאַרענטפערן דעם ניגלה און ניסתר
אין די געשעענישן אין לעבן פון יידישן
פאָלק, ביז עס וועט קומען די רעכטע צייט
פון אַן אמתער גאולה פון יידישן פאָלק
ישראל אין ארץ ישראל, און באַגלייך אַ
יושרדיק אויפריכטעניש אין דער אַרומי־
קער וועלט בכלל.

(לאָנדאָן, כסלו־טבת, תשד"ם)

* * * * *

רעדאַקציע באַמערקונג: דער סוף פסוק
אַרום דעם מחברס נסיעה איבער די
שטעט און שטעטלעך פון מדינת פוילן
אין יענע טעג, וועט זיך דרוקן אין דער
קומענדיקער אויסגאַבע פון „חשבון“.

# ווען די פייגל וועלן אויפהערן זינגען

מיין זון, מ אַ ר ק

אַז זיי וועלן אויסגליען דעם גײַאָמער,
פֿאַרמאַטערן דײַן שווערן טאָג ביז ווערן טויב,
וועסטו אין אַ יחידותדיקן ווינקל אַוועק זיך שאַרן
און בלעטערן מײַנע לאַנג־פֿאַרגעסענע צערן,
וואָס האָבן אין דײַנע קעלערן געשטויבט.

אויף שטראָזן טונקעלע כ׳וועל דיר מיטגעבן
מײַנע צעוווּנדיקטע לאַגער־שיך,
די מגילה פֿון היימלאָזן פּײַן און צערידער,
אַ טאָרבע גלויביקע לידער.

ס׳וועלן פֿייגל טרויעריקע אויפֿהערן זינגען
אויף אונדזער נאַקעטן בוים,
נאָר דו וועסט אָפּשימלען די נאָטן פֿון אַ הונגעריקן טרוים ;
אין סידור פֿון מאָרגן־טוי וועסטו דאַווענען
לאַנג פֿאַרגעסענע ניגונים,
געטובלטע אין מײַן טאַטנס ברונעם.

ווען אַ דורשטיקער וועסט זיצן בײַ פֿרעמדע טישן,
וועסטו זיך קוויקן מיט מײַן מאַמעס זומערדיקע זאַפֿטן,
אויפֿן געלעגער פֿון אַלע פֿינצטערנישן
כ׳וועל דיר זײַן אַ חלום־קישן.

מײַן ליבע וועט דיך ראַטעווען פֿון וואָלקן־בראָך,
און אין דער נאַכט אָן שטערן,
בראַנדיקע ווולקאַנען,
וועסטו עפֿענען דײַנע אויגן פֿאַרטאָג
מיט אַ בײַ־צעבלויטן מ ו ד ה א נ י.

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

## שטילע וואַסערן

כ׳הער זיך איין אין שטילע וואַסערן
ווען זיי ציטערן און רינצלען
ביים מינדסטן בלאָז פון ווינט.
כ׳זע דאָס וואַסער אין ווינט,
כ׳זע דאָס אָרט פון לייכטע טריט.
דער מאַמעס ווערטער
ביים בענטשן ליכט
צו מיינע זיבן יאָר:
יתום מיינער,
דיין גורל איז וואָר!

***

פונעם שלאָף האָב איך דערוואַכט
מיט אויפגעריסענע אויגן:
ווו בין איך געווען?
ווער האָט אויפגעהאַלטן דעם שלאָף?

דער הימל אָן וואָלקנס,
דער רויך פון קרעמאַטאָריעס,
דאָס פייפן פון סירענעס?

ווער האָט פאַרטויבט מיין ליד?

***

אויף שוימיקע כוואַליעס געטראָגן —
די יוגנט קאָן גאָרנישט פאַראויסזען.

אין גאַנג אויף דיין וועג,
ווערט צונישט דיין פאַרמעג.

אין שאָטן פון צעשטערטע ווענט,
ביסט געבליבן מיט ליידיקע הענט.

דער אומרו רוישט אין די צווייגן.
דער ווינט בלויז וויל נישט שווייגן.

## ווער וווינט אין מיין הויז?

ווער וווינט אין מיין הויז?
צי איז דאָס הויז פאַר מיר געבויט?
איך קריך אויף דער ערד
אונטער אַ פאַרטונקלטן הימל.
מיר איז באַשערט
צו צינדן יאָרצייט־ליכט
נאָך שטערן,
אַראָפּגעפאַלענע פן מילכוועג־שיכט.
געבליבן איז פאַר מיר ווייניק —
בלויז
מיטן מענטשן־מין צו בלייבן איינציק.

שרה ליינער

# משה רבינו, אונדזער פאַרהייליקטער פאָלקס־העלד

(לכבוד פסח)

ער איז אונדזער לערער, דער גואל, דער אדון הנביאים. ער ווערט געשילדערט אין דער רייכער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור מיט אַזוי פיל חן און ליבשאַפט. די אַנאָנימע דיכטערס פון דער לעגענדע ברענגען אַרויס די אייגנשאַפטן פון זיין קאָמפּליצירטער נאַטור אין אַלע אירע פּאַזן אויפווייזנדיק די דינסטע שטריכן און נואַנסן פון זיין כאַראַקטער, אָבער זיי זוכן אים ניט צו פאַרגעטערן, פאַרגעטערן אַ מענטשן איז קעגן יהדות. קיין מענטש איז ניט קיין ג־ט, דערפאַר זיינען מיר קעגן וועלכן עס איז פּערזאָנען־קולט. זיי שילדערן אים טאַקע ווי דער אויסדערוויילטער מענטשלעכער עקזעמפּלאַר, ווי רבי יהודה הלוי רופט אים אָן: דער אָדם העליון, דער סופּער־מענטש, אָבער דאָך אַ מענטש. זיי זוכן נישט צו פאַרדעקן זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן און אומבאַהאָלפנקייט. אַ מענטש איז זינדיק, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין. זעען מיר אים טאַקע מיט זיינע מעלות און חסרונות, שטרענגקייט און מילדקייט, צאָרן און מחילה, שטראָף און באַלוינונג, שטאָלץ און ענוות. דאָס אַלץ בייט זיך אין פאַרלויף פון דעם וווּנדערבאַרן עפּאָס וואָס הייסט משה רבינו.

ווי אַ ליכטיקע זון אַזוי שיינט אַרויס משה'ס נאָמען אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. אירע שטראַלן דרינגען דורך די אַלע יאָר־טויזנטער און וואַרעמען און באַלייכטן יעדער ווינקעלע פון דער וועלט זינט זיין געבורט ביז איצט און וועט אַזוי שיינען ביז אחרית הימים, ביז די ענדע פון די טעג.

משה'ס געשטאַלט אינטריגירט היינט ווי אַמאָל די פאַנטאַזיעס און געמיטער פון פאָרשער און דיכטער אין אַלע צייטן. עס רייצט דעם דמיון פון דער גאַנצער מענטשהייט, סיי ביי יידן און סיי ביי די אומות העולם. די גרויסע וועלט־חכמים האָבן געפּרוווט אויסטייטשן אָט די געשטאַלט פון דער אוניווערסאַלער איינמאָליקער פיגור אויף זייער אופן. פיל פון זיי מיט געהעריקער אנערקענונג, און אַנדערע — מיט פיינטלעכער קריטיק. עס פּאָלעמיזירן היינט ווי אַמאָל אָנהענגערס פון פאַרשידענע רעליגיעס; מאָלערס און סקולפּטאָרן פון פאַרשידענע פעלקער זוכן מיט פּינזל און דלאָטע צופּאַסן לויט זייער כוח הדמיון דעם מין מענטש וואָס הייסט משה.

דאָס לעבן און מהות פון משה רבינו גייט דורך די פיר חומשים, אָנהייבנדיק פון די ערשטע פסוקים פון ספר שמות ביז דעם לעצטן פסוק פון ספר דברים. נישט נאָר דער חומש, אויך דער תלמוד בבלי און ירושלמי. די בעלי אגדה און מדרשים האָבן דורך טויזנטער יאָרן נישט אויפגעהערט צו דרשענען יעדן פסוק וועגן משה'ס לעבן און טאָטן. זיי האָבן מיט ליבשאַפט נאָכגעפאָלגט יעדן שטריך, יעדן אות און נישט אויפגעהערט צו פלעכטן קרוינען פאַרן קאָפּ פון משהן, דעם געטלעכן מאַן וועלכער האָט פון האַלב־פּרימיטיווע שבטים, פאַרשקלאַפּטע ביי ליים און ציגל, דורך די עגיפּטער, פון זיי האָט ער אויסגעפורעמט אַן אייביקן בנין, אַ פאָלק מיט חוקים און משפּטים פאַר רעליגיעזער און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

משה האָט געליגט זיין חותם אויפן געדאַנק און לעבן פון דעם גאַנצן מין מענטש, צי די וועלט האָט עס אָנגענומען אָדער נישט.

דער חומש דערציילט קורץ, אַז משה איז געבוירן געוואָרן אין מצרים, צו זיינע עלטערן עמרם און יוכבד, ביידע פון שבט לוי, אין אַ תקופה פון גרויס קנעכטשאַפט. פּרעה, דער נייער דעספּאָטישער קעניג, האָט זיך מיט אַ מאָל דערשראָקן פאַר דעם דערפאָלג פון די יידן, האָט ער אָנגעהויבן אויפצוהעצן דאָס פאָלק קעגן די יידן. די יידן קענען נאָך פאַרנעמען דאָס לאַנד

אויב מיר וועלן זיי לאָזן צו וואַקסן און און מערן זיך. האָט ער אָנגעהויבן מיט פאַרפאָלגונגען און גזירות, וואָס האָבן געפירט צו ענדלעכער פאַרשקלאַפונג.

אין אַזאַ תקופה איז משה געבוירן געוואָרן. די אגדה דערציילט, ווען משה איז אויף דער וועלט געקומען איז דאָס שטיבל פול געוואָרן מיט ליכטיקייט. „ותרא אותו כי טוב הוא", זיין מוטער האָט געזען אַז עס איז אַן אויסנאַם פון אַ קינד. צוליב דער גזירה פון פרעהן מלך מצרים אַריינצוואַרפן יעדעס ניי־געבוירן יידישן ייִנגל אין טייך, האָט יוכבד, זיין מוטער, אים אויסבאַהאַלטן דריי חדשים. ווען זי האָט שוין מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן, האָט זי אין גרויס פאַרצווייפלונג אים אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע און עס אַוועקגעלאָזט אויפן שטראָם פון דעם נילוס טייך אויף ג־ט'ס באַראָט, אָבער מיט אַ תפילה אין האַרצן, ג־ט'ס האַנט זאָל אָנצייכענען זיין וועג. זיין שוועסטער מרים שטייט פון וויטן און קוקט זיך צו וואָס דאָ וועט פאַסירן. די מעשה גייט וויטער און יעדער חדר־ייִנגל ווייסט עס. פרעה'ס טאָכטער קומט צום טייך זיך באָדן מיט אירע באַדינערינס און דערזעט דאָס שווימענדיקע קעסטעלע. זי פאַרשטייט אַז דאָס איז אַ יידיש קינד. זי האָט רחמנות און קעגן די עצות פון אירע באַדינערינס אים צו טויטן, באַשליסט זי אים צו לאָזן לעבן. מרים, וואָס שטייט פון דער וויטנס, גייט צו און פרעגט איר אויב זי וויל זי זאָל גיין רופן אַ יידישע אַם אָנצוזייגן דאָס עופהלע. בתיה בת פרעה רופט אָן דאָס קינד מיטן נאָמען משה, „כי מן המים משיתוהו".

אַוודאי האָט ער געהאַט אַנדערע נעמען ווען ער איז געווען ביי זיין מאַמען. אין דער גאַנצער תורה אָבער ווערט ער אָנגערופן נאָר מיטן נאָמען משה, ווי די פרינצעסין האָט אים אַ נאָמען געגעבן. און ג־ט אַליין רופט אים נאָר מיט דעם נאָמען. ווען דאָס קינד ווערט אַנטוויינט ברענגט אים די פרינצעסין אַריין אין קעניגלעכן פאַלאַץ ווי איר אַדאָפּטיטער זון און ווי אַן אייניקל פון פרעהן אַליין און ווערט דערצויגן ווי אַן עגיפּטער.

דער קליינער פרינץ איז באַליבט ביי אַלעמען. פרעה אַליין שפּילט זיך מיט אים, האַלט אים אויף זיין שויס. די אַגדה דערציילט, אַז איין מאָל האָט משה אויסגעשטרעקט זיין הענטל און אַראָפּגעצויגן די קרוין פון פרעה'ס קאָפּ און עס אָנגעטאָן אויף זיך. דער מלך מיט זיין סוויטע ווערן דערשראָקן. זיי זעען אין דעם אַ שלעכטען סימן, אויסטייטשנדיק דאָס אַז משה וועט ברעכן פרעה'ס מלוכה. גלייך האָבן זיך געיאַוועט די „גוטע" יועצים — צווישן זיי אויך דער מכשף בלעם — און געזאָגט, עס איז טאַקע אַ געפאַר צו לאָזן לעבן דאָס קינד. האָט מען געמאַכט אַ פּרווו: מען האָט אַוועקגעשטעלט צוויי געפעסן, איינס מיט בלישטשענדיקע דימענטן און איינס מיט ברענענדיקע קוילן. וועט דאָס קינד כאַפּן די דימענטן וויזט עס אַז ער איז זייער קלוג און טאַקע אַ סכנה פאַרן טראָן; מען דאַרף אים טויטן. די אַגדה דערציילט, אַז דער גוטער מלאך גיט אַ שטויס דאָס הענטעלע פון קינד צו די ברענענדיקע קוילן. דאָס קינד כאַפּט אַ קויל, נעמט דאָס צום מויל און בריט אָפּ זיין צונג. דערפאַר איז ער פאַרבליבן אַ „כבד־פה" און „כבד לשון", אָבער משה בלייבט לעבן כדי דורכצופירן זיין שליחות אַלס דער צוקונפטיקער גואל פון זיין פאָלק.

אגב, אין אונדזער צייט האָט אויך זיגמאַנד פרויד זיך פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָבלעם משה רבינו. ער האָט געוואָלט באַווייזן אַז לויטן אָפּשטאַם איז משה געווען אַ מצרי און זיין ג־ט באַגריף, דעם מאָנאָטעיזם האָט משה איבערגענומען פונעם עגיפּטישן הערשער אַכנאַטאָן. אין זיינע עלטערע יאָרן האָט פרויד איינגעזען אַז ער האָט זיין טעאָריע נישט באַוויזן.

משה וואַקסט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. ער געניסט פון אַ צווייזייטיקער דערציאונג. פון איין זייט — אַ שטאָלצער פּרינץ. ער געפינט זיך אין צענטער פון דער העכסטער ציוויליזאַציע פון יענער צייט: די מעכטיקע רייכע מצרים. ער האָט אַ צוטריט צו אַלע דאַן באַוווּסטע חכמות וואָס די חרטומים, די פּריסטער־קאַסטע האָט געלערנט נאָר צו די איינצלנע, די

יחידי־סגולה, הויך־פּריווילעגירטע אין דעם פאָלק. אויסערלעך איז ער אינגאַנצן אַסימילירט, ער לעבט אין אַ מצרישע סביבה, טראָגט זייער רייכע, מיט גאָלדבאַהאָנגענע קליידער, פירט זייער אַרט לעבן פון געוואַלטיקן לוקסוס; אָבער, ווי די אגדה זאָגט: זיין שפּייז איז יידישע מוטער־מילך; פון קיין מצריות וויל ער נישט זויגן. זיין מויל וואָס דאַרף שפּעטער ריידן מיט ג־ט קען קיין אומריינע מילך נישט זויגן; ער קען עס נישט פאַרדייען.

צוזאַמען מיט דער מילך האָט ער איינגעזויגן אין זיך די ליבע צו דער פּשוטער אָרעמער אָבער ערלעכער פרוי וואָס פלעגט אַזוי ליידנשאַפטלעך אַרויפוואַרפן אירע אָרעמס אויף אים מיט אַ באַהאַלטענער, פאַרשטיקטער מוטער־ליבע.

דער אַלטער עמרם פלעגט אים דערציילן פאַרשיידענע מעשיות פון אַ סעמיטישן שבט, אַן עברים־פאָלק, פון זיינע אָבות, וואָס האָבן געטאָן מעשים טובים; פון יוספן, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס מצרישע פאָלק פון הונגער, און וואָס אַ דאַנק זיינע פעיקייטן האָט ער דערגרייכט צו אַ משנה למלך. ער האָט אים דערציילט אַז די שבטים זיינען אַהער געקומען נישט אַז אַ דערלויבעניש, נאָר איינגעלאַדן פון פרעהן אַליין. און אַז ער, פרעה, האָט נישט קיין רעכט זיי אַזוי צו פייניקן און פאַרשקלאַפן.

די דערציילונגען פלעגט ער שטענדיק פאַרענדיקן מיט די ווערטער: געדענק, משה, דו וועסט זיין אַמאָל אַ גרויסער מאַן, דערמאָן זיך דאַן אָן מיין דערנידעריקט פאָלק...

דאָס קינד פלעגט זיך צוהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די אַלע מעשיות און האָט זיי גוט אַריינגענומען אין זיין באַוווסטזיין. זיי האָבן געווירקט.

אין זיין צערודערטער נשמה האָבן זיך צונויפגעוואַקסן בילדער פון זיין רייכן מצרישן לעבן מיט די מ״ט שערי טומאה פון אוממאָראַלישקייט און אויסגעלאַסנקייט אין זייער פּריוואַטן לעבן, מיט אומגערעכטיקייט, דעספּאָטיזם און אַכזריות אין סאָציאַלן לעבן; מיט אַ גלויבן אין הונדערטער געטער פון פאַרשיידענע חיות, קראָקאָדילן און באַלזאַמירטע טויטע קערפּערס פון די פּרעות צו וועמען מען איז מקריב קרבנות. ער זעט דאָס אַלץ — וואָס פאַר אַן אומגעהויער קאָנטראַסט צו דעם צניעותדיקן, רחמנותדיקן, ריינעם לעבן פון אַן אַברהם, וואָס צעברעכט די פאַלשע געטער און פּראָקלאַמירט אַ ג־ט וועלכן קיינער זעט נישט, אָבער איז נאָענט צו יעדן איינעם.

שוין דאָ הייבט זיך אָן אַרויסצוווייזן זיין וווּנטלעכע פּערזענלעכקייט, זיין שטאַרקער חוש פאַר גערעכטיקייט און זיין רחמנות פאַר די אונטערדריקטע. ער טראַכט זיך אַריין ווי אַזוי זיי צו העלפן. ער באַווייזט פרעהן און פּועלט ביי אים ער זאָל געבן די בני ישראל איין טאָג אין וואָך אַ רו־טאָג, וואָס וועט זיין צוגונסטן פאַר דער אַרבעט: „תן להם את יום השבת לנוח.״

מיט אַמאָל איז דער פאָרהאַנג אָרונטערגעריסן געוואָרן פון זיינע אויגן, און משה דערוויסט זיך, אַז ער אַליין איז גאָר ניט קיין עגיפּטער, ער איז נישט קיין מצרי, ער איז נישט קיין פּרינץ, ער באַלאַנגט ניט צו דער קעניגלעכער משפּחה. ער איז גאָר אַן עברי, אַ קנעכט, אַן אמתער זון פון דער פאַרשקלאַפטער יוכבד, וואָס האָט אים געזויגן.

ער האָט זיך דאָ דערזען אַ פרעמדער אין אַ פרעמדער סביבה. מאָדנע — די אויסטערלישע אַנטדעקונג האָט נישט אַרויסגערופן אין זיין האַרצן קיין באַדויערונג. פאַרקערט, עס האָט אים געמאַכט אינערלעך פיינער, בעסער.

משה איז אונטערגעוואַקסן און איז אַרויס צו זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער. ווען איז משה גרויס געוואָרן? ווען ער זעט ווי זיינע ברידער ליידן אונטער די ריטער פון די גרויזאַמע וועכטער, און שקלאַפן־טרייבער, און ווען ער פילט־מיט זייער צער און ווייטיק. דאַן איז ער געוואָרן גרויס. זיין איינגעבוירענער שטאַרקער געפיל פאַר אַבסאָלוטער גערעכטיקייט באַהערשט אים אין מאָמענט ווען ער באַגעגנט זיך מיט דער באַליידיקונג פון גערעכטיקייט. ער ווערט גלייך אַן אַקטיוויסט און וואַרפט זיך אַריין אין אַקטיוון קאַמף פאַרן אמת, גרייט צו שטעלן

אַ פּיזישן ווידערשטאַנד די פֿאַרפֿאַלגער פון זיינע ברידער. ער נעמט זיך אָן פֿאַרן קרבן און זעט „אין איש" — הרגעט ער דעם מצרי און פֿאַרשאַרט אים אין זאַמד.

דעם צווייטן טאָג זעט ער „שני עברים ניצים, ביידע יידן, ביידע קנעכט ביי פּרעהן. ווידער אַמאָל דערוואַכט אין זיין האַרצן דער אייפער פאַר גערעכטיקייט. ער נעמט זיך אָן פאַר דעם אומשולדיקנס קריוודע מיט די ווערטער: „למה תכה רעך"? ווען דער אָנפאַלער גיט אים אַ זאָג: „מי שמך לאיש שר ושופט עלינו"? מיין נישט אַז דו וועסט מיך הרגענען ווי דו האָסט נעכטן געהרגעט דעם מצרי — פילט גלייך משה אַז ער געפינט זיך איצט אין אַ סכנה: „אכן נודע הדבר" און כדי נישט אַריינצופאַלן אין פּרעהס הענט אַנטלויפט ער צו ראַטעווען זיין לעבן; ער אַנטלויפט ווו די אויגן זאָל אים טראָגן און קומט אָן אין מידבר אין דעם לאַנד פון מדין.

אויך דאָ איז זיין ליבע פאַר גערעכטי־קייט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן; ער קען נישט אַרויסגיין פון זיין אייגענער הויט. ער זיצט, דוכט זיך, אין דער פרעמד, אַן עלנטער, אַ היימלאָזער, אַ לאַנדלאָזער, פֿאַרטראַכט אין זיין איינזאַמקייט — פּלוצים דערזעט ער פאַסטוכער, שטאַרקע יונגען באַרויבן דאָס רעכט פון שוואַכע פרויען, יתרוס טעכטער, וואָס קומען שעפּן וואַ־סער פאַר זייערע פי — ויקם משה ויושיען. (דאָס מאָל שוין נישט קיין יידן, ביידע פרעמדע. אָבער עס מאַכט נישט אויס). ער שטייט אויף און נעמט זיך אָן פאַר זיי, און דער שיינער זשעסט רופט אַרויס יתרוס דאַנקבאַרקייט. ער לאַדט איין משהן צו זיך אין געצעלט, ער איז אים מקרב און דער עפּיזאָד ענדיקט זיך מיט געבן אים זיין טאָכטער צפּורהן פאַר אַ ווייב. משה ווערט דער פאַסטוך פון זיין שווערס שאָף.

דאָס איז וואָס דער חומש דערציילט פון משהס ביאָגראַפיע, פון משהס ערשטע טריט אויף זיין לעבנס־וועג.

די דריי עפּיזאָדן וואָס ווייזן דעם הויפּט שטריך פון זיין כאַראַקטער — זיין גרייט־קייט צו קעמפן פאַרן אמת וצדק אין זיין צוזאַמענשטויס מיטן לעבן זייענדיק אַ מין הקדמה צו זיין גרויסן שפּעטערדיקן עיקר־דיקן ווערק.

און משה איז דאַן אַכציק יאָר אַלט.

אין דער שטילקייט פון מדבר, אָפּגע־רוקט פון דעם רעש פון לעבן, מיטן פאַס־טוך בייטש אין זיין האַנט, באַטראַכט ער זיינע פאַרלאָפענע יאָרן. ער קלערט צו זיך אַליין — מיר שטעלן זיך פאַר — וואָס האָב איך אויפגעטאָן אין מיין לעבן? יע־דער מענטש האָט אַ שליחות צו וועלכער ער ווערט באַשאַפן; וואָס איז דער תכלית פון מיין קומען אויף דער וועלט? ער זוכט אַ ביסל רו אין דער אידילישער אַטמאָ־ספערע, ער וויל באַרויקן זיין ברויזנדיקן געמיט. אָבער עס נאָגט אים דער געדאַנק און לאָזט אים ניט צו — האָב איך דער־פילט מיין אויפגאַבע אין לעבן? „ויש קונה עולמו בשעה אחת", אין איין שעה שאַפט ער זיין וועלט. און די גרויסע שעה האָט געשלאָגן, די שעה וואָס האָט גע־בראַכט צו אַן איבערברוך אין זיין לעבן און אַ שטייג אַרויף.

ער קומט מיט זיין סטאַדע שאָף צום באַרג חורב (הר אלהים) און פּלוצלונג דערזעט ער אַ דאָרן ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. וווּנדער איבער וווּנדער. ער גייט צו נענטער צו באַטראַכטן די דערשיינונג און זוכט צו דערקלערן דעם געטלעכן וווּנדער און ער הערט טיף אין זיין נשמה ג־ט'ס קול: „איך בין דער ג־ט פון דיינע עלטערן. כ'האָב געזען די פּיין פון מיין פאָלק, גיי פיר אַרויס מיין פאָלק פון מצרים!"

אַן אַנטפּלעקונג פון ג־ט! וואָס מיינט דער ברענענדיקער דאָרן?

די אַגדה ענטפערט: „אַזוי ווי דער דאָרן ווערט נישט פאַרברענט אַזוי וועלן די מצריים נישט קענען פאַרניכטן ישראל."

משה דערוואַכט פון זיין פאַרגליווערט־קייט. ער ווערט אויפגערודערט אין אַנ־בליק פון פלאַקערדיקן דאָרן און דער־פילט דעם רוח הקודש, די מאַכט פון ג־ט'ס שליח, אַ נביא, אַ מנהיג. דוכט זיך אַ געלעגנהייט דורכצופירן זיין אַמאָ־ליקן לעבנס־אידעאַל, אָבער אַ גרויסע מאַסע אויף זיינע פּלייצעס. משה פאָלע־מיזירט מיט זיך אַליין, און אויך מיט ג־ט אַ לענגערע צייט: בין איך דער פאַסנדער

מענטש פאַר אַזאַ שליחות? ס'איז דאָך
איבער מיינע כוחות. כ'בין ווייט פון
פּאָליטישע ענינים — לא איש דברים
אָנכי. אין פּאָליטיק דאַרף מען אַמאָל אָפּ־
טרעטן פון אמת און איך קען עס נישט
טאָן. כ'בעט דיך ג־ט, לאָז מיך אָפּ, „שלח
נא ביד תשלח."

דער פייער אין זיין האַרצן קען זיך
נישט איינשטילן. ער ווערט גרעסער,
מעכטיקער, נאָך זיבן טעג פון דינגעניש
און דיאַלאָגן מיט דעם רבונו של עולם.
רופט ג־ט צו אים ווידער פון סנה און
זאָגט: מיין פייער ברענט אין דאָרן, מיין
שכינה איז מיט ישראל צוזאַמען אין גלות,
איך בין זיך מצער פונקט ווי דאָס פאָלק.
כ'האָב צוגעהערט מיין פאָלקס געשריי
וועגן זיינע אונטערדריקערס. איך ווייס
זיינע ווייטאָגן און די צייט איז געקומען
זיי צו העלפן.

משה קריגט דעם ענטפער אויף דער
פראַגע וואָס האָט אים שוין לאַנג געמאַ־
טערט: פאַרוואָס לאָזט ג־ט צו אַז זיין
פאָלק זאָל זיין אַזוי פאַרשקלאַפט און פאַר־
וואָס מוז עס באַצאָלן מיט יסורים פאַרן
צוגעזאָגטן לאַנד; דאַקעגן די בני עשיו
און בני ישמעאל האָט ער געגעבן לענ־
דער מיט אַ פרייער האַנט. די צייט איז גע־
קומען זיי צו העלפן. משה פילט איצט
אַז ער איז באַשטימט געוואָרן פון הימל
צו דעם הויכן אַמט, צו זיין דער מנהיג
ישראל, דער אויסלייזער פון זיין פאָלק.
ער נעמט זיין ברודער אַהרן אַלס פיר־
שפּרעכער און לאָזט זיך אין וועג אַריין
קיין מצרים.

אַ שווערע אויפגאַבע האָט איצט משה
דורכצופירן: פועלן ביי פרעהן ער זאָל
אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים — „שלח
את עמי!" זיי זיינען אַ נוצלעכער גע־
ווינטשטער עלעמענט, אומזיסטע שקלאַפן.
האָט משה געוואָרנט, געשטראָפט. נישט
ווי אַן אונטערטעניקער שטייט ער פאַר
פרעהן, נאָר מיט אַ גלייכן רוקן, דעם קאָפּ
אין דער הייך און פאָדערט אין נאָמען פון
ג־ט פון ישראל, אַרויסצולאָזן די יידן
אויף דריי טעג אין מדבר אַריין צו דינען
זייער ג־ט. ווען פרעה איז פאַרעקשנט,
ווערן אָנגעשיקט אויף אים און אויף זיין
לאַנד די צען שווערע מכות ביז ער ווערט
ווייכער. ווען פרעה לאָזט זיי ענדלעך
אַרויס, קומט דער אַקט פון באַפרייונג.
די יידן גייען אַרויס אין גרויס איילעניש.

פרעה זעט זיך אַרום אַז ער האָט זיך
געטאָן אַ גרויס שאָדן און האָט חרטה אויף
דער גאַנצער מעשה. נעמט ער צוזאַמען
זיינע חיילות און יאָגט זיי נאָך. די יידן
שטייען ביים ים־סוף; זיי פאַרלירן זייער
גלויבן, עס ווערט אַ יללה, אַ שרעק, ניש־
טאָ קיין אויסוועג. . ווי די מכילתא זאָגט,
אַז ישראל איז דאַן געווען געגליכן צו
אַ טויב וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ רויב־
פויגל און איז אַריין אין אַ שפּאַלט פון
אַ פעלז אין וועלכן אַ שלאַנג האָט געמאַכט
אַ נעסט. אויב זי זאָל אַריין אינעווייניק
וועט די שלאַנג זי באַפאַלן; אויב זי וועט
גיין צוריק, וועט דער דער רויב־פויגל
זי כאַפּן. דער שפּרונג איז געווען אומ־
פאַרמיידלעך. אין העכסטן מאָמענט פון
נויט געשעט אַ נס — דער ים שפּאַלט
זיך. עס עפנט זיך אַ וועג. די יידן גייען
דורך דער יבשה און די עגיפּטער ווערן
דערטרונקען אין ים. — קריעת ים־סוף.

דער מדרש ברענגט, אַז ביים קריעת
ים־סוף האָט אַן אומוויסנדע דינסט באַ־
גריפן דאָס געטלעכע מער ווי די נביאים
ישעיהו און יחזקאל. דאָס פאָלק קוקט
איצט אויף משהן מיט אָנערקענונג ווי
זייער פירער און דערלייזער. משה פילט
איצט אַז ער איז נאָענט צו זיין ציל און
אין דער לופט קלינגט אָפּ זיין וווּנדער־
באַרער הלל ליד „אָז ישיר". צוזאַמען
מיט אים זינגט דאָס פאָלק אין גרויס באַ־
גייסטערונג און ענטוזיאַסטישער שטימונג
דעם כאָראַלן באַפרייונג געזאַנג: „מי כמוך
באלים ה'."

נאָר עפּעס ווערט דאָ דאָס געזאַנג שטי־
לער, שוואַכער און פון דער זייט פון ים־
סוף, דאָרט ווו די מצרישע קערפּערס
ליגן צעשפּרייט הערט זיך אַ פאַרשטיק־
טער פּראָטעסט, אַ מין וויכוח צווישן
מידת הדין און מידת הרחמים: מיינע באַ־
שעפעניש ווערן דערטרונקען און איר
זינגט נאָך שירה — „מעשי ידי טובעים
בים ואתם אומרים שירה? די מצרים,
די פאַרשקלאַפער זיינען טאַקע ווערט
דעם שטעקן, געקראָגן דעם גערעכטן
משפט און די פאַרשקלאַפטע זיינען מיט

רעכט אויסגעלייזט געוואָרן. אָבער סוף־כל־סוף זיינען זיי דאָך אויך מענטשן. ניין, עס טאָרן נישט זיין קיין פאַרשקלאַפער און פאַרשקלאַפטע; עס טאָרן נישט זיין קיין פאַרפאָלגער און פאַרפאָלגטע. ניין, מיין פאָלק וועט אַזוי נישט זיין; ווען עס וועט קומען אין לאַנד וואָס ג־ט האָט צוגעזאָגט אונדזערע אָבות וועלן אַלע זיין פרייע מענטשן, אָן שקלאַפן. דער בלוטיקער "שאַנד־פלעק פון שקלאַפעריי אין מצרים האָט תמיד געפלאַקערט פאַר משהס אויגן. מען מוז זיך איצט נעמען צו דער אַרבעט. די יידן זענען אַזוי לאַנג געווען פאַריאַכט. מען מוז זיי דערציען, אָפּגעווינען זיי פון אַלע גלות געוווינהייטן, פון די אַלע געצן־דינערישע באַגריפן. ס'איז אַ שווערע אַרבעט. עס פאָדערט זיך צייט פאַר דעם.

„ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים — אָנשטאָט זיי צו פירן מיטן קורצן וועג צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד, קלייבט משה אויס דעם לאַנגן וועג פון 40 יאָר, דורכן מדבר. 40 יאָר אין אַ ברענענדיקן זאַמדיקן מדבר איז נישט קיין קלייניקייט. ווי לאַנג קען מען אָנהאַלטן אַ פאָלק אין אַ הייליקער באַגייסטערונג? די באַוווּנדערונג פון דעם גרויסן נס ווערט שוואַכער, דער וואָכעדיקער גייסט באַווייזט זיך צוריק און הייבט אָן צו באַהערשן די נשמות. די נויט איז גרויס, דאָס ברויט וואָס מען האָט מיטגענומען פון מצרים לאָזט זיך אויס. ווו קען מען דאָס באַקומען אין דעם ווילדן מדבר. האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע טענות קעגן משהן און אַהרנען: וואָס האָט איר אונדז אַהער געבראַכט, צו שטאַרבן אין דער ווילדערניש? פעלן דען אויס קברים אין מצרים?

האָט ג־ט ווידער באַוויזן אַ נס מיטן מן פון הימל זיי צו שפייזן, און מיטן וואַסער פון מרימס ברונעם. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך איינגעשטילט. משה נוצט אויס די צייט זיך צו גרייטן צום מעמד הר סיני. ער וויל געבן זיין פאָלק גערעכטע געזעצן זיך צו פירן אין לעבן. ער וויל אַרויסרייסן פון זיי די ירושה פון קנעכטשאַפט און געבן זיי אַ ניי האַרץ פול מיט מוט און שטרעבונג צו העכערס. ער זאַמלט צונויף דאָס גאַנצע פאָלק אונטערן באַרג סיני און זיי אַלע שטייען אין גרויס דערוואַרטונג.

דער טאָג איז געקומען. ג־ט'ס קול הערט זיך פון פייער אַרויס מיט דערהויבענע ווערטער, מיט הומאַניטאַרע ווערטן; אַ רעוואָלוציע וואָס האָט געעפנט פאַר דער מענטשהייט נייע, ברייטע האָריזאָנטן. זיי הערן די פּראָקלאַמירונג פון די עשרת הדיברות, וואָס איז דער יסוד פון דער יידישער אמונה, אַ קאָנסטיטוציע וואָס זאָל רעגולירן זייער לעבן, „פון וויגל ביזן גריבל“, אַ תורת חיים פאַרן יחיד און פאַרן כלל.

מאָדנע, נאָרמאַל נעמט אָן אַ פאָלק אַ קאָנסטיטוציע ווען עס איז איינגעלעבט אין זיין לאַנד, אויף זיין נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, און דאָ האָבן זיי עס אָנגענומען נאָך איידער זיי האָבן געהאַט דאָס לאַנד.

„היום הזה נהיית לעם“ — היינט זענט איר געוואָרן אַ פאָלק, הגם נאָך אָן אַ לאַנד. דער מתן תורה האָט פאַרוואַנדלט די מאַסע אין אַ פאָלק. די צען געבאָט זיינען אָנגעפּאַסט נישט נאָר אויסשליסלעך פאַר איין פאָלק, אָדער נאָר פאַר איין תקופה און איין אָרט, אין איין געזעלשאַפט. ניין, זיי זיינען געגעבן געוואָרן פאַר דעם גאַנצן מין מענטש פאַר אַלע צייטן און אַלע אומשטענדן. זיי זיינען איבער צייט און איבער אָרט. אַ פרימיטיווער שבט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, ווי דורך אַ מאַגישן כוח אין אַ וועלט־פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַ נייעם גלויבן און אַ נייע מאָראַל. אין לעבן פון יידישן פאָלק איז עס געווען אַ ווענדפּונקט וואָס האָט באַשטימט זיין קולטור־היסטאָרישן מאַרשרוט. דאָ ביים באַרג סיני האָט זיך אָנגעהויבן צו שמידן די קייט פון יידישע נצחיות. דאָס פאָלק אין גרויס עקסטאַז האָט אויסגערופן: אַלץ וואָס ג־ט האָט געזאָגט וועלן מיר טאָן און הערן — נעשה ונשמע. דאָס זיינען די עיקרים.

משה פאַרלאָזט איצט די מחנה, גייט אַרויף אויפן שפיץ באַרג צו פאַרפולקאָמען די תורה פון גערעכטיקייט. אַ תורה פאַר מענטשן, געזעצן וואָס די יידן וועלן דאַרפן איינפירן ווען זיי וועלן קומען אין לאַנד אַריין. ווען משה זאַמט זיך אַ ביסל מער ווערט דאָס פאָלק נערוועז.

אומגעדולדיק. דער שקלאַף שפּראָצט ווידער אַרויס און הייבט אָן פֿאָדערן פֿון אַהרנען ער זאָל אים מאַכן אַ גאָט — די מעשה פֿון עגל הזהב. משה טראָגט צום פֿאָלק די צוויי לוחות. אין זיינע אויערן קלינגט נאָך אָפּ דאָס קול פֿון נעשה ונשמע. ער איז שטאָלץ אויף זיין פֿאָלק וועלכן ער פֿירט צו גליק און פֿרייהייט.

פּלוצלונג הערט ער די צאָרנדיקע שטימע פֿון ג־ט: גיי, נידער אַראָפּ פֿון מיינע הייליקע הימלען, נידער אַראָפּ פֿון דיין גרויסקייט. דיין פֿאָלק האָט פֿאַרדאָרבן.

ווען ער קומט צו נעענטער צו דער מחנה און זעט ווי די יידן טאַנצן אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב, איז צו זיין ווייטיק נישטאָ קיין גרענעץ. דאָס איז דאָס פֿאָלק אויף וועמען ער האָט געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿענונגען צו זיין דער אור לגויים, אַ ליכט פֿאַר דער מענטשהייט — זיין יאוש איז גרויס, זיינע הענט וואָס טראָגן די צוויי לוחות ווערן אָפּגעשוואַכט; אין ברויזנדן כעס וואַרפֿט ער זיי אַראָפּ און צעברעכט זיי. ג־ט זעט זיין צער און וויל אים פֿאַרגיטיקן. ער איז גרייט צו פֿאַרטיליקן דאָס פֿאָלק וואָס האָט אַזוי פֿאַרשוועכט די נאָר וואָס געגעבענע שבועה צו דינען דעם איין און איינציקן ג־ט, צו טראָגן דעם הויכן אידעאַל: „לאָז מיך זיי פֿאַרניכטן און לאָמיר דיך, משהן, מאַכן פֿאַר דעם גרויסן פֿאָלק וועלכן מיר דאַרפֿן האָבן.

משה הערט די געטלעכע ווערטער און פֿילט אַז דער מידת הדין, די פֿאָדערונג פֿון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט צו פֿאַרניכטן דאָס פֿאָלק איז טאַקע אין איינקלאַנג מיט זיין גרויסן חטא. אָבער ווי קען ער איינגיין אויף דעם. ניין, ער פֿאַרגעסט זיין צער, פֿאַרשטיקט זיין כעס. עס דערוועקט זיך אין אים אַן אומגעהויערע אהבת ישראל און מסירות נפש פֿאַר זיין פֿאָלק. ער ווערט פֿול מיט רחמים און שטעלט זיך איין פֿאַר אים: „מעק מיך אויס פֿון דיין בוך,“ בעט ער זיך ביי ג־ט. אין דער גוטער מדרש לייגט צו די ווערטער אין זיין מויל: — זאָל בעסער טויזנט משהס אומקומען איידער איין נאָגל פֿון די יידן זאָל געקרומט ווערן.

ווי הימלדיק הויך, ווי וווּנדערבאַר איז משה אין דעם מאָמענט! אין קיין ליטעראַטור און אין קיין געשיכטע פֿון אַלע אומות העולם מיט זייערע העלדן איז נישטאָ אַזעלכעס וואָס מען קען פֿאַרגלייכן צו משהן.

משה אַרגומענטירט מיט ג־ט און טענהט: דו קענסט דיין פֿאָלק, דו ווייסט וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן; ערשט איצט אַרויס פֿון קנעכטשאַפֿט און זיינען נאָך נישט אימשטאַנד צו באַגרייפֿן דעם ווערט פֿון פֿרייהייט. האָב געדולד, „המתן להם“, וואַרט זיי צו אַ ביסל. ס'איז אוממעגלעך פֿאַר מענטשן צו זיין פֿולקאָם ריין אָן זינד. פֿאַרגיב זייערע זינד און זיי זיי מוחל.

דער דור המדבר איז געווען אַ דור דעה, אַ דור פֿון גרויסער פֿעיקייט, וואָס האָט געזוכט צו לערנען און צו וויסן. אָבער צוזאַמען מיט דעם איז ער געווען אַ דור פֿון צווייפֿלער און פֿון קריטיקער. איז דען דאָ ג־ט צווישן אונדז? פֿרעגן זיי. זיי ווילן דערקענען זייער ג־ט וואָס האָט זיי אויסגעלייזט און זיי ווילן וויסן די סיבות, פֿאַרוואָס ער האָט זיי אַזוי לאַנג געלאָזט אין פֿאַרשקלאַפֿונג. משה זאָגט, אַז ער, משה, פֿרעגט אויך די זעלבע פֿראַגע: „הודיעני נא את דרכיך“ — איך וויל דיך קענען, איך וויל באַגרייפֿן דיין מהות.

דער דיאַלאָג ענדיקט זיך מיט ג־ט'ס דעקלאַראַציע: „סלחתי כדבריך“.

די מעשה מיטן עגל הזהב ווערט באַטראַכט פֿון די חז"ל ווי דאָס מיאוסטע היסטאָרישע געשעעניש פֿון יידישן פֿאָלק; די פֿראַזע: „קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל“ — די פּאַסירונג איז אַזאַ שווערע ווי דער טאָג וואָס אין אים איז געמאַכט געוואָרן דער עגל, ווערט אַ סך מאָל איבערגעחזרט אין גמרא און מדרש. די חז"ל זוכן די סיבה וואָס האָט געבראַכט די יידן צו באַגיין אַזאַ נאַרישע זאַך, אַזאַ שרעקלעכן פֿאַרברעכן. אייניקע האַלטן אַז דאָס איז געווען די שולד פֿון דעם ערב־רב, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויסער צאָל עגיפּטער, וועלכע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אַרויסצוכאַפּן פֿון מצרים, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם יידישן פֿאָלק און געבראַכט אַ סך צרות. פֿאַר זיי איז די

אידעע פון אַחדות הבורא געווען אין גאַנצן פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. אַנדערע האַלטן, אַז די פיל גאָלד און זילבער, וואָס די יידן האָבן אַנגעליען ביי די מצרישע שכנים ביים אַרויסגיין פון מצרים, האָט גורם געווען זיי זאָלן מאַכן גאָלדענע געטער. וואָס זאָל נישט זיין די סיבה, איז דאָס געווען אַן עקלהאַפטע געשעעניש וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די יידן פון דער העכסטער הויך צום טיפסטן אָפּגרונט פון נידעריקע אינסטינקטן.

משה וויל פאַרפעסטיקן די גייסטיקע יסודות פון זיין אַרבעט און ער מאַכט אַ משכן, ווי ג־ט האָט אים געזאָגט: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". דווקא דאָ זיינען די יידן געווען זייער פרייגיביק מיט זייערע ביישטייערונגען. דער משכן איז געווען אַ פּראַקטיקער בנין. דער צוועק איז אָבער געווען ניט נאָר צו האָבן אַ בנין פון געטלעכקייט. אָבער ג־ט דאַרף ניט האָבן קיין הויז צו וווינען אין דעם, „כי מלא כל הארץ כבודו". דער דור המדבר האָט אָבער נישט געקענט באַנעמען די געטלעכקייט וואָס ער קען נישט אָנטאַפּן און נישט זען.

עס קומט אָן די קאַטאַסטראָפע פון די מרגלים. דוכט זיך אָט שטייט מען שוין ביי די גרענעצן פון לאַנד, אָט שמעקט מען שוין דעם ריח פון די באַאַרבעטע פעלדער. באַלד וועט משה אַריבערפירן די יידן דעם ירדן. מען דאַרף שיקן אַן עקספעדיציע אויסצוקוקן דאָס לאַנד, כדי אויסצואַרבעטן דעם סטראַטעגישן פּלאַן פאַר דעם מיליטערישן מאַרשרוט.

נאָך 40 טעג קומען די מרגלים צוריק צו דער מחנה און דערציילן, אַז דאָס לאַנד איז שטאַרק באַפעסטיקט, האָט אַ שלעכטן קלימאַט און נאָך אַזעלכע זאַכן. דער באַריכט האָט געווירקט שרעקלעך אויף די יידן. זיי זיינען געוואָרן איינגעשראָקן און פאַרלוירן דעם גלויבן אין ג־ט. זיי האָבן געשריען צו משהן, אַז ער פירט זיי צו אַ זיכערן טויט: „לאָמיר זיך מאַכן אַ נייעם פירער און זיך אומקערן צוריק קיין מצרים." זיי האָבן אים געוואָלט פאַרשטיינען. עס האָט געבראַכט דערצו אַז ג־ט האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז דאָס פאָלק, דער דור המדבר, מוז אומקומען. משה אַליין האָט איינגעזען, אַז ער קען דאָס פאָלק נישט איבערמאַכן. זיין האַרץ האָט געבלוטיקט ווען ער האָט געזען די קינדער פון זיין אייגענעם דור טראָגן אויף זיך דעם גזר־דין אומצוקומען איידער זיי דערזען די ליכטיקע שיין און גלאַנץ פון צוגעזאָגטן לאַנד. און משה מוז טיילן דעם שיקזאַל פון זיין פאָלק.

דער אדון הנביאים קען איצט נישט פועלן ביי ג־ט אים צו לאָזן אַריינפירן זיינע בני ישראל אין ארץ ישראל, פאַרענדיקן די אַרבעט פאַר וועלכע ער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן. ער מוז שטאַרבן אין מדבר און איבערגעבן זיין גרויסע אויפגאַבע צו זיין געטרייען תלמיד יהושע בן־נון דאָס צו פאַרענדיקן. משה נעמט שרייבן זיין פערזענלעכע פּאָעטישע צוואה איבערצולאָזן פאַר זיין פאָלק. דאָס איז די פרעכטיקע שירה „האזינו", דער מקור פון יידישער נבואה. ער זאַמלט אויף דאָס גאַנצע פאָלק, ער בענטשט זיי און טרייסט זיי און וואָרנט זיי, זיי זאָלן אָפּהיטן די געזעצן וואָס ער האָט זיי געלערנט. זיין ליבשאַפט און געטרייטשאַפט איז פאַרקערפּערט אין די חוקים און משפטים פון דער תורה.

פאַר זיין טויט גייט משה אַרויף אויפן באַרג נבו, פון וואַנען ער קען זען דאָס לאַנד צו וועלכן אים איז נישט באַשערט אַריינצוגיין. ער באַקוקט פון דער ווייטנס אַלע ווינקעלעך און הערט נאָך אַ מאָל ג־ט'ס הבטחה אַז דאָס לאַנד איז פאַרן פאָלק ישראל.

דער חומש איז אים מספיד מיט די ווערטער:

„ולא קם נביא עוד בישראל כמשה".

אַבאָנירט און שטיצט דעם

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסער ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

שלמה שוואַרץ / שיקאַגע

# צוויי לידער

## געלע ווונדן

ווען די צייטיקע פריילעכע שעהן
פון זומערדיקע פרימאָרגנס
ווערן הויך, העכער,
און פול, פולער
מיט פאַרבן און פרוכט;
און מיידלשע זאָקן איבערגעלאָזענע
ביים וואַסער ברעג
הענגען אויף די צווייגן
ווי שלעפעריקע קינדער
און דיביימער קרוינען
בייגן זיך שוין נידעריקער
מידע פון פרוכט געוויכט
און געלע ווונדן —

ווערט שוואַרצער און שוואַרצער
דער זשוויר
אונטער מיינע לויפנדיקע טריט
און ס'פאַלט אַריין אין די ווייסע, ווייכע שיך
מיט ענלעכקייט פון שוואַרצע אויגן
דער אַנגעזיכט פון טרויעריקן־אינטימען שטאַרבן
פון אונדזער זומער.

די שטאָט ווערט אַ בראַנדזענער קאַטאַפאַלק.
אָנגעצונדענע גראָזן
אין אַזאַ פאַרטאָג
צעטראָגן די קאַלטע זומערדיקע שעהן
אין דער לופט
און אין פאַרמאַכטע שויבן.

## די אַש—ווייַסע זאָקן פון נעכטן

אין לאַבירינט פון שטאָטישע גאַסן און ביימער
און פאַרטראַכטע פינגער:
ווו זענען געבליבן די חלומות,
די קינדערשע ליפּן,
די נאַקעטע אָרעמס,
די אַש־ווייסע זאָקן פון נעכטן
מיט די בלאָע שאָטנס?

דערמאָנונגען מאַטערן.
דיין ווייס קלייד איז שוין לאַנג טויט.
די נאַכט וואַרט.
ס'קען אַנדערש ניט זיין.
די שפּעטע שעה
פאַרוואַלגערט זיך אין אַ קעלער.
צינדט זיך אָן מיט ליכט און וויין.

אויטאָמאָבילן טוען זיך אַ לאָז
ווי פאַרווונדעטע פליגן
איידער די פינצטערניש
שלינגט זיי איין.
צווישן אַ האָרדע רעדער
לויפט דער ריטמישער שגעון
גזלניש נאָך
מיט דיינע ווייסע געשטרייפטע זאָקן,
מיט שוואַרצע שאָטנס.

מיראַזשן וויגן זיך אין נאַכטיקן פייער.
די שטערן שפּראָצן אין די שויבן.
און אין הויז, די שאָטנס, מידער—
שאָקלען זיך און גייען אויס.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# די וואַרזאַגערין פון מגדל

(דערציילונג)

.1

אויף דעם שמאָלן, געדרייטן שאָסיי. וואָס האָט זיך געצויגן הינטער דעם שטילן גלילער דאָרף מגדל, האָט איילנדיק געשפּאַנט אלישבע, איינגעהילט אין איר בלויער פּעלערינע. אויף די פיס — געפלאָכטענע סאַנדאַלן, איז זי געגאַנגען מיט פלינקע, האַסטיקע טריט. זי האָט אומגעדולדיק געוואָרפן די בליקן דאָ אַרויף צו די אויפגעטורעמטע בערג, דאָ אַראָפּ, אין די איינגעפאַלענע טאָלן, ווו ענגע, אויסגעטראָטענע סטעזשקעס האָבן זיך געוויקלט. אין אירע האַסטיקע שפּרייזן איז געווען אַ צערודערטקייט, אַ שפּאַנונג, ווי זי וואָלט עמיצן אויסגעקוקט, עמיצן אָפּגעוואַרט, כאָטש קיינער אַרום האָט זיך נישט באַוויזן.

עס איז געווען די שעה פון זון־פאַרגאַנג. די לעצטע שריפה־שטראַלן האָבן געצונדן פּורפּור אויף די רויטלעכע בערג. אַ דינער, גאָלדענער שטויב האָט באַדעקט דעם שאָסיי, וואָס איז געלעגן אויסגעהאַקט צווישן די פעלזן, ווי טרעפּ. אלישבע האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צו די הויכע פעלזן, איר פּנים איז געווען צעפלאַמט. די צעלאָזענע קאַשטאַן־האָר זיינען זיך צעפלויגן אינעם שיינענדיקן ווינט, וואָס האָט געשמיסן אַנטקעגן פונעם צפתער וועג.

אַ ווײַלע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַ דערשעפּטע. זי האָט אומבאַוועגלעך זיך איינגעהערט צו יעדן שאָרך, וואָס קומט פון די שטילע וועגלעעך אַרום. זי האָט אַ בליק געטאָן הינטערווילעכץ צום טאָל־אַראָפּלאָז, פון ווייטן האָט זיך געשפּיגלט דער כינרת. אונטער די לעצטע גליענדיקע שטראַלן האָבן די פאַרגליווערטע ים־וואַסערן זיך געמיניעט און געביטן קאָלירן, דאָ אויף גאָלדיק־רויט, דאָ אויף גרינלעך־מאַט. אלישבע האָט טיפער אָפּגעאָטעמט. זי האָט איינגעזאַפּט אַלע קאָלירן, אַלע ריחות פונעם אַרום. דער שוואַכער שיין פון דעם צאַנקענדיקן טאָג האָט אויפגעלויכטן איר הייס פּנים, אירע צעבלאָזענע האָר און געוועקט דעם אומעט וואָס טליעט אויף אין איר ביי יעדן זון־פאַרגאַנג.

אלישבע האָט אויסגעקוקט אַבנרן.

דעם ניינטן טאָג ווי ער ווייזט זיך נישט איז מגדל. זינט ער האָט אַוועקגעפירט די לעצטע גרופּע טוריסטן זיי צו ווייזן די היילן און קברים פון מירון, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. פון אָנהייב האָט אלישבע רעכטגעפאַרטיקט זיין פאַרשווונדן ווערן. זי האָט צוגערעכנט צו איינעם פון זיינע פלינקע איינפאַלן אַוועקצוואַנדערן איינער אַליין אין די בערג אויף אַ פּאָר טעג און זיך אָפּזונדערן פון מענטשן. מסתמא האָט ער אַנטפּלעקט אַן אַלטע הייל פון בר־כובאס צייטן, אָדער אַ שטיינער־וואַנט, וואָס דערציילט פון די טבריער מורדים. זיין ליבע צו די אויסגראָבונגען, צו מצבות, האָט צייטנווייז פאַרטריבן זיין וואַכזאַמקייט צו איר. אלישבע האָט דאָס אָפט פאַרשטאַנען און אָפט מוחל געווען. אויך דאָס מאָל האָט זי פאַרטיידיקט זיין אַנטרינען ווערן. אָבער אַז עס זיינען אַוועק טעג און פון אַבנרן איז קיין שפּור נישט געווען, איז איר ערגערניש געשטיגן. דער פאַרדאַכט האָט זי נישט געלאָזט בלייבן אין באַהעלטעניש, נאָר געטריבן זי אַרויף אויף די וועגן, אויף די שליאַכן אַנטקעגן צו גיין דעם, וועמעס פירונגען האָבן אַריינגעטראָגן אין איר לעבן אַזוי פיל אומרו, אַזוי פיל אַנדערשקייט.

אלישבע האָט נישט פאַרזען אַבנרס אייגנליבע, זיין פאַרטוענקייט מיט זיך אַליין. און דאָך איז איר יעדער טאָג נישט געווען קיין פולער, קיין פאַרענדיקטער, אויב אַבנר האָט ביז זון־אונטערגאַנג זיך נישט באַוויזן אין איר טיר. צוליב אים האָט זי פאַרלאָזט דאָס לעבעדיקע דאָרף כפר גלעדי און זיך באַזעצט אין דעם שטילן מגדל. צוליב אים האָט זי זיך

אָפּגעזאָגט פון זיידענע קליידער, פון שיך אויף הויכע אָפּצאַסן, און אָנגעטאָן אַ פּראָסטע, לייוונטענע בלוזע מיט אַ גאַרטל און אַ פּאָר הילצערנע סאַנדאַלן. זי האָט צוזאַמען מיט אים געפירט די טוריסטן־גרופּעס צו די היסטאָרישע פלעצער און מערקווירדיקייטן פון לאַנד כנען. מיט דעם אויפגעמישטן תנ"ך אין האַנט, מיט אַ וואַך אויער צו זיינע פאַרטייטשונגען, אַזוי האָט זי, ווי אַ געהאָרכזאַמע שילערין אומעטום אַבנרן באַגלייט.

אלישבעס טעג וואָלטן ווייטער געווען פול מיט פרייד, ווען ניט אַבנרס לעצטער אויספלוג קיין מירון. אַן אַמעריקאַנער טוריסט אין צפת, באַגייסטערט פון אַבנרס קענטענישן אין אַלט ארץ ישראל, האָט אים גערופן צו זיך און אים אָנגעבאָטן ער זאָל באַקענען זיין פאַרגויאישטע טאָכטער מיט דער ביבל און זי לערנען העברעיש. דער טוריסט איז צוליב דעם געווען וויליק צו בלייבן נאָך זעקס חדשים אין לאַנד.

אבנר, צופרידן וואָס ער קען פאַראינטערעסירן אַן אָפּגעפרעמדטע יידישע טאָכטער מיט דעם מקור, מיטן תנ"ך, האָט גערן אָנגענומען דעם אָנבאָט. ער האָט זיך געלאָזט מיט איר אויף לאַנגע שפּאַצירן אין די בערג. די שילערין האָט געפונען אין אַבנרן אַ לערער. אבנר אין דער שילערין — אַ ליבע... אַזוי האָט מען איבערגעגעבן אין גאַנץ מגדל. בייזע צינגער האָבן זיך פאַנאַנדערגעבונדן. מוטלערס און פליאָטקע־מאַכערינס האָבן לייכט געפונען אָפענע אויערן און אַנטדעקט ביי אַבנרן אַ פאַרלאַנג צו דער אַמעריקאַנערינס עשירות. פנינה, וואָס האָט צוזאַמען מיט אלישבען געאַרבעט ביי טאַבאַק־פלאַנצן, די פלינקסטע רכילות טרייבערין אין דאָרף, האָט די נייעס צעטראָגן פון הויז צו הויז. אלישבע האָט אויפגענומען די קלאַנגען ווי אַ נישט־פאַרגינערײַ, ווי אַ מלחמה־וואָפן פון אַ קאָנקורענטקע, וואָס זוכט זי צו רייצן, צו פאַרביטערן איר דאָס לעבן. זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו די אַרומיקע שושקערייען. זי האָט פאַרשוויגן אַנצוהערענישן. יעדן פאַרטאָג איז זי געקומען אין די טאַבאַק־פלאַנטאַציעס און שטום געוואָרט, אַז אַבנר זאָל זיך באַווייזן.

איצט, אינעם אָנבליק פון דעם צאַנקענדיקן טאָג, איז דער אומעט געוואָרן גרעסער. דאָס בענקעניש האָט געטריבן דעם פאַרדרוס. ער האָט זי דאָך ליב! — האָט זי געקאָוועט טיף אין זיך די זיכערקייט. „אהבתי את הנערה" — כ'האָב ליב געקראָגן דאָס מיידל! — האָט ער אָפט זיך באַרימט פאַר זיינע חברים, די וועגווייזערס. און זי האָט פאַרזען עוולות און אומרעכטן. זיין גבורה האָט פאַרכאַפּט, זיין אומגעצוימטקייט האָט אינטריגירט און אין זיין ווילדקייט איז פאַראַן אַזוי פיל שיינקייט. און ווו איז ער איצט, דער הפקר־בחור? ווו איז ער איצט, דער באַרג־יונג?

2.

ס'האָט זיך דערטראָגן אַ טויב קלינגעריי, שטיל און איינטאָניק. אלישבע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַ קליינער קאַראַוואַן פון פיר קעמלען האָט לאַנגזאַם געצויגן אַרויף פונעם טאָל. פאַרבייִשפּרייזנדיק פאַר אלישבען האָט דער קאַראַוואַן זיך אָפּגעשטעלט. דער ערשטער קעמל האָט אַנידערגעקניט. אַן אַראַבישע זקנה, געהילט אין טראַנטעס, איז אַראָפּגעקראָכן פונעם זאָטל. זי איז געווען געצירט מיט אַ שווערן באַזבאַנד פון קופּערנע מטבעות. אויף די הענט־געלענקען — מעשענע בראַסלעטן. זי איז צוגעקומען נאָענט צו אלישבען, שאַרף איר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און פון איר פאַרקנייטשטן מויל האָבן זיך געשאָטן הייסע ווערטער:

— וואָס גייסטו אַליין אויף די וועגן, איינזאַמע נשמה? וואָס פאַראומערט אַזוי דיין האַרץ? דערצייל, שיינע טאָכטער! אַ פאַרליבעניש? אַן אָפּנאַרעניש? אַ יאָגעניש נאָך נקמה? פאַרטרוי זיך פאַר זאַריפען. איך קען אַלץ אַראָפּלייענען פון דיין ליכטיק לייב... פאַר צוויי פּיאַסטער קען איך עפענען די אויגן פון פאַרליבטע, איך קען צוריקברענגען דעם זכרון פון פאַרבלאָנדזשעטע... ביים נביא! פאַר צוויי פּיאַסטער...

— ביסט אַ קאָרטן־וואַרפערין? — האָט אלישבע, עטוואָס אויפגעהייטערט פון די אומגעריכטע דורכגייערס, געפרעגט.

— איך גלייב נישט אין קאָרטן־וואַרפעריי, אויג מיינס — האָט די זקנה ריידנדיק, זיך געבוקט און געבויגן — ס'איז אַ פאַרבלענדעניש... אַ פרומע מוסולמאַנערין טוט לייענען פון די אָדערן. כ'קען אויך אַראָפלייענען פון די שטערן, פון דער זון... זאָל איך ריידן פאַר דיר, ליכטיק קינד, ווילסט וויסן דיין גורל, טאָכטער שיינע?

אלישבע האָט אַ ווײַלע מונטער באַטראַכט די טרעפערקע, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס דעם קעמל. זי האָט באַטראַכט אירע קליידער, איר צירונג, וואָס איז געווען פאַלש, ווי אירע ווערטער, און דאָך האָט עפּעס איר געצויגן צו אָט דער פאַרשלייערטער זקנה. אַ פאַרלאַנג צו ווערן אָפגענאַרט און פאַרשפּילט, אַ ווילן צו בלייבן פאַרוויגט פון צויבער־ווערטער אין אָט דער אומעטיקער פאַרנאַכט־שעה, האָבן זיך געוועקט אין איר. די נייגעריקייט אויסצוגעפינען די פּאַסירונגען פון די קומענדיקע טעג, דער באַגער אַריינצוקוקן אין דער אייגענער צוקונפט כאָטש דאָס וועט פונעם מויל פון דער טרעפערקע אַרויסקומען אַן אויסגעדאַכטע, אַ פאַרהוילענע — האָט אלישבען אונטערגעיאָגט זיך צו לאָזן פאָרזאָגן, טרעפן. זי האָט דערלאַנגט דער פאָרזאָגערין צוויי זעלעכערטע מטבעות און אויסשטרעקנדיק אַ ייסע האַנט־דלאָניע באַפוילן:

— לייען!

די זקנה האָט פאַרהאַקט די אויגן און דריי מאָל געקושט די ערד, דערנאָך האָט זי, אָפזאָגנדיק אַ פרומען שפרוך, אַריינגעכאַפּט אלישבעס שמאָלע האַנט אין אירע שוואַרצע דלאָניעס און געפליסטערט:

— דו וואַנדערסט אויף די וועגן, ליכטיק קינד, ווייל דו זוכסט דעם, וועמען דו האָסט מורא צו פאַרלירן... זוך אים נישט צו לאַנג, אויג מיינס. ער וועט צוריקקומען. דעם דערוויש ציט שטענדיק צוריק צום הויז פון אַללאַ און דעם פויגל — צום נעסט... ער וועט קומען פול מיט זינד און פול מיט פייער. און דו לאָז דיך נישט פאַרצערן פון זיין פלאַם...

— וואָס פאַר אַ פלאַם? — האָט אלישבע שטיפעריש געפרעגט.

— דער פלאַם פון ליבע — האָט די אַלטע וואָרזאָגערין פליסטערנדיק, געהיימניספול געבויערט אַ פינגער אין דער לופט — דער פלאַם וואָס ברענט און פאַרברענט די געליבטע אויף אַש. היט זיך פאַר דעם פלאַם, ווייל דאָס גליק וועט ווידעראַמאָל אַנטלויפן פון דיר, ווי ס'אַנטלויפט דער רייט־קעמל פאַר אַ הייסן מדבר־ווינט... נישט גיך וועט דער געליבטער דאָס מאָל זיך באַווייזן פאַר דער טיר. דיין קערפער וועט אויסגיין פון הונגער, דיין נשמה — פון געוויין, און דו, אויג מיינס, וועסט דאַרפן פאַרגעסן אין דיין געליבטן... אין זיין יאָגעניש איבער טאָלן און בערג, וועט אפשר דערוויל אַן אַנדערע זיך שטעלן אין דיין וועג. זי וועט וועלן גנבענען זיין האַרץ, אָבער דו טרויער נישט... דער אָרעמער פאַרלירט אַ ביליקן האַלדזבאַנד און געפינט אַ קאָסטבאַרן איידלשטיין... סוף זומער וועט ער צוריקקומען, קרוין מיינע... באָענטע בלוט־שטרייטן און די מורא פאַר דיין לעבן וועלן אים צוריקרופן. ער וועט היטן דיין צוקאָפּנס, ער וועט וואַכן איבער דיר, ווי עס וואַכט אַ יעוונוך איבער אַ האַרעם־ווייב... ער וועט דאָס מאָל ווידער זיין פול מיט פייער און פול מיט זינד. און דו, אויג מיינס, לאָז דיך נישט פאַרצערן פון זיין פלאַם...

די וואָרזאָגערין האָט לאַנגזאַם זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, ווי נאָך אַן אָפגעטוענער תפילה און איז שווייגנדיק אַרויפגעקראָכן אויף דעם קניענדיקן קעמל. די האַלדז־גלעקער האָבן איינטאָניק זיך צעקלונגען און דער קאַראַוואַן האָט געצויגן. אלישבע איז געבליבן שטיין אַן אויסגעהוילטע, ווי איבערגעוועקט פון אַ חלום. אַ חלום איז דאָס געווען? אַ ווילדע בשורה! אַ בייזע נביאות! פון אָנהייב האָבן די וואָרזאָגערינס ווערטער געגלעט, דערנאָך זיי געשראָקן און וויי געטאָן. וואָס מיינט זי, אַן אַנדערע וועט זיך שטעלן אין וועג? זאָל דאָס זיין אבנרס שילערין, די אַמעריקאַנערין? און וואָס הייסט אַ בלוט־שטרייט וועט אבנרן צוריקברענגען? וואָרנט זי, אַז עס וועלן אויסברעכן אומרוען? אַראַבישע איבערפאַלן אויפן ישוב?

אין איר צעדרודערטקייט און אויפגע־

(המשך אויף זייט 36)

משה שקליאַר

# לידער

## ווידערקול

ווער האָט אים אָנגערופן — שטילער,
דעם אָקעאַן,
וואָס וואַשט די מערבדיקע ברעגן
פון דעם לאַנד?
ווי ווייט דאָס אויג און אויער גרייכט —
פון ראַנד ביז ראַנד
די כוואַליעס וויגן זיך
און רוישן,
ווי נאָך אַ שטורעם־רעגן,
ווען די לופט ווערט קילער
און פלעקן בלוי
זיך רייסן דורך צווישן כמאַרעס.
נאַכט אַזוי
און טאָג,
טאָג אַזוי
און נאַכט,
ער רוישט דער אָקעאַן
ווי ער וואָלט רופן —
מאַכט אַ וואַרע
פאַר דעם ווידערקול
פון
וועלט־באַשאַף!

## מאַרזע־צייכנס

וועט ער זיך ענדיקן אַמאָל
דער וועג,
וואָס אַנטלויפט פון טאָל
און פירט מיך באַרג־אַרויף
צו די זיבן וווּנדער—
וואַסער־פאַלן?
מיינע באַגלייטער—
די זילבער־שטראַלן
וואָס פאַרלירן זיך
אין צווישן ביימער־קרוינען
שווייגן.
פאַרשוויגן איז געוואָרן
אויך דער ווינט.
בלויז דאָס ריטשקעלע,
וואָס רינט מיט אַ געפּילדער
צווישן שטיין און ערד
מיין אומרו האָט דערהערט
און שיקט מיר
מאָרזע־צייכנס — — —

## אין דער שיינער האָנאָליוליו

ווען דו קומסט קיין האָנאָליוליו
פאַרגעסטו גאָר אין דעם מעת־לעת,
ווען צו אויפשטיין, ווען גיין ליוליו,
צומאָל אין זיך אַליין פאַרגעסט...

ים און זון און ווידער ים,
דאָס גאַנצע אינדזל איז צעבליט
מיט אַ רעגנבויגן פלאַם,
און דו פאַרלירסט זיך אין דער מיט.

ווידער איינזאַם אין המון.
ווילסט צו עמיצן זיך טוליען,
בלייבסטו שטיין ווי פאַר אַ תהום —
אין דער שיינער האָנאָליוליו.

## אַזש ביז די שטערן

די בערג באַדעקט מיט שניי
דערגרייכן ביז
די וואָלקנס און נאָך העכער.

צופוסנס — לייק לואיז,
אַ שפּיגלדיקער בעכער
גרינער ווײַן.
איך וואָלט אַ טרונק טאָן פון אים
ביז שיכור ווערן
און אַ שריי געטאָן
אַז ס'זאָל דער גאַנציקער
אים דערהערן —

פון גרינעם טאָל
אַזש ביז די שטערן.

נאָר ווי וועט זיין,
אַז ס'וועט מיין קול
ערגעץ אינעם שניי
פאַרפאַלן ווערן
און בלייבן וועט פון דעם
אפילו נישט
קיין עכאָ?

***

דער וואַלד האָט מיך פאַרטוליעט אין זיין גרין
און כ'קאָן פון אים נישט מער אַרויס־זיך־טוליען.
פאַרלוירן צווישן סטעזשקעס כ'שפאַן אַהין,
וווביימער האַלטן אונטער בערג, ווי קוליעס.

דאָרט הענגט די זון ערגעץ אויף פלאַסטן שניי
און קילט אין ווייסקייט אירע פלאַמען.
באַלד וועט דער טאָג אין וואַלד־שאָטנס פאַרגיין
און בלייבן כ'וועל מיט אומרו בלויז צוזאַמען — — —

מישעל נוטקעוויטש

# ווייבער

1.
איך זאַמל און באַהאַלט זכרונות;
איך ציִ זיי אַרויס איינציקווייז
ווי זעלטענע מאַנוסקריפטן — — —

צו פיל פאָרשן און
די בלעטער קרישלען.

2.
יונגטלעכע בראַוואַדאָ
ווערט ווייך ווי שנייעלעך
באַריִרט געלעכטער
ווי
בלעטער־שאָרך
געוואַגטקייטן ווערן ליב.

3.
איך פיל דיך אַזוי נאָענט צייטנווייז:
ווידער
מיר שפּאַצירן פאַרביי די העכסטע ביימער
אין ישראל —
יענע טונקל־גרינע צייכנס אונדזערע
ווידער מיר זיצן אויף קאַלטע ווייסע
שטיינער
אויפן בערגל איבערן טאָל
און ביז היינט ווייס איך נית
פאַרוואָס דו ביסט אַזוי אומעטיק געווען.

4.
איך פיל זיך אַזוי פאַרוואָרלאָזט
ווען דו ווערסט אַנטשלאָפן.
כ'וויל דיך אויפוועקן
נאָר מיך שרעקט די עלנטקייט אין דיין פנים
איך וויל דיך אָנרירן
און קען נית.
איך ווייס נית ווי אַזוי.
איך ווייס אפילו נית ווי דיר דערציילן
אַז איך ווייס נית.

איך בין אומגליקלעך און ווייסט
און אַזאַ פיינטשאַפט אין מיר צום פיצל שטח
צווישן אונדז.

איך בין צופרידן וואָס דו שלאָפסט —
פריי פון דיינע טרערן
נאָר מיר טוט מיין לייב־און־לעבן וויי.

יידיש: מלכה חפץ טוזמאַן

יצחק אלחנן ראַנטש

# די וועלט פון מאַרק שאַגאַל

(פראַגמענט)

.1

אַ סך מענטשן באַקלאָגן זיך, אַז ס׳איז זיי שווער צו פאַרשטיין די קונסט פון מאַרק שאַגאַל. און גראָד האָט דער קינסטלער אַליין געפּרוווט דורך זיין שרייבן און רעדן, קלאָר צו מאַכן זיין שאַפן.

געטאָן האָט ער דאָס אויפטזעכלעך דורך זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „מיין לעבן", וואָס ער האָט לכתחילה געדרוקט אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „די צוקונפט", אין די צוואַנציקער יאָרן. שפּעטער איז דאָס ווערק דערשינען אין פראַנצויזיש און ערשט אין יאָר 1960 איז דאָס אַרויס אין אַן ענגלישער איבערזעצונג (פאַרלאַג „אָריאָן", ניו־יאָרק, 174 זייטן, 20 אילוסטראַציעס).

דער ניט־יידישער עולם האָט אָבער נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט שאַגאַלס אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע, „מיין וויטע היים", וואָס איז דערשינען אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, אין די דרייסיקער יאָרן.ביידע ווערק העלפן אונדז בעסער צו פאַרשטיין זיינע בילדער. אין ביידע געפינען מיר דעם הינטערגרונט פאַר זיין וויטערדיקן וועג.

די פּאָעמע, „מיין וויטע היים", איז אָבער אין גאַנצן אַנדערש פון זיין „מיין לעבן". אין לעצטן איז פאַראַן דער הומאָר, די גוטמוטיקייט און יוגנטלעכקייט פון קינסטלער. פון דער פּאָעמע ווייט מיט פּעסימיזם און הילפלאָזיקייט. קוקן מיר זיך איין אין זיינע בילדער פון פאַרשיידענע פעריאָדן, זעען מיר, אַז אין זיי זיינען פאַראַן די טרויעריקע שטימונגען פון „מיין וויטע היים" און די נאַיוויטעט און פשוטקייט פון „מיין לעבן":

„אין פאַרב, אין פלעקן,
אין ליכט, אין שאָטן,
שטייט מיין בילד פון וויטן,
איך וויל מיט דעם מיין האַרץ פאַרדעקן.

איך צעפלאַקערט און צעריסן,
עס בליצן יאָרן,
מיין וועלט אין חלום קומט מיר—
איך גיי פאַרלאָרן.

ניט זוך מיך היינט, ניט זוך מיך מאָרגן,
איך בין אַנטלאָפן פון זיך אַליין.
איך וועל פאַר זיך אַ גרוב פאַרזאָרגן,
איך וועל צעגיין פון גרויס געוויין."

אין דער פּאָעמע רעדט ער אַ סך וועגן טויט—געשטאָרבן דער פאָטער, די מאַמע, זיין ברודער דוד, זיין לערער מיטן פּענזל ... ער לעבט איבער די רוסישע רעוואָלוציע, ער ווערט צעטומלט, פאַרלאָרן. אין דעם לעצטן טייל גיסט ער אויס זיינע מיטגעפילן פאַר דיליידן פון יידישן פאָלק. די וואָס זיינען נענטער באַקאַנט מיט זיין שפּעטערדיקן בליק אויף געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועלן בעסער קאָנען באַגרייפן זיין „ביבלישע בשורה", וואָס איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט צום האַרצן.

שאַגאַלס „מיין לעבן" קאָן דינען ווי אַ פאַרטייטשער פון זיינע בילדער, מחמת צו וואָס זיין פּענזל זאָל זיך ניט צורירן, דערפילט מען דעם שפּיגל פון זיינע קינדער־יאָרן. אין „מיין לעבן" רעדט ער אַזוי אָפנהאַרציק און בילדעריש און גיט ממש אַ שליסל צו זיין בילדער־שאַץ.

לאָמיר, למשל, נעמען אַ פּאָר עלעמענטן, וואָס זיינען אַזוי קענטלעך אין זיינע מאָלערישע ווערק. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף: פייער, די שטערן, קלעזמער, בהמות.

דערציילט שאַגאַל, אַז ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה אויף זייער גאַס און מען האָט געדאַרפט אַרויסטראָגן זיין מאַמען אויפן מאַטראַץ צוזאַמען מיטן עופעלע ביי איר עפּיס צו אַ זיכערן פּלאַץ אין אַן אַנדער עק שטאָט.

וועגן די שטערן שרייבט ער:

„די שטערן פון מיין קינדהייט. זיי זיינען מיינע שטערן, מיינע האַרציקע שטערן. זיי באַגלייטן מיך אין חדר און זיי וואַרטן אויף מיר אין גאַס, ביז איך

וועל אַרויסקומען. טייערינקע, פאַרגיט מיר. איך האָב איך געלאָזט אַליין אין אַזאַ שווינדלערישער הויך.״

דער נאָמען פון דער שלום־עליכם אָפּע־רעטע „פידלער אויפן דאַך״ נעמט זיך פון שאַגאַלס פעטער נח׳ס קריכן אויפן דאַך מיטן פידעלע. ער דערציילט:

„איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך. פאַרוואָס ניט? מיין זיידע פלעגט אויך אַרויפקריכן אַהין.״

און זיין פעטער נח פלעגט שפילן זיין פידל דאָרט ווי אַ שוסטער.

זיינע טאַטע־מאַמע ווערן אָפט געמאָלן אין זיינע בילדער. ביי אים איז פאַרבליבן אַ שטאַרקע ליבע און אַ רחמנות־געפיל צו זיי, צוליב זייער אָרעמקייט און נויט:

„דער טאַטע האָט אויסגעזען ווי איי־נער פון די פיגורן פון דער הגדה אָדער פון אַ פלאָרענטינער קונסט־ווערק... אין משך פון 32 יאָר איז ער געווען אַ שווערער אַרבעטער ביי פעסער הע־רינג. ער פלעגט אויפהייבן די פעסער די שווערע און מיין האַרץ האָט זיך צעדרייט ווי אַ טערקישער בייגל ווען איך האָב אים געזען דאָס טאָן און טרייסלען די הערינג מיט זיינע פאַר־פרוירענע הענט. זיין מגושמדיקער באַלעבאָס פלעגט זיין ביי דער זייט ווי אַ מומיע. ווען ער פלעגט זיין אַליין, פלעגט זיין פנים, דאָ געל, דאָ ווייס, קוים שמייכלען פון צייט צו צייט.״

„אַן אָוונט אַן פלעצלעך און באָרן, וואָס דער טאַטע פלעגט אַרויסשלעפן פון זיינע קעשענעס, איז פאַר אונדז געווען אַן אָוונט פון אומעט.״

מיט גרויס פיעטעט דערמאָנט ער זיין מאַמען. אין אַ פאָר ווערטער באַקומען מיר אַ בולט בילד פון איר. זי האָט גע־זאָגט צו אים:

„מיין זון, רעד צו מיר.״

צווישן די ניט פאַרשטענדלעכע אָב־יעקטן אויף שאַגאַלס בילדער זיינען די קי, קעלבלעך, ציגן, א״אַ. ער דערציילט:

„מיין זיידע איז געווען אַ קצב, אַ הענדלער און אַ חזן. מיטן פעטער נח בין איך געגאַנגען נאָך די בהמות, די קי געפירט אין שטאַל אַריין. דאַן האָט ער געשפילט אויפן פידל ווי אַ שוס־טער. זיינע טעכטער האָבן אַרומשפּאַ־צירט ווי רויטע קי.

„דאָס לעצטע שטיקל פלייש פלעגט פליען פון טאַטנס טעלער צו דער מאַ־מעס טעלער און פון איר צוריק צו אים... ׳עס אַליין׳... ׳ניין, דו עס׳...״

וועגן דער משפחה זאָגט ער ווייטער:

„אויב מיין קונסט האָט ניט געשפילט קיין ראָל אין דעם לעבן פון מיין היים, האָבן אָבער די לעבנס פון מיין משפחה שטאַרק באַאיינפלוסט מיין קונסט... די טאַנטע מוסיאַ, גוטשאַ, חיה. אויף מלאכישע פליגל פלעגן זיי פליען אי־בערן מאַרק, איבער קוישן, יאַגעדעס, באַרן, ווייַנפערלעך.״

„דערהערנדיק די ווערטער ׳פאַר־קנסט! פאַרקנסט!׳ גיב אַ טראַכט — נאָר וואָס דערוואַרט דיך!׳ פלעגט מיין קאָפ זיך פאַרדרייען און זיך אָפּטיילן פון מיין גוף און זיך צעכליפען ערגעץ לעבן דער קיך, ווו מען האָט צוגעגרייט די פיש.״

און ווידער וועגן דער מאַמען:

„ניט דער הענג־לאָמפ, ניט דער האַנטעך וועלן מיך אָפּשרעקן, כל זמן איך געפין זיך אין דער מאַמעס בעט.״

געצויגן האָט אים צו ווערן אַ משורר אָדער אַ פידל־שפילער, נאָר זיין אויג האָט געזען צופיל און אויף זיין אייגענעם שטייגער:

„איך האָב געוואָלט ווערן אַ משורר, אָדער אַ פידל־שפילער, אָדער אַ טענ־צער. טאָג און נאַכט האָב איך געשריבן פערזן... ווען מען איז געגאַנגען צום תשליך אַריינוואַרפן די עבירות אין טייך, זיינען די קעפ פון די יידן געווען פאַרקערט אין וואַסער. מיין טאַטנס קאָפ האָט זיך קוים גערירט.״

דאָס טראַדיציאָנעל־יידישע פון זיינע קינדער־יאָרן איז געוואָרן וועלטלעך אין זיינע בילדער און מען דערקענט זיי כהרף עין דורך דעם:

„ווייסע ליכט — פאַר די פאַרשטאָר־בענע, פאַר מיין מאַמען, טאַטן, ברודער, זיידע — אין קעסטלעך שוואַרצע ערד, ווי פלאַמענדיקע היאַצינטן.״

אויב זיינע יידן זיינען אָפט ענלעך צו די יידן פון דער הגדה, גיט ער דאָך צו, דערפאַר וואָס ער פלעגט ווערן שטאַרק באַגייסטערט פון דער הגדה מיט אירע בילדער, פון רויטן פסח־ווײַן אין די פולע כוסות. ווען ער איז געקומען צום זיידן, האָט ער דאָרט, אויסער דער יידישקייט, באַמערקט די מאַסיווע ווייסע צערקווע אין דרויסן.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן תלמיד און ער האָט ניט געקאָנט הויזן מיט זיינע לערערס. ער איז געקומען צום אויספיר — אַז

„איך בין ניט פעאיק צום לערנען. איך קריג גאָרניט אַרויס. איך לערן דורכן אינסטינקט... אַזוי גיך ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט זיך אויסדריקן אין רוסיש, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן לידער. אַזוי נאַטירלעך ווי אָטעמען.“

כאָטש ער האָט — אין בוך — אויסגערופן: „וויטעבסק“, איך פאַרלאָז דיך. בלייב מיט דיינע הערינג“, האָט ער אָבער אויפן גאַנצן לעבן געפילט אַ בענקעניש נאָך איר.

ער לויבט דעם אַדוואָקאַט און דעפּוטאַט ווינאַווער, וואָס האָט אים געהאָלפן שפּעטער מאַטעריעל זיך איינשטעלן: „ווינאַווער, כמעט ווי אַ טאַטע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מאָלער.“ נאָך וויטעבסק האָט אים געצויגן צו זיך, ווו ער האָט זיך ניט געפונען — אין פעטערבורג, אין פּאַריז.

„איך האָב אפילו געוואָלט צוטראַכטן עפּעס אַ יום־טוב פאַר אָן אויסרייד אַהיימצופאָרן (קיין וויטעבסק). נאָר דער לוווּר האָט געמאַכט אַ סוף דערצו. ווען איך האָב געמאַכט דעם שפּאַציר איבער דעם וואָראַניז־צימער, איבער די חדרים, ווו עס זיינען געהאָנגען די בילדער פון מאַנע, דעלאַקרואַ, קורביי, דאַן האָב איך שוין מער גאָרנישט געוואָלט.“

„ניט ווייט פון לאַ־רוטש, ווו איך האָב געוווינט, האָט מען געשאָכטן בהמות. די קי האָבן געמוקעט און איך האָב זיי געמאָלן (3 פאַרטאַג). מיין לעמפּל האָט געברענט און איך מיט מיט דעם.“

„מיין לעבן“ האָט שאַגאַל געשריבן אין רוסיש. בעלאַ, זיין ערשטע פרוי, האָט דאָס איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש. אין יידיש זאָלן דאָס האָבן איבערזעצט מאַרקיש און וואַרשאַווסקי. די ענגלישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון עליזאַבעט עבאַט, וואָס האָט געניצט דעם פראַנצויזישן טעקסט.

זאָל זיך אָבער ניט שאַפן דער איינדרוק אַז דערפאַר וואָס „מיין לעבן“ איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1922 און „מיין ווייטע היים“ אין די דרייסיקער יאָרן, האָט שאַגאַל ניט דערציילט וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן. מען קאָן געפינען אָן אַ צאָל אינטערוויוס מיט אים אין פאַרשיידענע ציימן, אין פיל לענדער, אויף כל־ערליי לשונות. אויך האָט ער אין זיינע אַרטיקלען און רעדעס ניט איין מאָל גערעדט אויף אַן אינטימען שטייגער. דאָס אַלץ איז אַ ממשותדיקער צוגאָב צו זיין ביאָגראַפיע און זיין לעבנס־קוק. און וואָס מער מען באַקענט זיך מיט זיינע אויסדרוקן, מיינונגען און אינפאָרמאַטיווע באַמערקונגען, אַלץ בעסער קאָן מען אַריינדרינגען אין זיינע בילדער און באַנעמען זיינע לייוונטן און סקיצן.

---

(שמואל איזבאַן — סוף פון זייט 30)

וואַכטער שרעק, האָט אלישבע געהאַלטן אין איין אַריינטייטשן אין די נאַר־וואָס געהערטע ווערטער זין און באַדייטונג. זי האָט זייער געוואָלט אויסגעפינען דעם מיין פון יעדן שפּרוך, און כאָטש זי האָט צוליב באַרויקונג זיך באַמיט צו נעמען די וואָרזאָגערין לייכט, אויבנאויפיק, ווי מען נעמט אויף דאָס פּלאַפּלעריי פון אַ ציגיינערין, האָט פון דעסטוועגן עפּעס אין איר געבריט, געשראָקן און באַשטעטיקט דעם פאַרדאַכט, אַז איר אייגענע וועלט איז אויסגעשטעלט צו געפאַרן. עס רוקן זיך אָן אומגעריכטע, שווערע פּאַסירונגען.

ס'איז געוואָרן טונקעלער. אויסגייענדיקע פלעמעלעך זון האָבן נאָך געברענט פון דער ווייטנס אויף די נאַקנס פון די צפּתער מויערן. דער שאַרפער ווינט האָט זיך האַסטיקער צעפייפט, האָט אונטערגעטראָגן קעלט און געוויגט אלישבען אויפן אָפענעם וועג, ווי עס וויגט דער שטורעם אַ יונגן וואַלד־בוים.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# צוויי לידער

## רעציטאַל

דער קינסטלערין
הדסה קעסטין

איך האָב שוין געזען דעם גראַציע־שפּרונג פון גאַזעלן,
איך לויף נאָך און כאַפּ אויף פון אַ פלוסשטראָם דאָס קוועלן.

ווען כ'האָב געהערט באַרוישט הדסהן רעציטירן,
געזען כ'האָב אַ צויבערין אויף סטרונעס שפּאַצירן...

ווי זי גייט אויף די ליניעס פון זכרון זיכער,
און צעפירט דעם איבערשאַף — ווי אַ לידער־וויכער!

זי ציט פון דער לופט קאָלירטע סטענגעס פון פּראָזע
מיט קינסטלערישן בויג און געמאָסטענער דאָזע.

און ס'קלערט זיך איר שטימע, קוועקזילבער־קאַראַלן
און סטראַיעט אַן אַ שמייכל פון קלאַנגען־וואָקאַלן.

ווען עס שטורעמט משה לייבס „גאַסן־פויגער־וויגע",
קאָן אַ חיה ווערן מילד און אַ — לאַם משוגע!

און אַ טיפער לאַבירינט ווערט ס'מענטשלעכע אויער,
פונעם שפּראַציקן דראַש, וואַקסן טריבן פון דויער!

## מעלאָדיעס דער וועלט

טיף ווי אַ ברונעם,
כ'בין פול מיט באַגערן
פאַר אַן אויער אַן אָפן,
וואָס גרייט איז צו הערן.

ווען ס'גיט גאָט אַ בלאָז
און מיט ליכט מיך פאַרשיט,
סע טראָגט זיך אויף מיר
פון חלום דער צוויט.

פול אידעלע שאַרכן,
פאַרסודעט אין פרילינג,
סע זשומעט אַרום מיר
אַ פלאַטערל שפּיללינג.

אין טאָג איך שווים אַריין
אין קאָלירן באַקליידט,
פון ווערטער מעסט אָפּ איך
אַ מעסטל פון רייד.

ברענגט עמעץ קאָלירן
אין מיין חלום פאַרזייט,
אַליין אויפצוקניפּן
דעם חלום כ'פאַרשטיי.

ווען ס'מיט זיך דער פרילינג
וו'אַ בוים מיך באַקרעלט,
שיק איך דורכן ווינט
מעלאָדיעס דער וועלט.

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

# לידער

## בריוו

שוין לאַנג ניט געזען
די פרוי מיטן בלייכן פּנים,
האָב איך געלייענט אירע בריוו.
אירע שטילע מאַנדל־אויגן
האָבן צו מיר גערעדט,
האָבן אַ סך דערציילט:—
צייט און אָרט פריידן האָבן געטאָן אָפּנייגן,
שטיל וויל איך אויסשוויגן מיין אומעט,
שטיל וויל איך אויסזינגען מיין ליד;
דאָס געזאַנג פון עלנטן וואַגלער,
שטיל וויל איך אויסחלומען מיין חלום—

האָב איך געלייענט אירע בריוו,
געזען אירע מאַנדל־אויגן,
געהערט איר צאַרטן קול.

## אַן אויסגעלאָשן לאָמפּ

אָן דיר בין איך
אַן אויסגעלאָשן לאָמפּ.
אָן דיר מיין וואָרט, מיין ליד,
זיינען פייגל אָפּגעפלויגן,
געשטאַרקט האָט ווינט זייערע פליגל.

אין מיין אימפּעט כ'האָב געאיילט,
זיבן מייל אין איין שפּאַן!
אַנגעקומען
אין זאַרגלאָזן ציגיינער־לאַנד.

העי! ציגאַנקע!
וויש אָפּ דעם אומעט,
דעם וויטאָג פון מיין האַרץ.
אַנטליי מיר דיינע סטענגעס,
דיינע קרעלן,
דעם אימפּעט פון דיין ליד.

לייג־אויס דיינע קאָרטן
אַ לויטערן מאָרגן,
אַ זיכערע וועלט.

## גרעיג'ס „פּער גינט"

אין שעה פון בין־השמשות
גייט אויף פאַר מיר עדוואַרד גרעיגס
„באַגינען",
דורך זיין יצירה שלייערן טאַנצט אַרויס
אַניטראַ
אין איר כישוף, אין איר רייץ,
דאָס פירט מיך אויפן וועג פון פּער גינט'ס
וואַנדערן:
זוכנדיק אַניטראַ, וואַרטנדיק אויף
איבסעג'ס הילדאַ —

חלומענדיק פון שיינקייטן אין לעבן,
חלומענדיק אין טרייסט פון פאַרגיין...

## דאָס וואָרט

אונטערן צייכן פון אמתן וואָרט
שוועבט די אייביקע שיינקייט —
דורכחלומען כ'וויל אַ רוּאיקן אָרט.
שָלווה, פרייד זאָל זיין דאָרט
נאָך שאָטן, אַ טאָג וואָס קלאָרט,
אָן שעטנז — שיינקייט
אונטערן צייכן פון אמתן וואָרט.

## ווייסע דעכער

פאַר מיין פענצטער ווייסע דעכטער
דערפרייען מיין געמיט,
אין שטילקייט שוועבן ליכטיקע פּעכער
הייך איך הייב אַ פולן בעכער
צום פריינד מיט ערלעכע טריט.
פאַר מיין פענצטער ווייסע דעכער
דערפרייען מיין געמיט.

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

א י נ ק אָ ר פּ אָ ר י י ט ע ד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיורטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to........................................

Address........................................

Date of Birth........................Soc. Sec. No........................

Principal Amount $........................................

Date....................Signature of Applicant........................

יעקב שייפער

# אַ באַגעגניש

(דערציילונג)

געהייסן האָבן זיי אייגנטלעך הענע און כיענע, צוויי שוועסטער אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער אויף קאַרגע צוויי יאָר, נאָר גערופן האָט מען זיי כינקע־פּינקע, לויטן נאָמען פון אַ פּאָפּולערע טעאַטער פּיעסע. דער נאָמען האָט זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו זיי, אַז זיי האָבן אפשר שוין אַליין פאַרגעסן ווי זיי הייסן אויף אַן אמת.

כינקע איז געווען פון נידעריקן וווקס און אַ דיקלעכע. פּינקע, די ייִנגערע, איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון איר שוועסטער. ניט געקוקט אויפן קליינעם אונטערשייד אין עלטער, איז אָבער כינקע געווען די „מאַמע" פאַר איר צעבאַלעוועטער שוועסטער און האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן.

געוווינט האָבן זיי אין אַ בוידעם־שטיבל וואָס זיי האָבן געדונגען ביי אַן עלטער פּאָר־פאָלק, און פּונקט ווי הונדערטער אַנדערע יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געצויגן פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך צו דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, האָבן זיי געאַרבעט אין דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק. דער אַרבעטס־לוין האָט קוים געקלעקט ווי עס איז זיך אויסצוהאַלטן. די ווייניקער גליקלעכע האָבן גאָר קיין אַרבעט ניט געפונען און דערוויל גאַנץ פיין אונטערגעהונגערט.

עס איז אַ כלל, אַז ווו עס געפינען זיך אַ פּאָר מיידלעך, באַווייזן זיך באַלד עטלעכע ייִנגלעך, און פאַרקערט. איז טאַקע דאָס בוידעם־שטיבל ביי כינקע־פּינקע געווען פול מיט ייִנגלעך און מיידלעך; ווער עס איז געקומען אַ ביסל פאַרברענגען, ווער עפּעס איבערכאַפּן נאָך אַ לאַנגן תענית. כינקע־פּינקע האָבן קיינעם ניט אַוועקגעלאָזט אַ הונגעריקן.

איינע פון די שטאַם־געסט אינעם בוידעם־שטיבל איז געווען בריינדעלע. אַ יונגעטשקע, קוים 16 יאָר אַלט, אַ דיבינקעפּ אַ צאַרטע, ווי אַ מלאך, איז זי ניט געגאַנגען נאָר געשוועבט. זי האָט געהאַט לאַנגע, געדיכטע האָר, פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּלעך. אָפּט פלעגט זי אַזוי האַרציק זינגען:

מיין געליבטער איז אַ שיכור, אַ באַנדיט,
קיין זאַך גייט אים ניט אָן,
אַלעס שטעלט ער אין קאָן.
ווען ער קושט איז ער געטלעך שיין;
נײן, איך לאָז אים ניט גיין,
איך וויל ניט בלייבן אַליין.
ער שפּאַסט און לאַכט פאַרשייט,
פאַרשיכורט ווילד זיין צייט.

דאָס חיות איז אויסגעגאַנגען ביי אַלעמען פון רחמנות צום אומגליקלעכן מיידל, אָבער מער פון אַלעמען האָט עס געווירקט אויף הערשלען, אַ בחור פון אַכצן יאָר. אַ ראָמאַנטישער פון נאַטור, איז ער גאָר ניט געווען גלייכגילטיק צו בריינדעלען, נאָר ער וועט דאָך איר דאָס ניט דערציילן, זי קען אים נאָך אויסלאַכן. כאָטש צייטנווייז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האָט אַ וואַרעמען געפיל פאַר אים אויך, האָט ער געליטן און געשוויגן.

דער עלטסטער פון אַלע איז געווען פסחקע, אַ בחור שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַלט. ער פלעגט נאָכאַנאַנד זיך רייצן מיט די ייִנגערע בחורימלעך: „וואָס ווייסט איר, צוציקעס, ווי זיך צו באַגיין מיט מיידלעך? אָט לערנט זיך ביי מיר."

נו, מען האָט זיך פון אים דווקא ניט געוואָלט לערנען, מען האָט גאָר ניט געזען דעם גרויסן „אויספּעך" (דערפאָלג) וואָס ער האָט געהאַט אפילו ביי כאַוּוקען, כאָטש זיי פלעגן זיך גאַנץ אָפּט שושקענען.

אָט אַזוי האָט מען געזונגען צוזאַמען, געהונגערט צוזאַמען און געטרוימט צוזאַמען — ווער פון אַ ייִדישער מלוכה אויף ביידע זייטן ירדן, ווער פון אַ וועלט־רעוואָלוציע, ווער פון אַ חתן, און ווער... פון בריינדעלען.

נאָר אָט האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט געהאַט גאָר שווערע פאָלגן פאַרן בוידעם־שטיבל — מען האָט געכאַפּט כאַוּוקען מיט

פסחקען ביים קלעפּן קאָמוניסטישע אויפרופן קעגן דער רעגירונג, מען האָט זיי אַרעסטירט און פאַרמישפּט אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה.

די ערשטע איז געקומען צעלויפן ברײַנדעלעס מאַמע, די אַלמנה, אַרויסראַטעווען איר „אויג אין קאָפּ". הערשל האָט שוין מער ניט געקענט איבערטראָגן דעם הונגער, האָט ער זיך נעך געמוזט אומקערן צוריק אין אומעטיקן שטעטל אַריין. די איבעריקע זײַנען זיך אויך אַלע צעלאָפן. כינקע־פינקע האָבן נאָך געפּרוווט אויפהאַלטן דאָס בוידעם־שטיבל, אָבער עס האָט שוין ניט געהאַט מער דעם אַמאָליקן גלאַנץ. אין גיכן איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און האָט אַלץ און אַלעמען פאַרפּלייצט.

נאָך דער מלחמה האָבן די לעבן־געבליבענע יידן אין די לאַגערן זיך געצויגן אין צוויי ריכטונגען: איינע קיין פּאַלעסטינע, בכדי צו קעמפן קעגן די ענגלענדער און פאַר אַ יידישער מדינה; אַנדערע — קיין אַמעריקע. הערשל, וואָס איז געבליבן לעבן נאָכן פאַרלירן זײַן גאַנצע משפּחה, איז מיט זײַן צווייטער פרוי געפאָרן צו קרובים אין אַמעריקע.

פון אַמעריקע פלעגט ער זיך דורכשרייבן מיט זײַנעם אַ יוגנט־חבר, איציק, וועלכער איז אין דער היים געווען אַ פאַרקיפער אין אַן אייזן־געשעפט. ער האָט באַוויזן אַוועקצופאָרן קיין פּאַלעסטינע פאַר דער מלחמה. ווען עס איז געוואָרן די מדינה און עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עליה, איז איציק, איצט יצחק, געוואָרן אַ בוי־אונטערנעמער, אַ קבלן, הייסט עס, אין ישראל. אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַ גביר אדיר. ער האָט שוין געוווינט אין אַ „ווילע" און געהאַט אַן אייגענעם אויטאָ. ער פלעגט אָפט איינלאַדן הערשלען צו קומען אויף אַ באַזוך קיין ישראל.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען הערשל איז ווידער געבליבן אַליין, האָט ער באַשלאָסן אָנצונעמען זײַן חברס איינלאַדונג מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט ער עפּעס אויסגעפינען וועגן דער בוידעם־שטיבל באַנדע. און אפשר, ווער ווייסט, לעבט נאָך ברײַנדעלע ערגעץ־ווו. אָבער ער האָט דאָס פאַרן מויל ניט אַרויסגעבראַכט.

אין ישראל האָט אים יצחק אַרומגעפירט אומעטום: איבער היסטאָרישע פלעצער, וואָס ישראל איז אַזוי רייך מיט דעם, געווען אין ירושלים ביים כותל המערבי, אין מאה שערים, מערת המכפלה, מסדה, און אויך אין קבוצים, מושבים, תל־אביב, חיפה, זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין אילת, געשווומען אין ים־סוף, זיך געבאָדן אין ים־המלח. שפּעטער האָט ער זיך געטראָפן מיט לאַנדסלייט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע.

דאָס ערשטע האָט ער געטראָפן כּאַוועקן די „קאָמוניסטקע". קיין קאָמוניסטקע איז זי שוין מער ניט געווען. זי האָט דורכגעלעבט סיי די תּפיסה־יאָרן, סיי די געטאָ, פון וואַנען זי איז מיטן מאַן אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. איר מאַן איז אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט די דייטשן. נאָך דער באַפרייונג איז זי אַוועק קיין ישראל ווו זי האָט געהייראַט אַ צווייטן מאָל, דאָס מאָל אַ רעליגיעזן ייד, און מיטן זעלבן אייפער ווי זי פלעגט אַמאָל שרייען: „אַ טויט די בורזשויען!" האָט זי איצט געשריען, אַז מען זאָל ניט אָפּגעבן קיין איין שפּאַן ערד צו די אַראַבער.

ער האָט שפּעטער אויך געטראָפן פרומעלן, די ציוניסטקע. אויך זי האָט פאַרלאָרן איר גאַנצע משפּחה, און דער ערשטער געלעגנהייט איז זי נאָך דער באַפרייונג גלייך אַוועק מיט דער אומלעגאַלער עלייה קיין פּאַלעסטינע.

איצט האָט זי מיט איר צווייטן מאַן אַ משק, אַ ווירטשאַפט, ווו זיי האָדעווען הינדלעך און קאַטשקעס, און אַ גרויסן שוואַרצן קודלעוואַטן הונט, וואָס הייסט גלית. אָבער ניט ווי דער תּנכישער גלית, האָט ער דווקא ליב יידן און טוליעט זיך צו צו אַלעמען, נאָר די הינדלעך מיט די קאַטשקעס האָבן פון אים אויסגעריסענע יאָרן.

עס זעט אויס אַז מער איז קיינער ניט געבליבן לעבן פון יענעם בוידעם־שטיבל באַנדע. אויך פון כינקע־פינקע איז קיין שפּור ניט געבליבן. און ברײַנדעלע? ער איז נאָך אַלץ ניט דרייסט גענוג זיך

נאָכצופֿרעגן וועגן איר. זעט אויס, אַז זי איז אויך נישטאָ.

עס דערנענטערט זיך שוין דער טאָג פֿון זיין צוריקפֿאָרן. דעם לעצטן אָוונט האָט אים יצחק גענומען צו נאָך אַ גרופּע לאַנדסלייט, ווו ער איז אויך קיין זאַך ניט דערגאַנגען. אויף צוריקוועג האָט דער גוטמוטיקער יצחק, ווי ער פֿלעגט עס טאָן יעדן מאָל, מיטגענומען מיט זיך אין אויטאָ עטלעכע לאַנדסלייט, כּדי זיי אָפּצופֿירן צו זייערע היימען. אויפֿן וועג האָט מען, ווי געוויינטלעך, געשמועסט וועגן דער לאַגע אין לאַנד. הערשל האָט זיך ווייניק צוגעהערט. מאָרגן דאַרף ער שוין אָפּפֿאָרן און יעדער אָפּשייד איז שווער. זיצט ער אַ פֿאַרטראַכטער, און אַז די רייד האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָט מען גענומען זינגען אַלטע, האַרציקע פֿאָלקס־לידער, וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט געהערט, און אויך נייע, מאָדערנע, העברעישע לידער פֿון קאַמף און גבֿורה. .

פּלוצלונג האָט ער אויפֿגעצאַפּלט, איינע פֿון די פֿרויען האָט אָנגעהויבן זינגען: „מיין געליבטער איז אַ שיכּור, אַ באַנדיט.“ הערשל האָט אויסגערופֿן: איך האָב געקענט אַ מאָל אַ מיידל, ברײנדעלע האָט זי געהייסן, פֿלעגט זי זייער שיין זינגען דאָס ליד. אַ ווײלע איז געוואָרן שטיל, דאַן האָט אַ פֿרוי זיך אָפּגערופֿן: „איך בין ברײנדעלע.“ הערשל האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ: — ברײנדעלע?!... הערשל?!...“ אויף אים האָט געקוקט אַ פֿרוי מיט קורצזיכטיקע אויגן הינטער שווערעברילן, מיט קורצע, שיטערע האָר: „ברײנדעלע“!!! — האָט ער מער ניט געקענט אַרויסריידן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פֿאַרשטאַרטן בליק און געשוויגן. אַ שווערע שטילקייט איז געשטאַנען אין אויטאָ. אַלע האָבן קוים דערוואַרט די רייזע זאָל זיך ענדיקן.

קומענדיק שפּעטער צו זיך אין האָטעל האָט הערשל אַרויסגענומען זיין יוגנט־בילד, וואָס יצחק האָט אים געשאָנקען, זיך געשטעלט קעגן שפּיגל, און געפּרוּווט פֿאַרגלייכן דעם אַ מאָל מיטן היינט. נו, איז דען אַ וווּנדער ווי אַזוי זי האָט געקוקט אויף אים? צי האָט דען אָט דער מאַן מיטן גרויסן פּליך, מיט דער קאַרטאָפֿל־נאָז און רונדן בויך עפּעס אַן ענלעכקייט צו דעם צאַרטן, יונגן בחורל מיט די געקרייזלטע האָר וואָס אויפֿן בילד?

אויף מאָרגן איז שוין הערשל געווען אויפֿן וועג צוריק קיין אַמעריקע.

---

## דוד אָפּאַלאָוו / ניו־יאָרק *)

# בּרוק עוועניו

וועז איך בין געווען יונג
ביזטו שוין געווען זיידע־אַלט.
ווען עס האָט געגאָסן אַ רעגן
פֿלעגט רינען וואַסער
פֿון יעדן שפּאַלט
און פֿון סופֿית.
די זון האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט
אין גרויער ראַם פֿון אָרעמקייט
וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט
ווי די בערזשעראַקס לאַנגע נאָז.

*) אין פֿעברואַר 1984 איז דער דיכטער דוד אָפּאַלאָוו געוואָרן 80 יאָר אַלט. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונטע און שעפֿערישע יאָרן.

# שרײַבערס און ביכער

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

## אַ יידישער געלערנטער וואָס גייט קעגן שטראָם

### I

פאַראַן אַ היפּשע צאָל אַמעריקאַנער ראַבייס, פון אַלע שאַטירונגען, וואָס זיינען אַחוץ זייער באַרוף, אויך סאָציאָלאָגן, היסטאָריקערס, פובליציסטן, און, פאַרשטייט זיך, טעאָלאָגן. אָבער מערסטע פון זיי גייען מיטן שטראָם וואָס איז קאָנווענציאָנעל, שלילת־הגלותדיק אין טעאָריע, בעת זיי אַליין בלייבן אין „גלות־אַמעריקע". ראַביי אַרטור הערצבערג געהערט צו דער קליינער צאָל אויסנאַמען וואָס וואַגן צו טראַכטן זעלבסטשטענדיק, און פון צייט צו צייט אפילו צו קריטיקירן די אַמעריקאַנער יידישע און ישראלדיקע עסטאַבלישמענטס. ער שרייבט און פאָלעמיזירט איבער צייט־פראַגן, און אַ טייל פון די דאָזיקע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען האָט ער צונויפגעזאַמלט אין אַ בוך וואָס מיר ווילן דאָ באַהאַנדלען. *)

ד"ר הערצבערג האָט געוואַגט צו קריטיקירן גאָלדע מאירס טעלעגראַמע צו פרעזידענט ניקסאָן, שטיצנדיק די מלחמה אין וויעטנאַם. ער האָט קריטיקירט ישראלס באַהאַנדלונג פון אירע „שוואַרצע פאַנטערס" — די אָרעמע יידישע יוגנט וואָס שטאַמט פון צפון אַפריקע און אַנדערע לענדער. עס איז אויך באַקאַנט אַז ער איז אַ קעגנער פון דער איצטיקער ישראלס רעגירונגס פּאָליטיק צו באַזעצן יידן אין יהודה און שומרון. ווי אַ געלערנטער האָט זיך הערצבערג געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין בוך אין ענגליש: „די פראַנצויזישע אויפקלערונג, און יידן", און מיט זיין אַנטאַלאָגיע: „די ציוניסטישע אידעע,

אַחוץ די אַלע אויפטואונגען זיינע איז נאָך מער רבותא, היינטיקע צייטן ווען מערסטע אַמעריקאַנער ראַבייס באַנוצן זיך ווייניק מיט יידיש — דער פאַקט וואָס הערצבערג האָט אַ וואַרעמע באַציונג צו יידיש און דער יידיש־קולטור. ער איז אַקטיוו אין דער אַרבעט פאַר ייוואָ, און באַטייליקט זיך אין די „צוקונפט"־סימפאָזיומס.

אין עלטער פון פינף יאָר איז אַרטור הערצבערג געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע (באַלטימאָר) ווו זיין פאָטער, אַן אָרטאָדאָקסישער רב, האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע. דאָ האָט אַרטור געלערנט אי תלמוד, אי אַלגעמיינע לימודים. ער האָט גראַדואירט פון דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט, און שפּעטער פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. די לעצטע יאָרן איז ער דער ראַביי פון דער קאָנסערוואַטיווער שול אין ענגלעוווד, ניו־דזשוירזי, גלייכצייטיק איז ער וויצע־פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

אין דעם איצטיקן בוך: „צו זיין אַ ייד אין אַמעריקע" עקזאַמענירט ער לויט זיין רעליגיעז־ציוניסטישן וועלט־באַנעם די פּראָבלעמען וואָס שטייען היינט־צו־טאָג פאַר אַמעריקאַנער יידן; די ספּעציפישע אַרויסרופן צום יידישן לעבן און קולטור, וואָס די מאָדערנע צייט רוקט אַרויס. ער ראַנגלט זיך מיטן פּראָבלעם פון יידישער אייגנאַרטיקייט, ווי עס באַווירקט יידן גופא, און ווי עס איז משפּיע אויף די באַציונגען מיט נישט־יידן. ער באַטראַכט די פאַרשידענע אַספּעקטן פון דער קולטור און פּאָליטיק פון אַמעריקאַנער יידנטום, און די אָפּט־דיסקוטירטע פראַגע: צי איז דער אַמעריקאַנער ייד אין גלות? איז אויב אפילו אַ וועלטלעכער ייד ווי איך

---

*) Being Jewish in America
*by Arthur Hertzberg*
Schocken Books; N.Y. 1979
287 pp.

וועט נישט קענען מסכים זיין מיט זיינע אויספירן איז אויך כדאי זיך באַקענען מיט זיינע מיינונגען, וואָס זיינען באַזירט אויף אַ סך יידיש וויסן, און אויף זיין קענען עטלעכע יידישע דורות אין אַמעריקע, און דערצו האָט קיינער פון אונדז — אַחוץ אפשר עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן — נישט קיין פאַרטיקע ענטפערס אויף די דילעמעס וואָס דאָס אַמעריקאַנער לעבן — און נישט בלויז אַמעריקאַנער — רוקט אַרויס פאַר אונדז יידן ביים סוף פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

שרייבנדיק וועגן די באַציונגען צווישן אַמעריקאַנער יידן און שוואַרצע, האַלט הערצבערג אַז די געזעלשאַפט איז שולדיק די שוואַרצע אַביסל גרויסמוטיקייט, ווייל זיי הייבן אָן זייער לעבן ווי יורשים פון אַ שלעכטן עבר; און ווייל ער איז אַ ציוניסט, טענהט ער, מוז ער זיין פאַר „אַפירמאַטיווער אַקציע". ער האַלט אַז די פאָדערונג פון אַ יידישער מלוכה איז ביי אים אַ פאָרם פון „אַפירמאַטיווער אַקציע" אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם. די וועלט איז שולדיק יידן אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג ווי אַ באַלוינונג פאַר די צרות וואָס מיר האָבן געליטן אין עבר. פּונקט אַזוי איז אַמעריקע שולדיק די שוואַרצע פאַר אירע חטאים.

די דאָזיקע אַנאַלאָגיע איז אָבער ווייט נישט גליך: ראשית, זיינען די שוואַרצע נישט קיין היימלאָזן פאָלק ווי יידן: זיי האָבן עטלעכע אייגענע מדינות אין אַפריקע און אין קאַריבייאישן ים. „אַפירמאַטיווע אַקציע פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן האָט שוין דערפירט אין אַ ריי אַמעריקאַנער שטעט צו קאָנפליקטן צווישן די ראַסן, און ס'קען דערפירן צו דעם אַז אַלע אַנדערע מינאָריטעטן אין אַמעריקע זאָלן פאָדערן אַ פּראָצענט־נאָרמע, און דאָ איז אַ געפאַר נישט בלויז פאַר יידן, נאָר פאַר אַלע אַמעריקאַנער. דערצו וואָלט עס אַרונטערגעגנידערט די קוואַליטעט פון אַמעריקאַנער פּראָפעסיאָנאַליזם. אַזאַ פּראָמינענטער יידיש־אַמעריקאַנער ליבעראַל ווי מאָריס אייבראַמס האָט אַנומלטן באַוויזן אין עטלעכע לענגערע בריוו אין דער „ניו־יאָרק טיימז", די סכנה וואָס „אַפירמאַטיווע אַקציע" איז פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, ווו דער יחיד, פון יעדער ראַסע, איז גלייכבאַרעכטיקט, און דאַרף האָבן אַלע געלעגנהייטן לויט זיינע פעיקייטן.

יעדער וואָס איז באַזאָרגט וועגן יידישן קיום אין אַמעריקע וועט מסכים זיין מיטן מחבר, אַז כדי צו באַפעסטיקן יידישע עקזיסטענץ, מוזן מיר יידן טיילווייז זיין איזאָלירט פון אַרום, און דער ערשטער באַדינג פאַר דעם זיינען טאָג־שולן פאַר יידישע קינדער — כאָטש פאַר אַ 10־15 פּראָצענט פון זיי. אין טאָג־שולן וועלן יידישע קינדער האָבן גענוג צייט איבערצונעמען דעם יידישן עטאָס וואָס איז פאַרקערפּערט אין תנ"ך, אין תלמוד, אין דער יידישער פילאָסאָפיע, און אין דער מאָדערנער העברעישער און יידישער ליטעראַטור.

## II

מיר קענען זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַלע אָפּהאַנדלונגען וואָס ד"ר הערצבערג דיסקוטירט אין זיין בוך; אין דער עסיי וועגן אַנטיסעמיטיזם און דער חורבן, צייכנט דער מחבר אָן די קאָנפליקטן צווישן יידן און גוים אין אונדזער צייט, ווען אין צענטער פון דער שנאה שטייט די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האַלט ער, איז יעדע פון די ברירות וואָס די עמאַנסיפּאַציע האָט אָנגעבאָטן געוואָרן פאַרווירקלעכט. דער מערב־אייראָפּעישער חלום פון עמאַנציפּאַציע איז געוואָרן רעאַליזירט אין אַמעריקע. אָבער די סעקולערע „ככל־הגויימדיקע" ישראל איז געוואָרן דער היינטצייטיקער עקוויוואַלענט פון דער יידישער אמונה, ד"ה, די לאָיאַליטעט וואָס ישראל רופט אַרויס ביי יידן איז די קעגנוואַרטיקע פאָרם פון יידישער אייגנאַרטיקייט. אָט דער פענאָמען איז די פאַרקערפּערונג פון דער אַלט־יידישער אידעע אַז מיר זיינען אַנדערש פון אַלע אַנדערע אומות.

דאָס מיינט, לויט אים, אַז דעם דאָזיקן יידישן באַוווסטזיין האָבן אונדזערע שונאים כסדר אַטאַקירט זייט דעם אַלטערטום. די אַלטע־טימלעכע העלעניסטישע

אַנטיסעמיטן האָבן אונדז פֿאַרגעוואָרפֿן אַז מיר זיינען אַנטי־סאָציאַל, ווייל מיר ווילן נישט עסן אָדער טרינקען מיט זיי צוזאַמען. די קריסטן ווידער האָבן גע־האַלטן, אַז מיר זיינען די איינציקע גע־מיינשאַפֿט וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן „דאָס נייע ליכט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.“

הייַנטיקע קריסטן באַטראַכטן אונדז ווי אַ מאָדנע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־פּאָליטישע ענטיטעט. אויב מיר ווילן זיין ערלעך מיט זיך, האַלט הערצבערג, מוזן מיר צוגעבן אַז מיר זיינען טאַקע אַזוי געווען און וועלן ווייטער אַזוי בלייבן אין אַ סעקולאַריזירטער פֿאָרם. דאָס וועט דערפֿירן צו אַ רעוויטאַליזירונג פֿון יידישן גייסט. דאַרפֿן מיר דעריבער פֿאַרשטיין אַז די מחלוקה מיט אונדזערע שונאים איז וועגן ווידער־אויפֿקום פֿון דער אַנ־דערשקייט פֿון וועלט־יידנטום. „מיר אונ־טערשיידן זיך נישט שטאַרק פֿון אונ־דזערע קריטיקערס בנוגע די פֿאַקטן; די מחלוקה איז וועגן מאָראַלישן אורטייל, וועגן דעם ווערט פֿון דעם וואָס מיר זייַ־נען, און צי אונדזער יידישקייט פּאַסט זיך אַריין אין אַ געוויסער וויזיע פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.“ (ז׳ 42־48).

ער ציט ווייטער די ליניע פֿון יידישער אַנדערשקייט אין אַמעריקע אויפֿן עקאָ־נאָמישן שטח און ער וואָרפֿט אָפּ די פֿאַר־שפּרייטע מיינונג אַז אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט האָבן יידן זיך געריסן צו אינטעלעקטועלע באַשעפֿטי־קונגען און פּראָפֿעסיעס צוליב אַנטי־סעמיטיזם. ער פֿאַרשטייט אַז ס׳איז ניש־טאָ קיין צידקות אין פֿיזישער אַרבעט — דאָס איז אַ ראָמאַנטישער מיטאָס. אין דער אמתן איז עס געווען דער יידישער ווילן און דראַנג צו שאַפֿן די יידישע עקאָנאָמישע אַנדערשקייט. וואָס אָפּענער די געזעלשאַפֿט, אַלץ מער אַנדערש זיינען יידן.

דאָ קען מען זיין מחולק מיט אים און אים פֿרעגן, צי איז דאָס טאַקע אַזוי געווען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַ ריי לענדער אין מזרח־אייראָפּע — אין פּוילן, אין סלאָוואַקיע, אין רומעניע?

דאָרטן זיינען געווען אַ גרויסע צאָל יידי־שע האָרעפּאָשניקעס, וואָס די אַנטיסעמי־טישע רעגירונגען האָבן געטריבן צו עמיגרירן, אָדער צו ווערן לופֿטמענטשן; אָבער יידן האָבן זיך געוואָלט פּראָלע־טאַריזירן.

ד״ר הערצבערג איז נישט מסכים — און דאָ איז ער גערעכט — מיט סאַרטער׳ס טעזע אַז אַלץ וואָס איז אַנדערש אין שייכות צו יידן איז אַן אויסטראַכטעניש פֿון אַנטיסעמיטן, און דער רעזולטאַט פֿון אויסערלעכע נעגאַטיווע פֿאַקטאָרן. די דאָזיקע הנחה, טענהט ער, גייט אַרויס פֿון פֿאַלשן שטאַנדפּונקט, אַז די געוירשנטע יידישע קולטור איז נעגאַטיוו. אַזאַ שטע־לונג צו אַנטיסעמיטיזם ווי סאַרטער האָט, מיינט פּאַקטיש אַז אמתע פֿרייהייט פֿאַר יידן איז מחייב אַז זיי זאָלן דעמאָלט אויפֿ־הערן צו זיין יידן; זיי זאָלן ווערן ווי אַלע, פּ׳הייסט, פֿראַנצויזן.

ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע: די בעסטע נישט־יידישע ליבעראַלן — מיטן אויס־נאָם פֿון אַ ריינאַהאָלד ניבויר, דזשאָרדזש פּ. מור, טראַווערס הערפֿאָרד, און אפֿשר נאָך עטלעכע חסידי אומות העולם — זיי אַלע זיינען גרייט אונדז „אויפֿצונעמען“ ווי גלייכע, בתנאי אַז מיר וועלן פֿאַרלירן אונדזער אייגן פּנים.

דער אַנטיסעמיטיזם, דערמאָנט אונדז דער ראַביי, שטאַמט פֿון דעם אַלטן גרי־כישן איינשטעל, אַז די „באַרבאַרן“ דאַרפֿן ווערן העלעניזירט כדי מ׳זאָל זיי אַקצעפּ־טירן. אָבער מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ סימפּליציסטישע דערקלערונג פֿון אַנטי־סעמיטיזם, וואָרעם אויב אַזוי, פֿאַרוואָס ווערט דער דאָזיקער צוגאַנג נישט אָנגע־ווענדט אויך אויף די איסלאַמישע פֿעל־קער, און זייער קולטור, וועלכע האָט אויך נישט איבערגענומען דעם העלעניזם? פֿאַרוואָס מוזן בלויז יידן זיין ווי „אַלע“?

יידן, גלויבט ער, און ס׳ווילט זיך טיילן זיין גלויבן, וועלן נישט אויפֿגעבן זייער אייגנאַרטיקייט אפֿילו בימי משיח. די פֿראַגע איז: מיט וואָס פֿאַר אַן איינהאַלט מיר וועלן אָנפֿילן די דאָזיקע זייגנ־אַרטיקייט.

## III

אין זיין אָפּטימיסטישער עסיי וועגן דער יידישער ניו־יאָרק שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער ראָלע פון יידן אין פאָרמירן דעם כאַראַקטער פון דער שטאָט און פון גאַנצן לאַנד. ניו־יאָרק איז די גרעסטע יידישע קהילה פון אַלע צייטן, און זי איז אויך אַ צענטער פון תורה און יידישער שעפערישקייט. ער ווייזט אָן אויף דעם פּאַראַדאָקס אַז די „אַמעריקאַנישע" אימיגראַציע־כוואַליעס — ס'הייסט פון ספרדים און דייטשע יידן — האָבן געהאַט אַ קנאַפּן באַטייט פאַר אַמעריקע, בעת די „אַמוויניקסטן" אַמעריקאַנישע, די מזרח־אייראָפּעישע יידן, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה ביים טראַנספאָרמירן אַמעריקע ווי אַ גאַנצע. ווי אַ ביישפּיל: אין יאָר 1880 זיינען פון די דעמאָלט־עקזיסטירנדיקע 206 קאָנגרעגאַציעס, 200 געווען רעפאָרמירטע. מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז שוין געווען גאַנץ אַנדערש: הונדערטער יידיש־רעדנדיקע שולן און בתי־מדרשים זיינען אויפגעקומען. אין 1880 איז די מאָדע געווען זונטיק־גאָטסדינסטן; איצט איז דאָס מער נישטאָ. אויך בנוגע ציוניזם איז געשען ענלעכעס; צו זיין אַ ציוניסט האָט אַמאָל געמיינט „טאָפּלטע לאָיאַליטעט"; אָבער היינט טראַכט מען נישט אַזוי.

די נייע אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע איז באַשטאַנען אויף איר רעכט פון אַן אייגענער רעליגיע, אַן אייגענער פּאָליטיק, אַן אייגענער וויזיע פון אַ גערעכטער אַמעריקע, און די רעכט אויף איר אייגענער קולטור. און אפילו דער איצטיקער דור, וואָס איז שוין אינטעגרירט אין אַמעריקע, רעפּרעזענטירט אַן אייגנאַרטיק, אַנדער־שטיקן עלעמענט אין לאַנד.

פון דעסטוועגן קוועסטיאָנירט מען ניט די קרעדענשלס פון אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס איז אַן אומצורייסבאַרער טייל פון אַמעריקע. ד"ר הערצבערג פירט אויס אַז נישט געקוקט אויף אַלע פּעסימיסטן איז דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ דער איינציקער מיעוט וואָס עקזיסטירט איצט אין פערטן דור ווי אַ קולטורעל־אַנדערשדיקע גרופּע.

אָבער אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן דער שייכות צווישן דער קירך, דער מלוכה און יידן, הערט איר גאָר אַן אַנדער טאָן: דאָ דאָמינירט אין אים דער ראַביי, נישט דער דיסציפּלינירטער היסטאָריקער. ער פּסקנט אָפּ, אַז די אויפקלערונג־עפּאָכע אין אייראָפּע איז דורכגעפאַלן, ווייל אין דער ליבעראַלער אַנטי־קלעריקאַלער 3־טער פראַנצויזישער רעפּובליק (1870־1940) האָט מען נישט פּראָדוצירט קיין אמתע קולטורעלע גלייכהייט, און ווייל ביז איצט לערנט מען אין די פראַנצויזישע פּאָבליק־סקולס אום שבת, נישט זונטיק. אָבער איז דאָס די הויפּט־קריטעריע פאַר עמאַנסיפּאַציע? איז טאַקע דער הייניטיקער פראַנצויזיש־יידישער קיבוץ אַזוי רעכטלאָז ווי ער איז געווען פאַר דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, וועלכע האָט דאָך צוגעגרייט די רעוואָלוציע! אפילו ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט נישט באַפרייט יידן ווי אַ קאָלעקטיוו, נאָר זוי יחידים, און אפילו ווען צווישן אירע פירער זיינען געווען אַנטיסעמיטן, קען מען קאַטעגאָריש דערקלערן אַז די אויפקלערונג איז געווען אַ דורכפאַל? די גרונט־אידעען פון דער פראַנצויזישער אויפקלערונג זיינען דאָך פאַקטיש פאַרקערפּערט אין דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע, און אין דער קאָנסטיטוציע.

פונקט אַזוי אומגערעכט איז זיין פּסק אַז דער קולטור־פּלוראַליזם איז געווען אַ פּוסטע פאַנטאַזיע. אַזוי מיינט ער. אָבער די „האַרוואַרד ענציקלאָפּעדיע פון עטנישע גרופּעס", וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק — און אין איר באַטייליקן זיך אָנגעזעענע יידישע און נישט־יידישע געלערנטע — נעמט זייער ערנסט דעם קולטור־פּלוראַליזם פון האָראַס קאַלען. אַלע גיבן צו אַז דער קאַלעניזם האָט שטאַרק געהאָלפן שאַפן אַ גינסטיקן קלימאַט פאַר מינאָריטעט־קולטורן אין אַמעריקע, און ספּעציעל פאַר דער אַמעריקאַנער יידישער מינאָריטעט. פאַרשטייט זיך, אַז די טעאָריע דאַרף ווערן ווייטער אַנטוויקלט און צוגעפּאַסט צו די היינטיקע באַדינגונגען, צו די נייעסטע אויסגעפינסן אין דער סאָציאָלאָגיע, און

צו די ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט.

ראַביי הערצבערג פּרובירט באַפעסטיקן זיין טעזע מיט וויל הערבערגס בוך: „קאַטאָליק, פּראָטעסטאַנט און ייד", וואָס אַרגומענטירט אַז די אייניקלעך פון די אימיגראַנטן האַלטן דאָ אויף בלויז איין קאָמפּאָנענט פון זייער אַמאָליקער קולטור: די רעליגיע. אָבער, ווי יידישע פּובליציסטן האָבן באַוויזן, ווען הערבערגס בוך איז דערשינען, פּאַסט הערבערגס פאָרמול לחלוטין נישט פאַר יידן. אונדזער אַנדערשקייט דריקט זיך אויס נישט בלויז אין רעליגיע, נאָר אויך אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזער עטאָס, אין אונדזער היסטאָרישן באַוווסטזיין, אין אונדזער פאָלקישקייט, אין דער העברעישער און מאָדערנער יידישער ליטעראַטור; און דאָס אַלץ קען מען נישט אַריינשטופּן אין דער קאַטעגאָריע פון אמונה. מיר זיינען אַן עם לבדד ישכון; אַנדערש פון אַלע אַנדערע מינאָריטעטן אין אַמעריקע.

פאַראַן נאָך אַ ריי באַהויפּטונגען אין דער עסיי, וואָס איז מער דרשה ווי באַגרינדעטע פאָרשונג. אַזוי למשל דערקלערט הערצבערג וועגן ערשטן אַמענדמענט צו דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע וועגן דער סעפּאַרירונג פון שטאַט און קירך, אַז דאָס איז נישט קיין עיקר פאַר אַמעריקאַנער יידן. אָדער אַזאַ פּילפּול: דער ייד איז אין תוך אַ פּראָדוקט פון אַ טראַדיציע וואָס איז אינטעלעקטועל, נישט אידעאָלאָגיש. דעמאָקראַטיע איז אַן אידעאָלאָגיע, אַזוי איז אויך פּלוראַליזם; און בײדע זיינען לעבנסוויכטיק פאַר יידישער עקזיסטענץ, און פאַר דער מענטשלעכער ווירדע.

## VI

עס ווילט זיך נאָך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער עסיי: איז דער ייד אין גלות? די טעמע איז שוין אַזוי אַלט ווי „דער יידישער גלות"... אפשר איז דאָס אינטערעסאַנט פאַר ציוניסטן וואָס לעבן אין חוץ לארץ, און זיינען נישט שווה בשווה מיט זייער געוויסן... הערצבערג איז דאָ גאָרנישט מחדש. נאָר ער רעדט ווידער אין אַ פּויפּסטלעכן טאָן וואָס מען מוז אָפּוואַרפן. ער דערקלערט דאָ בפירוש אַז ער איז נישט מסכים מיט בן־גוריונען אַז אַמעריקע איז גלות. און דערנאָך דיסקוטירט ער וועגן די אָפּגעפרעמדטע יידיש־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן.

די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, נישט געקוקט אויף איר סעקולאַריזאַציע, איז פון דעסטוועגן נישט נייטראַל; זי איז קריסטלעך און גײַסטיק צום קריסטנטום, נישט יידנטום. דער רו־טאָג איז זונטיק, נישט שבת. די אָפּגעפרעמדטע יידישע אינטעלעקטואַלן, די אַליענירטע באַשטעטיקן זיין טעזע, האַלט ער, אַז דער ייד איז אַ פרעמדער אין דער וועלט. ער זאָגט אַז אַזעלכע שרייבערס ווי נאָרמאַן מיילער, לעסלי פידלער, און אַנדערע, אַנערקענען דעם פאַקט אַז דער ייד איז אַ פרעמדער. אָבער זיי צעשטערן די דאָזיקע דעפיניציע דערמיט וואָס זיי זאָגן גלייכצייטיק אַז די אָפּפרעמדונג פון ייד איז די מערכה פון מאָדערנעם מענטש בכלל... הייסט עס, אַז נישט דער ייד ווערט ווי אַלע, נאָר אַלע ווערן ווי דער ייד.

הערצבערג גיט צו אַז אין דעם איז דאָ אַ ביסל אמת, אָבער, טענהט ער, בעת יידישע און גויאישע שרייבערס זיינען אָפּגעפרעמדט פון דער מיטלקלאַסקולטור, איז עס אין ראַדיקאַל אַנדערע, אַנטיסעמיטישע ריכטונגען. אָפּפרעמדונג ביי גוים איז נישט אַלע מאָל רעוואָלוציאָנער, נאָר אָפט קאָנסערוואַטיוו, און אַנטיסעמיטיש... דאָס איז אָנווענדבאַר אויף הענרי דזשיימס, ט. ס. עליאָט, טעאָדאָר דרייזער, העמינגוועי און הענרי מילער. וועגן עזרא פּאַונד איז דאָך נישט נייטיק צו דערמאָנען.

אַזוי פּאַסירט עס אָפט ביי די אָפּגעפרעמדטע גויאישע שרייבערס און אינטעלעקטואַלן. זיי בלייבן פייש און בלוט פון דער געזעלשאַפט קעגן וועלכער זיי רעוואָלטירן. זיי גייען געוויינלעך צוריק אַהיים. אָבער אַ יידישער אינטעלעקטואַל, כדי ער זאָל אַריין אין דער נישט־יידישער גרויסער וועלט, מוז פאַרברענען אַלע בריקן צו זיין יידישן עבר דורך אַ ראַדיקאַלן איבערבייט ( ש מ ד ) און ער מוז

ד״ר ישׂראל שטערן / מאָנטרעאַל

# נאָך וועגן איטשע גאָלדבערגס בוך עסייען

אין קאַפּיטל ג׳ טרעט גאָלדבערג אַרויס צו פעכטן דעם גערעכטן קאַמף פון דער רעהאַביליטאַציע פון „(דעם) נאַציאָנאַל(ן) פּנים פון די ערשטע אַרבעטער פּאָעטן אין אַמעריקע״ (ז׳ 163). ער ווייזט אָן אויף די עוולות וואָס מ׳איז קעגן זיי באַגאַנגען, דורכן אויסשליסן זיי, אָדער צוטיילן אַ מינדערן פּלאַץ אין דער ייִדישער שאַפונג. פון דער אַנדערער זייט, ברענגט ער אויך אַרויס די רייד פון זייערע מליצים, ווי מאַרמאָר, מינקאָוו, ביאַלאָסטאָצקי, גלאַטשטיין, און אַנדערע. לדידי, זענען די אַרבעטער־פּאָעטן גרויס שוין מיט זייער השפּעה, בשעתם, און במשך עטלעכע דורות נאָך דעם, אויף דער ייִדישער יוגנט איבער אַלע תּפוצות ישׂראל. אפילו היינט וועל איך נאָך גיכער אונטערברומען אַ סטראָפע פון באָוושאָווער, עדלשטאַט, אָדער ראָזנפעלד, ווי אַן אַנדער ייִדיש ליד. דער טעם איז אַ גאַר פּשוטער — אומיושר הערשט נאָך אַלץ; ווייטיק ביי די נישט־איבערגפרעסענע, ביי די נישט־מיאַמטשיקס ־ מיט־די־קאָנדאָמיניומס, שוימט איבער די באָכן פון הארץ, און עס זינגט זיך; כאָטש די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען זענען טויט.

דער הייליקער עכאָ קלינגט נאָך אַלץ אין מיין האַרץ. אויב עפּעס איז געווען נאַיוו־הייליק, איז עס געווען ביי די אַנאַרכיסטישע פּאָעטן. דאָס איז אמת, כאָטש איך בין גאַנץ ווייט (און עס שוידערט מיך) פון זייערע יום־כּיפּור בעלער, און אַנדערע פאַרשוועכונגען און לעסטערונגען. . נאָר, אַז מען וויל זיי נאָך ייִדישן דערצו, איז אַוודאי גוט. גאָלדבערג איז מעיד: „די סאָציאַליסטישע פּריידיקערס, די פּאָפּולאַריזאַטאָרן זיינען אָפּט מאָל געווען אַסימילאַטאָריש, אויבנאויפיק און פּראָפּאַגאַנדיש, אָבער ניט די קינסטלער.״ (ז׳ 198). און אַז די אַסימילאַציע האָט זיך אין דער פּראָזע און אין דער פּאָעזיע בפירוש ניט אַריינגעגאָסן.״ (ז׳ 197).

ב. ריווקין, כנגדו, האַלט אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן מיט אַ ׳גרונטפעלער׳. . . . די שרייבערס, זאָגט ער, האָבן געקענט מאַכן ׳אַ גוואַלדיקן שפּרייז פון סאָציאַליזם צו „מענטש״, דער צווייטער נייטיקער שפּרייז פון „מענטש״ צו „ייִד״ האָט זיך ביי זיי פאַרהאַלטן׳.״ (ז׳ 196).

קומט מינקאָוו און זאָגט: „מיטן אויסנאַם פון דער אַלטער רעליגיעזער פּאָעזיע — די תּחינות — האָט די ייִדישע פּאָעזיע נאָך קיין מאָל פריער ניט געווירקט אַזוי

---

אַריבערגייען צו דער קולטור און רעליגיע פון דער מערהייט. אַזוי פּסקנט דער ראַביי. אָבער שטימט דאָס מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, און איז דאָס כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַליענירטע ייִדישע שרייבערס אין אַמעריקע?

דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דער פאַל אין אייראָפּע, ספּעציעל אין דייטשלאַנד. ס׳איז אָבער נישט אָנווענדבאַר אויף אַמעריקע. דאָ איז דאָך אין אַ סך פאַלן געשען פונקט פאַרקערט: דאָס זיינען אַ ריי פון די באַרימטסטע ענגליש־שרייבנדיקע ייִדן צוריקגעקומען אַהיים, און זיך אידענטיפיצירט ווי ייִדן. לאָמיר דערמאָנען כאָטש עטלעכע, וואָס זיינען געוואָרן ייִדישלעכער: אַלפרעד קייזין, סאָל בעלאָו, אוירווינג האָו, נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ, אוירווינג קריסטאָל, און אַ צאָל אַנדערע ווייניקער פּאָפּולערע.

וואָס איז דער רעצעפּט צו דער אַליענאַציע וואָס ד״ר הערצבערג ווייטיקט איבער איר? אפילו ווען איר וועט אָפּוואַרפן זיין אַנאַליז וועגן די אָפּגעפרעמדטע ייִדישע שרייבערס און אינטעלעקטואַלן וועט איר מוזן צוגעבן אַז דער איינציקער אויסוועג, ווי דער מחבר שלאָגט פאָר, ליגט אין טאָג־שולן פאַר ייִדישע קינדער, און אין קולטיווירן ייִדישע ווערטן. דאָס איז דער פאַרבאַדינג פאַר ייִדישן המשך אין אַמעריקע.

שטאַרק און טיף מאָראַליש ווי די רעוואָלוציאָנע־ע און אַרבעטער־פּאָעזיע אין אַמעריקע.״ (ז״ז 174־175).

„...מאַכ[ט] (גאָלדבערג — י. ש.) אַ ווייטגייענדיקן פאַרגלייך: אַקוראַט ווי עס איז ניט געלונגען טייל ראַפּפּישע קריטיקער אין די דרייסיקער יאָרן צו אַנטנאַציאָנאַליזירן די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, אַקוראַט אַזוי איז ניט געלונגען די קאָסמאָפּאָליטן און אַסימילאַטאָרן צו אַנטנאַציאָנאַליזירן די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אין די יאָרן 1890־1910. די שפּעטערישע ליטעראַטור האָט זיך ניט געלאָזט. געוואונען האָט דער סאָציאַל־נאַציאָנאַלער סינטעז.״ (ז׳ 198).

און אַז מען איז שוין בודק די נאַציאָנאַלע ציצית ביי די סאָציאַליסטישע שרייבערס (הגם גאָלדבערג וואָלט צופרידענער געווען ווען פּרץ זאָל געווען „דערשאַצן״ יעקב גאָרדינס אויפטוען כאָטש פאַרן יידישן טעאַטער — קוקט אַריין, זייט מוחל, אויף ז׳ 165, וועט איר הערן פּרצעס גערעכטע קריטיק — אָבער יאָ דערשאַצן, נישט דערשאַצן, ווי קען מען עס פאַרקוקן — ווען מען וויל יעדן יידישן — אַז יעקב גאָרדין איז געווען אַ סעקטאַנט, כמעט אַ משומד. וואָלט איר היינט וווילגעזאָגט אויף אַ יידישן „מוני״, אַ „האַרי קרישנאַ״, אַ „דזשו־פאָר־דזשיזוס״, אַ „זען־בודיסט״, וואָס ראָיען זיך איצט אַרום אויף דער יידישער „גאַססע״?) יאָ, אַז מען איז שוין בודק, איז מען שוין אגב־אורחא בודק דעם סאָציאַלן תכלת ביי די „יונגע״ און „אינזיכיסטן״. אָבער, גאָט איז אַ פאָטער, אַלצדינג ענדיקט זיך בכי־טוב: די יידישע ליטעראַטור איז, און בלייבט, נאַציאָנאַל־סאָציאַל, אָדער סאָציאַל־נאַציאָנאַל. דעם „גרונטפעלער״ וועלכן ריווקין האָט באַמערקט, זעט גאָלדבערג אויך, אָבער אַנדערש:

„אין דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז דער גרונטמאָטיוו געווען אַ מין פאַראייַנפאַכטער דעטערמיניזם: „אַזוי שנעל ווי עס וועלן געלייזט ווערן די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועט דער יחיד זיין אַן אויסגעלייזטער. די ליטעראַטור האָט געשטעלט פּשוטע פראַגעס און אויף זיי געגעבן פּשוטע, אָפט סימפּליסטישע ענטפערס: צוויי כוחות שטייען קעגן זיך, אַזוי שנעל ווי דער כוח פון בייז וועט באַזיגט ווערן, וועט די וועלט זיין אַ דערלייזטע און דער יחיד מיט איר. און זאָגן האָט מען דאָס דעמאָלט באַדאַרפט מיט די פּשוטסטע (כאָטש עמאָציעאָנגעלאָדענע) ווערטער, און מיט דעם גראָדליניקסטן געדאַנק. אָט דער דעטערמיניזם פון אַ קונסט וואָס דאַרף זיין דירעקט, אוטיליטאַריש, געבן שנעלע און גרייטע ענטפערס, מאָלן שוואַרץ און ווייס, וואָס איז געווען אין גאַנצן באַרעכטיקט אין לעצטן פערטל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָנגעטאָן געוואַלדיקן שאָדן דער „פּראָלעטפּען״־איינשטעלונג אין אַמעריקע (און, אויף אַ ניט־צום־פאַרגלייכן גרעסערן פאַרנעם, דער פילאָסאָפיע פון עסטעטיק, וואָס איז געוואָרן די באַזע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד). (ז״ז 200־201)... ענגעלס האָט (אָבער — י.ש.) געשריבן: 'וואָס מער באַהאַלטן דעם מחברס, איינשטעלונגען זיינען אַלץ בעסער איז עס פאַר דעם קונסטווערק וואָס ער שאַפט.״ (ז׳ 201).

אָט די „באַהאַלטנקייט״ — זאָגט גאָלדבערג — איז געווען אייגנטימלעך פאַר דער שאַפונג פון די 'יונגע'.״ (דאָרט) ...„די 'יונגע.״ (דאָרט) ...„די 'יונגע' האָבן באַפרייט, געמוזט באַפרייען, די ליטעראַטור פון אַ באַשטימטער פּשטותדיקער דירעקטקייט, פון אַ רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק פון די פאָרגייערס, וואָס האָט אָפט, פירנדיק אַ געראַנגל פאַר דער מענטשהייט — ניט געזען דעם איינצלנעם מענטש. זיי האָבן ניט אויסגעהוילט די ליטעראַטור פון אידעעס.״ (דאָרט). הייסט עס, אַז די „יונגע״ זענען כשר על־פּי ענגעלס. „די 'יונגע' זיינען געבוירן געוואָרן אין 'פייער פון מרידה' קעגן דער סאָציאַלער איינשטעלונג פון זייערע פאָרגייערס... אָבער אין גיכן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צום וואָרצל — דעם סאָציאַלן, ווי דעם נאַציאָנאַלן (ניין, ניט

אַלע).״ (ז 203). הייסט עס, אַז ס׳רוב ״יונגע״ איז סוף־כל־סוף אַרויף אויפן דרך פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער טראַדיציע.

באַווייזן זיך די ״אינזיכיסטן״, ״און—ס׳האָט זיך ווייטער געקאָנט דאַכטן — טאַקע אַוועקגעפירט די יידישע ליטעראַטור פון איר הויפּטציל: דאָס וועלן מתקן זיין דעם מענטש און אויסלייזן די וועלט. אָבער — ס׳איז בלויז געווען אַן אויסדאַכטעניש.״ (דאָרט). די יידישע ליטעראַטור איז ווידער אין אָרדענונג, ושלום על ישראל.

קומט אָבער די ״פּראָלעטפּען״—מרידה —אַ גילגול פון די פּיאָנערן־פּאָעטן, אָבער אָן זייער תחינהדיקייט. האַרטערע צייטן, און... פּאַרטיי־ליניע קייטן. אָבער, אויך ס׳רוב פון זיי (אויב דער רבש״ע האָט זיי נאָר באַשאָנקען מיט אַ שיבה טובה), האָט תשובה געטאָן, און האָט זוכה געווען צו געניסן מזיו השכינה פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער טראַדיציע, באַשמאָלצן מיט אַן עוקצל יחידישקייט.

אָבער, גאָלדבערג, דער ראַפינירטער שרייבער און קריטיקער, פאַרזעט נישט די אַנדערע מעגלעכע דימענסיעס פון קונסט, כאָטש ער לייגט דעם טראָפ אויף דעם סאָציאַל־נאַציאָנאַלן. ער האָט פריער דערמאנט דאָס ביזאַרע, דאָס סורעאַליסטישע. קריטיקירנדיק די ווערק פון די פּראָלעטפּעניקעס, ווייזט ער אָן, אַז:

״עס האָט געפעלט דאָס וואָס איז די אייגנטלעכע מוזיק פון דער שעפערישקייט: דער נשמה־צאַפּל פון מענטש, זיין הונגער נאָך שיינקייט און אינערלעכע שלווה. עס האָט געפעלט דאָס ״באַהאַלטענע״, אפילו דאָס מיסטישע, דאָס קוים פאַרשטענדלעכע. אין איינעם פון זיינע לידער זאָגט באָריס פּאַסטערנאַק: ״איך האָב ניט ליב קיין לעבן אין וועלכן עס פעלט סודותדיקייט און שלווה.״ (ז׳ 204).

האָט שוין דאָס מיסטישע, סודותדיקע, אויך בירגער־רעכט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט דער צייט וועט אפשר דאָס רעליגיעזע און מעטאַפיזישע אויך ווערן פול־באַרעכטיקט. איך זאָג אייך: ״יידישע גזלנים!...״

און דער מאמין, גאָלדבערג, פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל אַזוי:

אין ״מיין נאַציאָנאַלער אני מאמין״ מאמין באמונה שלי9ש אַ פינצטערלינג (1911) זאָגט מאָריס ווינטשעווסקי: ״אני מאמין באמונה שלמה, אַז דאָרטן ווו דער יונגער דור פון אייַנוואַנדערער, וועלנדיק זיך צופּאַסן צו דער הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט, טוט אויס ווו ער קען, זיין צורת־ייד, וואַרפט אַוועק זיין מוטער־שפּראַך און נעמט אָן די זיטן, אפילו די טראַדיציעס, די געשיכטע פון די יינגעבאָרענע, קומט ענטוועדער דער דאָזיקער יונגער דור, ווען ער ווערט עלטער, אָדער דער צווייטער דור, נאָך פיל טרויעריקע דערפאַרונגען, צוריק צו זיין נאַציאָנאַליטעט, הגם ניט צו איר לשון.״

מיר זיינען מסכים מיט מאָריס ווינטשעווסקיס ״אני מאמין״. מיר גיבן אָבער צו: אפילו צום לשון איז אויך מעגלעך אַ טיילווייזער צוריקקום. (ז׳ 206).

ענטפערט דערויף ישראל בן גיטל: מיר זענען דאָך באַרימט ווי מאמינים בני מאמינים, און דערצו זענען מיר אַ פאָלק מלומד בנסים...

## ו.

קאַפּיטל ד׳ איז געווידמעט דער נאַציאָנאַלער רעהאַביליטאַציע פון דער יידישסאָוועטישער ליטעראַטור. גאָלדבערג איז מודה: ״אמת, עס איז געווען אַ פּעריאָד, ווען די ליטעראַטור האָט — אויף אַ צייט בלויז און ביי טייל שרייבער בלויז — פאַרלוירן איר יידיש פּנים, אָבער דאָס איז בפירוש געווען אַ פאַרבייגייענדיקער און ניט קיין דאָמינירנדיקער שטריך.״ (ז׳ 211). און, [ער] וויל באַווייזן, אַז זי איז געווען און געבליבן ניט אַ ליטעראַטור אויף יידיש, נאָר אַ יידישע ליטעראַטור.״ (ז׳ 220).

איך פאַרשטיי בשום אופן נישט פאַרוואָס עס גייט גאָלדבערגן אין לעבן אָפּצופרעגן ניגערס אַנוסים־טעאָריע. אויב עס גייט נישט אין פאַרטיידיקן דעם סאָוועטישן רעזשים — און איך האַלט אַז גאָלד־

בערג איז איצט גאָר ווייט פון דעם — דעמאָלט איז דאָך די אנוסים־טעאָריע דער איינציקער זכות וועלכן מען קען געפינען אויף די מעשי־תעתועים פון דער ליטעראַטור און אירע שעפער. וואָרן אין פאַל זיי האָבן דאָס געטאָן לתיאבון, במזיד, זענען זיי דאָך פאַרשאָלטן פון אַלע וועלטן. מילא, גאָלדבערג צאַצקעט זיך אַזוי מיט „פּענעקן" און שטעלט עס אַרויס ווי אַ נאַציאָנאַל ווערק, נעם איך עס דווקא אָן פאַר אַ גאָר שוואַכן באַוויז־מאַטעריאַל. וואָרן, אויף ד ע ר באַרד האָט זיך בערגל־סאָן געלערנט שערן סאָוועטיש, לויט דער ליניע. עס פאַרמאָגט סימפּאַטיע פאַר די וועמען ער מיינט, אַז די ליניע איז מתיר מיט זיי צו סימפּאַטיזירן. דערפאַר אָבער איז עס אַן עסעדיק ווערק פול מיט בערגל־סאָנישן עסיק, און מיט אַנגעגליטע שפּיזן אין האַרץ פון אייגן בלוט און פלייש. בערגלסאָן האָט געוואָלט אויסקויפן זיין בורזשואַזנעם ייחוס־פּלעק, זיך כשרן פאַר דער ליטעראַרישער נאַטשאַלסטווע און באַווייזן בפני כל עם ועדה, אַז ער האָט איבערגעריסן מיט דער בורזשואַז־פאַשיסטישער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. אָבער, פון בערגלסאָנען איז קיין ראיה נישט, וואָרן ווי גרויס קינסט־לער ער איז געווען, אַזוי ווייניק האָט ער סימפּאַטיזירט מיט זיינע העלדן, אַחוץ אפשר מיטן „טויבן". סוף־כל־סוף קענען מיר נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט דאָס עדות זאָגן פון רחל קאָרן (און חיים חיים גראַדע, גאָר לעצטנס) אין איר באַ־וווּסט ליד, ווו בערגלסאָן שפּייט אויף דעם „פּאַסקודניאַק" וואָס אויף זיין אייגענעם פּאָרטרעט.

גאָלדבערג שטעלט אַרויס ווי אַן אַנגע־נומענע הנחה (כמעט—כולי עלמא לא פליגי): „אַז די הויפּט־היסטאָרישע אויפ־טראָגן וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור זיינען געווען — דער געראַנגל קעגן שטעטל, אייגנטלעך קעגן מיטלעלטערלעכקייט און צוריקגעשטאַנענקייט." (ז' 211). ער שטעלט די סאָוועטישע „ראַנגלער" אויפן זעלבן ברעטל מיט זייערע פאַר־סאָוועטי־שע פאָרגייער וועלכע האָבן אויך געזאָלט „העלפן דעם פאָלק אַריבערשפּרייזן די שוועלן פון איין היסטאָרישער תקופה אין אַן אַנדערער."

וויפל מען זאָל נישט קריטיקירן די „שנויצן־פּרעסערײַ" פון די משכילים, פון טייל ווערק פון די קלאַסיקער און זייערע נאָכקומער, מוז מען מאַכן אַ גרויסן להב־דיל צווישן זיי און די „ראַנגלער" אין שאָטן פון „טשעקאַ"־טעראָר. די דאָזיקע סאָוועטישע „העלדן" קען מען נאָר פאַר־גלייכן צו די „כאַפּערס", משכילישע מוס־רים און שתדלנים פאַר צאַרישע שקאָ־לעס", קאַפּאָס, יודנראַטלער פון אַ גע־וויסן מין, אַלערליי משומדים להכעיס, וואָס האָבן אויסגעטראַכט בילבולים אויפן אייגענעם פאָלק און געהאָלפן די שונאי ישראל, און צו בוגדים פּושעי־ישראל אין אַלע צייטן. זייער טויט האָט אויף זייערע זינד נישט מכפר געווען (מיטן אויסנאַם פון די וואָס זיינען געווען אמתע אנוסים).

איך לייקן אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פּרייוויליק־אויף־זיך־גענומענעם אויפ־טראָג. דאָס פאָלק האָט זיי זיכער צו דעם נישט געבעטן. איך לייקן אויך אין דער עקזיסטענץ פון אַ „הסכם־כולם" (קאָנ־צענסוס בלעז) אויף אַזאַ אַקסיאָם. אויב דאָס וואָלט אמת געווען, וואָלט די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור געווען פאַר־דאַמט און פאַרשאָלטן אויף אייביק. אפילו דן זיין לגניזה, וואָלט נישט געהאָלפן. נישט אומזיסט ווייכט די נאַציאָנאַל־דער־וואַכטע יידישע־סאָוועטישע יוגנט פון יידיש, אירע שעפער און אירע ביכער און אויסגאַבעס. די טעאָריע איז אַ בילבול אויף—און פאַרשוועכונג פון—רוב מנין און בנין פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. נוסף לזה, נאָך דעם מות־קדושים פונעם שטעטל, איז ברוטאַל דאָס אַרויסברענגען דאָס אידיעקעווען זיך איבער אים ווי פאַרטיידיקונג־באַוויז מאַטעריאַל פאַר ד י פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער וועלכע האָבן קעגן שטעטל געזינדיקט. זיי זיינען דאָך באַ־גאַנגען אַ פּיל ערגערע זינד ווי באַשעוויס באַגייט קעגן דעם אָנדענק פון שטעטל. און, לסוף, אויב דאָס באַדאַרף פאַרשטעלן מיט זיך די פאַרטיידיקונג, קער מען שוין קיין באַשולדיקונג נישט באַדאַרפן...

אגב, אויב מען רעדט וועגן „מיטל־אַלטערלעכקייט און צוריקגעשטאַנענקייט„ — ווער האָט געקענט אין דעם איבער־שטייגן דעם ווילדן אַכזר, דזשוגאַשווילי־סטאַלין, שחיק טמיא? און צי האָבן דען די יידישע שרייבער נישט געוווּסט ווּהין זיין „העלפן דעם פאָלק אַריבערשפּרייזן"? פּונקט ווי די פּאָליאַקן און דייטשן האָבן נישט „געוווּסט" ווּהין די וואַקואירטע יידן ווערן דעפּאָרטירט... איז דאָך שוין ד"ר חיים סלאָוועס מודה, אַז די גאַנצע סאָוועטישע טעטיקייט צווישן יידן איז געווען געצילט צו זייער אַנטנאַציאָנאַלי־זירונג, און אפשר נאָך ערגערס. די סאָ־וועטישע מאַכט (אפשר מיטן אויסנאַם פון יחידים, מיט קנאַפּער מאַכט און השפּעה) האָט געשפּילט אַ ציניש שפּיל מיטן יידישן פאָלק. זי האָט עס, לעניניסטיש־קאָנסעקווענט, געצילט, עווענטועל, צו ליקווידירן. די יעווסעקעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּונקט ווי אין אַלע תפוצות ישראל, האָבן אַזעלכע ליקווידאַטאָרישע טעאָריעס פאַרשפּרייט, און אַזעלכע ליק־ווידאַטאָרישע טעטיקייטן געפירט. די שרייבערס וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אי־לוזיעס, האָבן גענאַרט זיך און דאָס גאַנצע פאָלק.

מיר איז אַ גרויסער חידוש וואָס גאָלד־בערג, דער מליץ־יושר אויף אַלעמען, זאָל זיך אויפבויען אַזאַ טעאָריע. אפנים, אַז אחד־העם איז געווען גערעכט, ווען ער האָט באַוויזן אַז טאָלעראַנץ צו זינדיקע פירט סוף־כל־סוף צום זיג פון רשעות. אַנווענדן דעם עומק־הדין איז טייל מאָל דערבאַרעמדיקער ווי די לפנים־משורת־הדין פאַרגעבונג. היינט, ווען די ירושה פון שטעטל ווערט געפּאַרשט, געשאַצט און געשעצט, איז אַוודאי נישט די צייט צו באַרעכטיקן אַ גערעאַנגל קעגן שטעטל. בפרט ווען דער מחבר האָט דאָך אָקערשט באַטראַכט דעם תיקון־העולם ווי די הויפּט אויפגאַבע פון דער יידישער ליטעראַטור.

איבער גאַנץ מזרח־אייראָפּע איז דאָס שטעטל געזונקען, פון זיך אַליין, אין גרוי־סע יסורים. מען האָט זיך נישט געניי־טיקט אין יידישע אינעווייניקסטע צע־שטערער. די רישעותדיקע מלכותן, די זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישע שכנים, האָבן געריסן די הויט פונעם שעפּעלע צווישן די זיבעציק וועלף. איז עס נישט קיין גרויסער כבוד (און קיין זכות אַוודאי ניט) פאַר איזי כאַריקן (וועלכער איז זיינס אָפּ־געקומען) איבערצוחזרן זיינע „לועג לרש" זידלערייען. איז עס געווען מאַזאָכיזם, אָדער אַ מומר־להכעיסדיקייט? איך האָב כאַריקן דווקא זייער ליב געהאַט, אָבער איך קען אים נישט פאַרגעבן זיין: „אוי האָב איך אַ טאַטן, האָט ער אַ פּאָר פערד, און איעדן שבת, אַקערט ער די ערד." אַמעריקע איז פול מיט חילול שבת, דאָך, לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אַ יידישער פּאָעט זאָל נישט מיטוויטיקן אויפן אונ־טערגאַנג פון אָט דער דורותדיקער היי־ליקייט, וואָס אפילו דער משומד היינע האָט באַזונגען. אויב כאַריק האָט זיך פרייוויליק אַזוי צעזונגען, איז ער נישט מער ווי אַ מחרף ומגדף, אַ סורר ומורה. פאַרגלייכט עס מיט מיט חיים הזז'ס באַ־שרייבונג פון דעם אָפּגיין אין בלוט פון סאָוועטישן שטעטל. און איצט האָבן מיר דאָך דאָס עדות זאָגן פון די פאַרשפּע־טיקטע בעלי־תשובה. דאָס דערמאָנט אין דעם מערדער פון זיינע עלטערן, וואָס האָט געבעטן אַ מילדערע שטראָף באשר בכן — ער איז דאָך אַ יתום נעבעך...

יאָ, ס'האָבן זיך דורכגעגנבעט ווערק ווי די „משפּחה מאַשבער"; האָט עס אויך געמוזט האָבן לאַטעס; די לאַטעס זענען בכיוון געווען שלעכט פאַרסטריגעוועטע, אַזוי אַז אַ ייד האָט געקאָנט הנאה האָבן צו להכעיס פּאָניען און די. יידישע פּאָניעס די לאַטעס האָבן געמוזט זיין, בכדי דער צענזאָר, די פּאַרטיי, די מוסרים, זאָלן עס לאָזן דערשיינען. און דאָס איז דאָך גע־ווען אין צייט פון „פאָלקס־פראָנט", ווען מען האָט פאַראַדירט ווי די בעסטע זין פון יידישן פאָלק... דעם נסתרס „משפּחה מאַשבער" איז פון די גרעסטע מאַסטער־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. (אין יענער צייט האָט מען זיך דאָ פאַרכליניעט מיטן „תהלים־ייד" און אַטאַקירט אַשן פאַר זיינע קריסטאָלאָגישע ווערק; אָבער פון „תהלים־ייד" פילט זיך אויך אַ קריס־טאָלאָגישער טראַנק, נישט מער די טרי־פענע נעמען ווערן נישט דערמאָנט(. דעם נסתרס ווערק איז קדוש, נישט געקוקט

אויף די לאַטעס. הייסט עס נישט, אַז ער איז געווען אַן אנוס? און וויפל יאָר פריער האָט געמוזט שווייגן, ער, וואָס איז שוין געווען גוט באַוווּסט פאַר דער רעוואָלוציע?

פאַרוואָס איז קיין סאָוועטישע דעלע־גאַציע נישט געקומען קיין פּאַריז, צו דער גרינדונג קאָנפערענץ פון איקוף? דאָס זענען דאָך געווען די פאָלקס־פראָנט יאָרן? די ווערק אין צייט פון פאָטערלענדישן קריג (נאָך דעם „נאַציזם איז אַ געשמאַק־זאַך" פעריאָד) זענען דער יוצא־מן־הכלל וואָס באַשטעטיקן דעם כלל. „ווען מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים אַראָפּ פון דער תליה". טאַקע פאַר די אויסגוסן פון זייערע נאַציאָנאַלע געפילן האָט ס רוב פון די באַקאַנטסטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס באַצאָלט מיטן לעבן.

איז דאָך גאָלדבערג אַליין מודה, אַז מ. ווינער האָט זיך געמוזט „אויסטשוכען" „פון דעם דרוק פון די שטויסנדיקע קרי־טיקער", בכדי צו קענען—מעגן—אָנ־שרייבן אַן אויפריכטיקע אַרבעט (ז' 216); וואָס־זשע הייסט עס: איז ער געווען אַן אנוס, אָדער נישט? און, שעכטמאַן (שוין נאָך דעם ימח־שמוניקס פגירה), האָט ניט געמוזט איבערשרייבן „ערב"? דאָס האַלטן זיי פאַר אנוסים איז די בעסטע פּאַרטיידי־קונג פאַר די יידיש־סאָוועטישע שריי־בערס. וועגן וואָס שפּאַרט מען זיך דאָ? עס קען דאָך נישט זיין, אַז אפילו איצט זאָל גאָלדבערג פאַרטיידיקן די טעזע, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הערשט פרייהייט פון וואָרט? דער וואָס האָט דאָס וואָרט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (חוץ די דיסידענטן) רעדט ווי אַן אַנדראָיד. עס איז פיינלעך זיך צוצוהערן צו זייער מעלה־גירהן. קענען זיי דאָך דער יידישער ליטעראַטור נישט געבן מער פרייהייט ווי זיי נעמען זיך גופא.

איז דעריבער קיין ספק נישט, אַז אַ גרויסער טייל יידיש־סאָוועטישע שריי־בער איז באַשטאַנען פון אנוסים, לייטישע, גערודפטע, צעפייניקטע מענטשן. אַן אַנ־דערער טייל האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האָט גערודפט און גע־מסרט; און, אַ דריטער טייל האָט עס גע־טאָן, אָדער ווייל זיי זענען געווען איינגע־גלייבט אין דער רישעות, אָדער, זיי זע־נען געווען פשוטע סאַדיסטן און ציניקער. אַ גרויסער טייל פון דער ליטעראַטור איז זיכער נאַציאָנאַל; דאָס רעשט, וואָס באַ־שטייט פון רישעות, שנאת ישראל און נאַציאָנאַלן פאַרראַט, וועט בלייבן אויפן מיסט־הויפן. סיידן אַ געשיכטלער וועט זיך וועלן נאַרען אין דעם. די פראַגע איז צי ס'זענען געבליבן קאָפּיעס פון אַלע נאַציאָנאַל־ווערטיקע ווערק. אָט דאָ, אין אַמעריקע, זענען שוין פיל ביכער פון אַלע תפוצות ישראל מער נישטאָ צום קריגן.

פאַר אונדז, אין די לענדער אויסערן „אייזערנעם פּוירהאַנג", איז וויכטיק צו מאַכן אַ חשבון פאַר זיך גופא. עס איז גאַנץ שיין צו פּילפּולן זיך צי די סאָוועטי־שע שרייבער זענען געווען אנוסים אָדער נישט, צי זייער ליטעראַטור איז געווען נאַציאָנאַל־יידיש, צי דער פלעק פון אַסאָ־ציאַציע מיט אַ מערדערלעך־אונטערדרי־קערישן רעזשים וועט אַפּוואַשן ווערן פון יידיש, אָבער וואָס איז מכות אונדז? ווער האָט געצוווּנגען די מיטאַרבעטער פון דער אַזוי־גערופענער לינקער פרעסע, אויסער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד (און נאָכן צווייטן וועלט־קריג — אויך זיינע סאַ־טעליטן), מיטצוהאַוקען און מיטצורודפן לויטן זעלבן קאַמערטאָן? דאָס זעלבע צו הערן פון די חברים אין דער פּאַרטיי, און די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס?

ווער האָט געצוווּנגען די יינגלעך פון רויטן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין ק"ק טישעוויץ אַריינצולייגן חזיר אין אָרון־קודש פון בית־מדרש, צעשניידן די גמרות און באַפּאַרבן מיט רויטע לאָזונגען די קאַלטע שול — נישט די צוויי־דריי קלויסטערס? ווער האָט געצוווּנגען די שילער פון די ציש"אָ־שולן (און טייל לערער) צו פירן נאַרישע פּראָוואָקאַטאָ־רישע אַרבעט אין די שולן, בכדי די פוי־לישע מאַכט זאָל האָבן אַ גוטן אויסרייד די דאָזיקע שולן צו שליסן? דער רעוואָ־לוציאָנערער תירוץ איז געווען אַז די שולן אַרשפּרייטן אילוזיעס וועגן דער מעג־לעכקייט פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר דער רעוואָלוציע, און שטערן דערי־בער דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פולשטענדיק גע־לייזט אין לאַנד פון די ראַטן (ווערגעליס

פלאַפּלט עס נאָך היינט צו טאָג...). האָבן מיר דאָ געהאַט צו טאָן מיט אנוסים אָדער פאַרבלענדטע פאַררעטער?

וועט עס עמעצער אויפקלערן לאָגיש, אָדער קינסטלעריש, אָן פייגנבלעטער? וועט עמעצער (נאָוויק, למשל) זיך קלאַפּן על־חטא אויף דער אייגענער ברוסט, שטאָטס צו זוכן די חטאים אין ביראָ־בידזשאַן? קען מען דאָרט ווערן מיט אַ מאָל אַזוי באַלעבאַטיש, סטאַטעטשנע, אָן אַ שטיקל ווידוי? נאָר, אפשר חלום איך בהקיץ. וואָס וועט דען אַרויסקומען דערפון? דער מאַן מיט דער קאָסע האַלט שוין ביים פאַרענדיקן אַלע חשבונות... אָבער דאָס בלוט פון זכריה הנביא וויל זיך נישט, און וועט זיך נישט איינשטילן, ביז גערעכטיקייט וועט געטאָן ווערן...

(אגב, ווען עס קומט דער 12טער אויגוסט און איר זענט מזכיר דעם אַפּאָלאָ מאַרקיש, פאַרגעסט נישט, אַז ער איז עטלעכע מאָל אַריבער די סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ, און ער האָט גוט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין גן־עדן, פאַרוואָסזשע האָט ער נישט דערציילט דעם אמת? דאָס זעלבע צו הערן פון סמאָליאַרן, וועלכער האָט זיינע שקרים געשפּרייט שוין נאָך אַלע טייכן בלוט פון די 20ער, 30ער, 40ער און 50ער, און האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דעספּאָטיע אין פּוילן בכדי אָפּצוהאַלטן יידן פון לויפן קיין ישראל, און ווו נאָר מ'קען. אָט איז ער דאָך ערשט געווען אין קאַנאַדע און האָט געפּלייצט מיט ליגנס; ווי נעמען זיך צו אים די פאַרשטאָכענע אויגן, ווי קען ער לעבן מיט זיין געוויסן, ווען פיל בחורים און מיידלעך האָבן געגלייבט אינעם קאָמינטערן־קוריער און האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס און ביידע זייטן גרענעץ? און ווער האָט פאַרנאַרט שטיפן, עריקן, קולבאַקן, און שיר ניט אָפּאַטאָשון? ביי דער הזכרה בעט אַויך אויף די זינדיקע נשמות...)

גאָלדבערג שרייבט: אין דער גאַנצער סאָוועטיש־יידישער קולטור איז זי, די ליטעראַטור, געווען דער וויטאַלסטער עלעמענט, אין נאַציאָנאַל אידעיִשן זין. די סאָוועטיש־יידישע דערציונג, וואָס איז געווען אין גאַנצן אויסגעהוילט פון נאַציאָנאַלע עלעמענטן — האָט נישט געלערנט קיין געשיכטע, האָט איגנאָרירט די ימים־טובים, אפילו די פרייהייטלעכע — האָט זיך פיל־וויניק געראַטעוועט דורך דעם, וואָס דער ליטעראַטור לימוד האָט די קינדער געגעבן אַ געפיל פון שייכות און קרובהשאַפט מיטן פאָלק. די שפּראַך אַליין, יידיש, איז עס ניט געווען בכוח דאָס צו טאָן.״ 3ז׳ 125).

פרעגט זיך די פראַגע: און וואָס איז מכוח דער „אָרדן״־דערציונג אין די 30־ער? דערמאנט זיך נאָר די טעקסט־ביכער ווו דער „לענדלאָרד״ זיצט זיך יום־כיפור אין שול, ווען זיינע „טענענטס״ ווערן „עוויקטעט״ און ליגן מיט זייערע אָרעמע בעבעכעס אויפן טראָטואַר. דערמאָנט זיך נאָך אַ קוריאָזנעם פעריאָד, ווען קיין שום טעקסט־בוך איז נישט געווען כשר לויט דער פאַרטיי־ליניע, און דער לערער (דאַכט זיך, פעלדמאַן האָט ער געהייסן) האָט אין דער וויניפּעגער „פרייהייט־טעמפּל שולע״, געלערנט פון דער יידישער וועכנטלעכער פאַרטיי־צייטונג, וואָרן נאָר די איז געווען אויפן כהרף־עין כשר לויט דער פאַרטיי־ליניע, וואָס האָט זיך געביטן און געוואָרפן ווי אין קדחת. מיין פרינציפּאַל, נעבעך, פלעגט אָפט מוזן זאָגן ביי זיצונגען פון פעדאַגאָגישן ראַט: „חברים, היינט זאָגן מיר שוין נישט אַזוי״...

אַזוי שפּעט ווי אין 1938, האָט אַ חבר פון וויניפּעגער פעדאַגאָגישן ראַט געוויינט פאַר מיר בדמעות־שליש אויף פּריטשאַרד ראָג סאָלטער, פאַרוואָס די שלום־עליכם שולע (די לינקע שולע) איז נישט אָפן יום־כיפור צו כל־נדרי ווי אין די פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע יאָרן. אין פאָלקס־פראָנט פעריאָד האָט דער פעדאַגאָגישער ראַט נישט געוואַגט צו האַלטן די שולע אָפן אין די ימים נוראים. האָט מען געפאָסט אַ כעלעמער באַשלוס: דהיינו; די שולע וועט נישט זיין נישט אָפן און נישט פאַרמאַכט, אָבער איין לערער, על־כל־פנים, וועט זיך דרייען אין פראָנט פון דער שולע; וועט אַ ראַדיקאַל דווקא שיקן זיין קינד אום יום־כיפור צו כל־נדרי אין שולע אַריין, וועט דער לערער, בלית ברירה, זיך מוזן פאַרנעמען מיטן תלמיד (אפשר איינגעבן אים אַ

פּאַרציע אַטעיזם, צום פּאַרפּאַסטן...); טאָ-
מער באַווייזט זיך נישט קיין תלמיד, וועט
דער לערער, דער קרבן, מוזן אויסשטיין
די שנאה־חוזק און ווייטיק בליקן מצד
די יום־טוב געקליידטע יידן, וועלכע איילן
זיך צו כל־נדרי

דער צעבראָכענער פּאַדראַטניק האָט גוט
אַכטונג געגעבן, אַז דער לערער זאָל אים
נישט נעלם ווערן. ר׳האָט זיך ערשט גע-
קילט דאָס האַרץ, און מיט האַרץ־ווייטיק
פאַרלאָזט די פאַרשפּילטע באַריקאַדע, ווען
עס איז שוין געוואָרן שטאָק־פינצטער;
ער האָט זיך ענד־גילטיק איבערצייגט,
אַז יידן שיקן מער נישט קיין קינדער אין
שולע אַריין אום יום־כיפור...

ווער האָט דעם ייד, (דעם פּעדראַט, און
די פּעדראַטן פון די פריערדיקע אַטעיס-
טישע יאָרן) געצוווּנגען צו אַזאַ אויפ-
פירונג, צו אַזאַ פּורש־זיין זיך פונעם
ציבור, ווי צו טאָן פּשוטע פאָלקס־מענטשן,
פּוגע זיין אין די הייליקסטע געפילן און
טראַדיציעס — אַן שום געווינס פאַר דער
רעוואָלוציע? — נאָר עקסטרעמער ניהי-
ליזם. האָבן זיי אפשר געווינט אין אַ
גייסטיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד? אַן ספק,
דרייען זיך נאָך אַרום אונדזערע
גאַסן און אַרום אונדזערע אינסטיטוציעס,
בכל תפוצות ישראלוארץ־ישראל (דאָרטן
אפשר מער ווי אומעטום) אַזעלכע גייס-
טיקע סאָוועטשיקעס, מאַאיסטן, טראָצ-
קיסטן, אַלבאַניסטן און אַלערליי גילגולים
פון פאַרווירטער עפּאָכע.

וווּהין־זשע איז אונדז אַהינגעקומען
דער נאַציאָנאַל־סאָציאַל?

וועגן דער מלחמה־ליטעראַטור שרייבט
גאָלדבערג:

„אַלע אַנדערע יידישע ליטעראַטורן,
ווי אידענטיפיצירט מיטן חורבן זיי
זאָלן ניט האָבן געווען, זייענען פּאַרט
געווען פון ווייטן, די פּויליש־יידישע
ליטעראַטור איז געלעגן אַ חרובע, די
סאָוועטישע אָבער איז געשטאַנען אין
סאַמע האַרץ פון פלאַם און געראַנגל.
זי איז געשטעלט געוואָרן צו דער פּראָ-
בע ווי אַ נאַציאָנאַלער כוח אויף וועלכן
דאָס פאָלק זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן.
זי האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן —
מיט כבוד, מיט סענסיטיווער שעפע-
רישקייט, און מיט דער אַנטשלאָסנקייט
צו פאַרהיטן דאָס פאָלק.“ (ז 233).

גאַנץ רירנדיק, כאָטש דאָס עדות־זאָגן
פון פּוילישע פליטים קיין רוסלאַנד ווייזט
אָן, אַז די יידישע שרייבערס האָבן שוין
דעמאָלט גערעדט צום דאַשעק: נאָך 22
יאָר אָקטאָבער האָבן זיך שוין די מערס-
טע רוסישע יידן געהאַט אָפּגעפרעמדט אי
פון יידיש, אי פון יידן פון אויסלאַנד. די
איינגעזעסענע סאָוועטישע יידן האָבן ניט
געקענט, און אפשר מורא געהאַט, זיך
צונויפצורעדן מיט די פּויליש־יידישע
פליטים... די ערשטע באַגעגענישן מיט
סאָוועטישע יידישע שרייבערס האָבן
אויך געבראַכט אַ מאַסע מיסאינפאָרמאַ-
ציע, פּראָפּאַגאַנדע און... מסירה... ווען
חיים מאַלטינסקי איז דאָ געווען אין מאָנט-
רעאַל (איך האָב אים באַגריסט אין נאָמען
פון די היגע שרייבערס) האָב איך אים
קוים אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון
אַן אַמאָליקן פּליט אין ביאַליסטאָק, ווו
מאַלטינסקי האָט אים געקאָרמעט מיט
דער אָפיציעלער מיסאינפאָרמאַציע־פּראָ-
פּאַגאַנדע„ און דער ייד האָט איצט נאָך
אַלץ נישט געקענט מוחל זיין דעם פריער-
דיקן אָנוס־קאָלאַבאָראַטאָר... אַזוי, אַז די
שרייבערס האָבן אַזוי געקענט פאַרהיטן
דאָס פאָלק ווי „שיר המעלות“־קוויטלעך
— אַ קאַץ אַ געווינערין...

יאָ, קען זיין אַז די סאָוועטיש־יידישע
שרייבערס האָבן זיך דערפילט ווי יורשים
פון דער חרובער יידישער פּוילן. אויפן
פּאַפּיר — אוודאי אַזוי. מיר ווייסן אָבער,
אַז אפילו היינט, ווען ביידע קאַרטעס
זענען כמעט ליידיק, הערשט נאָך אַלץ
נישט קיין שלום־בית צווישן דער
"פאָלקס־שטימע" און „סאָוועטיש היימ-
לאַנד". איך וויל דערמיט אַרויסברענגען,
אַז מיר, פּוילישע יידן אין די צושפּרייט-
קייטן, האָבן געפילט יעדן בראָך פון
יידישן פּוילן, מער ווי יעדער אַנדערער
ייד, ווי נאָענט ער זאָל זיך נישט געווען
געפינען צו פּוילן, געאָגראַפיש. דאָס
מיינט, אַז שלום שטערן, למשל, האָט גע-
קענט זען דאָס חרובע יידישע פּוילן (אין
זיין פאַנטאַזיע, און זיין צעפייניקט האַרץ)
בעסער ווי וועלכער עס איז סאָוועטיש-
יידישער שרייבער.

מאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער שלום שטערן פאַרעפנטלעכט דאָס ערשטע (בפירוש דאָס ערשטע אויסער פוילן) חורבן־און־מלחמה־ בוך: „אינדערפרי״, אין 1945; אַ בוך מיט די וווּנדערלעכסטע, פיינלעכסטע, הייליקסטע לידער. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען אַזעלכע ווערק געווען כשר אויף אַ מאָמענט. אָבער דאָ האָט זיך משה כ״ץ, דער משגיח איבער כשרות, אַרויפגעוואָרפן אויף דעם בוך און האָט עס אַרונטערגעריסן מיט אמת־יעווסעקישער תאווה. ביי אים איז עס געווען טריף. (אגב, די שרייבערס פון דעם אַזוי־גערופענעם רעכטן לאַגער, האָבן נאָך נישט געהאַט געמאַכט אַלע נייטיקע הכנות — נישט געטובלט זיך אין מקווה, נישט שואל חלום געווען, נישט געזאָגט די געעריקע יהי־רצונס — בקיצור, זיי האָבן זיך געריבן די הענט מיט שאָדנפרייד, יאָ, שאָדנפרייד אין אַזאַ שוידערלעכן פעריאָד און האָבן אונטערגעוואָרטשעט: נאָך צו פרי צו שרייבן וועגן דריטן חורבן, צו דעם דאַרף מען האָבן דיסטאַנס—בפירוש דיסטאַנס — נישט דיסטאַנץ; גרויסע שרייבערס רעדן אַזוי; וואָסי, איר ווייסט נישט דערפון?

אָבער... דערנאָך, השם ישמרנו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה חורבן־לידער און חורבן־ביכער, אַז זיי קענען אַרומנעמען דעם עקוואַטאָר עטלעכע צענדליק מאָל. אָבער שלום שטערנען, דעם פּיאָנער, איז דאָס געווען פאַרבאָטן... ווער איז ער דאָס עפּעס, לייוויק, צי וואָס?) לאָמיר זיך אומקערן צו דעם נעמלעכן משה כ״ץ; ער איז געווען אַ ייד, קאַטאָרע וועלכער „רואה את הנולד״ — ער האָט געוווּסט אַז אויף מאָסקווע קען מען זיך פאַרלאָזן צו בייטן די ליניע, וואָרן דער „יושב בקרעמלין״ לאַכט פון אונדזערע יידעלעך: ס׳עט נאָך אַזוי, זשידקעלעך, נישט זיין... און איר ווייסט דאָך, אַז כך הווה... נאָר כ״ץ האָט עס געזען ווי אַן אמתער חכם, און האָט דאָס בוך געפּסלט.

שלום שטערן איז זיינס אָפּגעקומען, פאַר מיטטאַנצן כאַריקיש און זינגען: „כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז מיין ייחוס־שטאַם זאָל זיך איבערברעכן, ווי פאַרזשאַווערט אייזן״, און פאַר אַנדערע איציק פּעפּערישע לעקערייען צו לאָקאַלע פאַרטיי־געטשקעס, וואָס זענען נישט ווערט געווען וואָס די ערד טראָגט זיי, און סתם פאַרטיי־קאָזשעלקעס (געדענקט — די ליניע!) זיין עונש: ערשטנס, דאָס אָפּשמייסן; שנית — דאָס בוך איז געבליבן ליגן כאבן שאין לה הופכים (די חברים קויפן נישט אָן אַ הכשר, וואָס מיינט איר עפּעס?), און דריטנס, און טראַגיש, דער ייחוס־שטאַם איז איבערגעבראָכן געוואָרן סיי־ווי־סיי — אָן זיין יהי־רצון, צי מיט זיין יהי־רצון. . .

צום סוף פון קאַפּיטל, לאָמיר זיך דערלויבן צו שפּעקולירן: ווער קען דאָס אונדז שווערן אַז די יידן אַרום „סאָוועטישהיימלאַנד״ זענען נישט קיין אנוסים? צוזאַמען מיט רישעות און שנאת ישראל דערשיינען דאָרט נאָך אַלץ ווערק פון נאַציאָנאַלן ווערט. איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן אַז מען זאָל דאָס אַמאָל כשרן ווי סאָציאַל־נאַציאָנאַל. ווערט מען נאָר נאַציאָנאַל, ווער גרייפט פריער אָן די ניגערס, די לייוויקס, אָבער נישט ווען מען אַטאַקירט פריער די נאָוויקס, די גאָלדבערגס און די שטערנס? און איך זאָג: איפכא מסתברא — געווען אנוסים, געבליבן אנוסים, עד ביאת הגואל בב״א.

## ז.

קאַפּיטל ה׳ ווערט איינגעפעדעמט דורך דריי אַרומנעמענדיקע עסייען וועגן דעם עכטן קינסטלער־באָהעם פון אונדזער דור, איציק מאַנגער. אַז מען פאַרזוכט אויף די ליפּן דעם טעם פון דעם טיטל, „איציק מאַנגער—׳סינטעז פון וויזיע און מוזיק׳.״ דאַרף מען, דאַכט זיך, שוין מער גאָרנישט צוגעבן. ס׳אַראַ ווונדערלעכע כאַראַקטעריזירונג פון זיין פּאָעטישן וועזן. גאָלדבערג גופא איז אַזוי קינסטלעריש סענסיטיוו (און כ׳קען שווערן, אַ פּאָעט, אַ לייוויק, אַ נסתר(, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן וועגן מאַנגערן, און ווייסט ווי אַזוי עס אויסצושפּילן, אויסצוזינגען. אָבער, איך וואָלט זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרגלייכן מאַנגערן צו שלום־עליכמען; וואָרן, ווי מיר ווייסן, איז שלום־עליכם געווען אַ ייד אַ ליידנדיקער, אָבער אַ באַלעבאַטישער; טאָקע — אַ שטיפעריש קאָפּעליושל, מיט

אַ פּקחיש שמייכעלע און גלאַנץ אין איין אויג, אָבער ווייט נישט קיין באָהעם. דווקא פאַרקערט, ער האָט זיך אַלעמאָל געיאָגט נאָך תכלית. כנגדו, מאַנגער, אונדזער פראַנסואַ וויאָן (חלילה נישט קיין קעשענע־גנב), האָט זיך נעבעך אויס־געוואַלגערט אין אַלע רינשטאָקן. האָט אים די מוזע געמאַכט פאַר אַן אַלקאָהאָ־ליקער צי אַן אַנדער שוואַרץ יאָר? די יאָרן האָבן עס אי פאַרביטערט אי פאַרקירצט.

זיינע נאָענטע, אין פאַרשידענע עטאַפּן פון זיין לעבן, האָבן קיין האָניק פון אים נישט געלעקט. ער האָט, אפשר נישט ווילנדיק, אַ צאָל לייטישע, טאַלאַנטירטע פריינד, פוןביידע געשלעכטער, שטאַרק וויי געטאָן. פאַרענטפערן עס מיט „אַ גאון מעג", בין איך נישט גורס. וועט מען מיר זאָגן: דעם שרייבער דאַרף מען אָפּ־טיילן פון זיין ווערק. זיינען זיי גערעכט ביי אַ בתולה, אָבער נישט ביי קיין גרושה אָדער גאָר אַן אַלמנה.

לייגט מען טאַקע אַרויף אויף דער יידי־שער ליטעראַטור דעם נאַציאָנאַל־סאָצי־אַל הר־סיני, און מען לייגט נאָך אַוועק אויפן כף־המאזנים דעם שווערן שטיין פון תיקון העולם (מיין סכעמע, געבראַכט אין פריערדיק נומען „חשבון"— איז די קבלה סכעמע, און זי איז אָן ספק אַנדערש פון גאָלדבערגס וועלטלעכער סכעמע; אָבער תיקון העולם, לויט וועלכן עס איז רעצעפּט, איז נישט פון די קליינינקייטן), מוז מען צוגיין צו אירע שעפער מיט אַן אַנדער מאָס. מען מעג דערוואַרטן פון זיי אַז זיי זאָלן על כל פנים זיין און אויפ־פירן זיך ווי מענטשן. פריידיקן זיי וואַ־סער, זאָלן זיי גופא אויך טרינקען וואַסער. זאָל עס נישט זיין קיין פריידיקן יושר אויף עקספּאָרט. און אַז אין דער פּראַקטיק איז עס אַנדערש (און, צום באַדויערן, איז עס אין רוב פאַלן—אַנדערש) איז עס טראַגיש פאַרן שעפער און טרויעריק פאַר דער ליטעראַטור. בפרט נאָך, ווען ביי אונדז האָט מען פון דער ליטעראַטור גע־מאַכט אַ „במקום תורה" (כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, האָט פרץ געזאָגט, אין נוסח פון תלמוד), און אַ לעבנס־פאַרזיכע־רונג שטר פאַר המשך און קיום האומה, מוז באַש דער שרייבער וווינען מיטן

פאָלק, און נישט מיט אַ פיינער גויה, אין לאָנדאָן, בשעת זיין פאָלק איז געגאַנגען אין קרעמאַטאָריע.

אָ, יאָ, מיר ווייסן, אַז שולדיק איז עס ישראל אשר באַנגליה המדינה... דאָס זעלבע צו הערן פון ליבלעכן קיפּניס, וועלכער האָט זיך געווייקט אין יידישקייט און ווערן דערטרונקען אין זינקזאַמד פון גוישקייט? דעריבער נעם איך נישט אָן די צעטיילונג צווישן שרייבער און זיין ווע. ק. דאָס איז דער גוישער דרך. דער שרייבער דאַרף אויך זיין אַ ווערק. עס וואָלט מיר כאַרוועך געוועזן מער ווערק־אין־מענטש, ווי שטויב־קלייבנדיקע ספרים אויף די פּאָליצעס. אַ סך רביים און רבנים, האָבן נאָך זיך נישט איבער־געלאָזט קיין שום כתב־יד, אָבער, וואָס פאַר אַ מידות זיי האָבן זיך אויסגעהאָ־רעוועט, און וואָסערע מדרגות זיי האָבן דערגרייכט!

גאָלדבערג גיט אונדז צו פאַרזוכן פון מאַנגערס פּאָעזיע; אָט גיט ער אונדז דעם באַלאַדיסטס אַ סאָנעט:

כ'בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן
פון די „בראָדער זינגער"
און בין מיט זיי אַ מהלך וועגס
אָפּגעפאָרן,
דורך שטעט און שטעטלעך, דורך
זינגענדיקע יאָרן,
דורך וואָגל, דורך הפקר און דורך
הונגער.
דעם אמת געזאָגט, ס'איז מיר געוועזן
גרינגער
מיט אָט די ערשטע פריילעכע יידישע
אַקטיאָרן,
פאַר די פעלדער זינגען פייגל, די גריל
— פאַרן קאָרן
און פאַר די יידן זינגען מיר—די
„בראָדער זינגער".

אין יידישע אַכסניות, אין קרעטשמעס
ביי די וועגן,
האַרבסט־צייט, ווען אין די לאָדנס
פּויקט דער רעגן,
שטעלן מיר זיך אָפּ כדי צו זינגען און
צו זאָגן.

ביי לאַנגע הילצערנע טישן זיצן פראָסטע יידן און זיי הערן,
אָט זיפצן זיי פאַרזאָרגטע און אָט לאַכן זיי מיט טרערן.
אין דרויסן אויפן רעגן וואַרט אויף אונדז דער וואָגן.
(„בראָדער זינגער" ז' 242)

און אָט איז דער טרויעריק פאַרשעמטער נביא:

כ'בין דער נביא, וואָס האָט פאַרלוירן
דאָס וואָרט פון גאָט אויפן וועג צו אייך,
איצט שטיי איך אַ פאַרשעמטער אויפן שליאַך,
און וויקל מיין גוף אין זיבן טרויערן.

זאָל איך אָנקלאַפּן און רחמים בעטן,
וויל כ'בין געקומען אָן אַ טראָפּן טרייסט?
צי זאָל איך וואָגלען ווי אַ פויגל אָן אַ נעסט
ביז די מיטן־נאַכט וועט מיך צעטרעטן.
(ז' 243)

און אָט סתם שיינע שורות צוויי:

און די בלאָקייט ווערט מורמל און שטאַמל און פלי,
פליסטער און רויש און געזאַנג פון נישט־הי. (דאָרט)

גאָלדבערג פירט אַז: „גאַנץ מאַנגער, דאַכט זיך אָפּט, איז דאָס געוויין פון דער וועלטס יתומדיקייט, פון איר אָפּגעפרעמדקייט, פון איר רייסן זיך צו גאולה." (דאָרט). יאָ, ווען מאַנגער האָט זיך באַוויזן האָבן שווּלבעלעך און „שטערן אויפן דאַך" געטשוויטשערט און געבלישטשעט: „אָקטאָבער"... „בודיאָני"... „גאולה"... אָבער מאַנגער גופא נייטיקט זיך אין אַ ישועה, אַ תיקון פאַר אַ בלאָנקענדיקער נשמה, אַן אויסלייזונג פון אַלקאָהאָליזם. מאַנגער איז ענלעכער צו אַ דאָסטאָיעווסקי־טיפּ ווי צו אַ יידישן נע־ונדניק. דעריבער לייגט זיך אים אויף די ליפּן: „סאַנקט בעש"ט, און „דרייצן אַפּאָסטאָלן פון דעם הונגער"—גאָר סלאַוויש (ז' 247). דער בעש"ט איז מאַנגערס אַ יידיש־סלאַ־

וויש פאָטערל, אַ גרויסער בעל־רחמנות, אַ סאַנקט פראַנציס, להבדיל:

דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו.
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע, דו.
(ז' 245)

דער שניידער־געזעלן, איציק, פאַרשטעלט טייל מאָל זיין וויסיקייט אין די שטעגן פון „סוד". מסתמא געגאַשט אין די רבישע הויפן פון רומעניע, אין וועלכע ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן:

גאָט כביכול איז גרויס,
היינט פונקט ווי אַמאָל.
נישט וויל ער דונערט אין הימל,
נאָר וויל ער כליפּעט אין טאָל.

אַז וויל איז צו דעם
וואָס האָט דאָס כליפּען דערהערט.
דיר איז אַזאַ הערונג
געווען באַשערט.

און אַ טרער איז געפאַלן
אין דיין געמיט.
און מיט ווונד און מיט ווונדער
זיך צעבליט אין דיין ליד.
(ז"ז 245־246)

דאָ האָט איר די „שכינתא בגלותא"; דעם צוזאָג ביים סנה: „עמו אנכי בצרה" — אין אַלע צרות וועל איך זיין ביי זיין זייט; די ס"ת = סופי תיבות, די סוף אותיות פון פסוק: ו'=6, י'=10, ה'=5, באַטרעפן סך־הכל 21; פונקט ווי דער שם אהיה וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו משה רבינו ביים סנה: א'=1, ה'=5, י'=10, ה'=5, בסך־הכל 21; דאָס איז די גאַראַנטיע פון גאולה וואָס איז געגעבן געוואָרן משהן פאַר גלות מצרים, און פאַר די יידן אין אַלע גלותן. די ראשי־תיבות באַטרעפן ווי דעם שם ע"ב וואָס איז צונויפגעשטעלט פון די אותיות (אין דריילינגס) פון די פסוקים, י"ט—ויסע, כ'—ויבא, כ"א—ויט, אין שמות פרשת בשלח, די דראַמע פון קריעת ים־סוף; דאָס וואָרט

און די ספירה „חסד" (אברהם אָבינוס ספירה) באַטרעפן אויך ע"כ=72; די ראשי־תיבות זיינען: ע'=70, א'=1, ב'=2, בסך־הכל 73; ווען דאָס וואָרט אַליין ווערט אויך גערעכנט, רופט מען עס כולל; באַטרעפט 73; ח'=8, ס'=60, ד'=4, בסך־הכל 72, גיט מען צו 1 פאַרן כולל באַקומט זיך 73. אַזוי אַז גאָטס חסד וואָס איז מידת הרחמים גייט מיט מיט די יידן אין אַלע זייערע צרות און גלותן.

און די גמרא זאָגט: ווען דער מענטש איז אין צער, וואָס זאָגט די שכינה? „קלני צער, וואָס זאָגט די שכינה? — „קלני מראשי, קלני מזרועי!" אין אַנדערע ווערטער — כביכול לײדט ווען דער מענטש לײדט. דאָס איז נישט אַנטראָפּאָרמיש, נאָר טיפע קבלה — קאָסמיש... אָבער, ווי „סעקולער" דאָס איז... די איינציקע טרייסט, אַז שאַטן קען עס אפילו קיין אַטעיסט נישט...

כאָטש גאָלדבערג האַלט, אַז דווקא אין צייט פון מאָדערניזם, האָט מאַנגער זיך גענומען צום פאָלקסליד, איז אָבער זיין אימאַזש מאָדערניסטיש, סוררעאַליסטיש, וואָס דערמאנט אין סוצקעווערס שפּעטער גענוצטע אימאַזשן.

„דאָס בוך פון גן־עדן" מעג טאַקע געפעלן, אָבער עס איז נישט מי יודע ווי פעלן, אָבער עס איז נישט מי יודע צו טיף און צומאָל, אין גאַנץ שלעכטן געשמאַק. נאָר מאַנגערן האָט מען אַלץ פאַרגעבן.

די „מגילה־לידער זענען אַ שטיפעריי־שער גאָלדפאַדן, סענטימענטאַל, סאַטיריש, פאַרווײלעריש.

* * * * *

דאָס קאַפּיטל איז אויך כולל אַן עסיי וועגן זישע ווײנפּער, צוויי עסייען וועגן בער גרין, צוויי עסייען וועגן כאַווער פּאַ־ווער, צו איינציקע עסייען וועגן ל. מילער, מאַרטין בירנבוים און חיים סלאַוועס.

קאַפּיטל ו' באַהאַנדלט „די געטאָ־טעמע אין דער יידישער פאָלקס־שאַפונג."

קאַפּיטל ז' איז כולל צו איינציקע עסייען וועגן משה שיפריס, י. ב. ביילין, משה סטרוגאַטש, שרה באַרקאַן, ש. דײקסל, נחום ווייסמאַן און אהרן מייזעל. אַזוי ווי די אַרבעט איז שוין סיי ווי צו אַרומנעמענדיק, וועל איך זייך באַנוגענען מיטן אויס־עכענען די נעמען.

אויב השי"ת וועט שענקען יאָרן און כוח, וועל איך זיך נאָך אומקערן צו מיין חבר און מיטאַרבעטער, אין די ערשטע יאָרן פון איקוף, צו דעם דינאַמישן, לעבנס־לוסטיקן, סענסיטיוו־סענטימענטאַלן האַרץ פון אַ חסיד, זישע ווײנפּער, ז"ל.

שמואל איזבאַנ'ס

נײ בוך ישראל־דערציילונגען

„אַ וואַלפיש אין יפו"

און די ניו־יאָרקער דערציילונגען

„די שטאָט פון צאָרן"

ווי אויך דער היסטאָרישער ראָמאַן

„יריחו"

(אין יידיש און אין העברעיש)

צו באַקומען דירעקט ביים מחבר

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

SHMUEL IZBAN
2475 East 22nd Street
Brooklyn, N.Y. 11235
Tel.: (212) 743-5713

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"

זיך ווענדן צו:

SOL SCHLOSSER

837 West Knoll Drive • Los Angeles, Calif. 90069

לילי בערגער / פּאַריז

# דער שילדערער פון דער אַלט-נייער און אַלטער היים

(צום דערשײַנען פון פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן פון יוסף ערליך)

דעם יידיש לייענער זענען ביז דאָ נישט לאַנג ווייניק וואָס באַקאַנט געווען די ווערק פון ישראלדיקן שרייבער יוסף ערליך ז"ל, הגם מ'האָט נישט ווייניק געהערט פון אים. אויב אָבער זיין נאָמען איז יאָ באַקאַנט געווען, זענען זיינע שאַ־פונגען דעם יידיש־לייענער נישט צוגענג־לעך געווען און דאָס פשוט דערפאַר וואָס די ווערק פון יידיש־שרייבער זענען דער־שינען נישט אין אָריגינאַל נאָר אין העב־רעיש. אין דעם פאַל איז יוסף ערליך געווען אַן אוניקום אין אונדזער ליטעראַ־טור, ווי עס דערמאָנט אין זיינער אַ הקדמה דב סדן.

יוסף ערליך האָט געשריבן זיינע ווערק אויסשליסלעך אין יידיש, אין דער שפּראַך פון זיין אַלטער היים, וואָס איז אויך גע־ווען די שפּראַך אין וועלכער ער האָט גע־שטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, דרוקנדיק סקיצן און דערציילונגען אין י. מ. וויסנבערגס „אינדזער האָפענינג", אין „קעלצער שטימע", און אין אַנדערע יידישע אויסגאַבעס אין פּוילן, וווּ ער האָט געלעבט אין שטעטל וואָלבראָם ביז זיין אויסוואַנדערן אין 1933 קיין ארץ ישראל. איז נאַטירלעך אַז זיין ליטעראַרישע שפּראַך איז פאַרבליבן יידיש און אַלץ וואָס אין ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון אונטער זיין פעדער איז דאָס געווען אין לשון יידיש, דאָקעגן געדרוקט איז אַלץ געוואָרן אין עברית.

דב סדן דערמאָנט אין זיינער אַ הקדמה אַזאַ געשעעניש: אַ הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַ יידישער שריפט איז צוגעפאַלן צום האַרצן ערליכס אַ דערציילונג און געגעבן זי איבערצוזעצן פון עברית אין יידיש, אין דער צייט ווען די זעלבע דערציילונג איז געווען געשריבן אין יידיש. דער־מאָנענדיק אָט־דעם עפּיזאָד, באַמערקט דב סדן, אַז ווען ס'איז געווען אַ רייד דערוועגן מיט יוסף ערליך, האָט דער יידיש־שרייבער זיך דיסקרעט צעשמייכלט און ווייטער געטאָן זיינס.. די רעטעניש פאַרוואָס ער האָט נישט געדרוקט אויך אין אָריגינאַל איז פאַרבליבן אַ רעטעניש, אָבער דער יידיש־לייענער האָט זיך דאָך דערוואָרט און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך באַרייכערט מיט אָריגינעלע, ווערטיקע ווערק.

ס'ליגט פאַר מיר יוסף ערליכס פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן אין זייער אָריגינאַל, געשריבן אין יידיש. זיי זענען דערשינען דאָ נישט לאַנג, אין פאַרגאַנ־גענעם יאָר. מיר איז נישט באַקאַנט צי זיי זענען דערשינען נאָך ביים שרייבערס לעבן, נאָר אַז ער האָט זיי אַליין צוגע־גרייט און אַז דאָס איז זיין רוב סך־הכל פון זיין ליטעראַריש פאַרמעג קאָן מען זיך אָנשטויסן פון דער ווידמונג, וואָס לויטעט: „מיין מורי ורבי דב סדן, דער תלמיד חכם און בר סמכא אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, און זיין עזר כנגדו, מרת גוסטאַ, מיינע שריפטן פון אַלע יאָרן."

* * * * *

בדרך כלל איז ערליכס ליטעראַרישער זשאַנער די דערציילונג, דער עיקר די נאָוועלע, אָבער נישט די קורצע פאָרם פון דעם־אַ זשאַנער. ערליך איז ברייט־פאַרנעמענדיק, ברייט־אָטעמדיק, דערביי מאָלעריש, פּלאַסטיש, זיין פּאַלעטע איז פילפאַרביק, די דיאַלאָגן לעבעדיקע. אין פראַנקרייך וואָלט מען געוויסע זיינע לאַנ־גע נאָוועלן, וואָס פאַרנעמען בערך צוויי הונדערט זייטן און מער, פאַררעכנט פאַר ראָמאַנען, וואָרעם איז דער וועלט־ליטע־ראַטור, בעיקר אין דער פראַנצויזישער, זענען פאַראַן פיל נייע פאָרמען פון בויען אַ ראָמאַן. ביי אונדז, אין אונדזער אָרעמ־שאַפט, שאַצן יידישע קריטיקער שטרענג דעם ראָמאַן לויט אין טיפ, אין קאָנ־ווענץ — דער אַמאָליקער, אָבער נישט דאָס בין איך איצט אויסן.

יוסף ערליך האָט זיינע שאַפונגען אין די פינף בענדער נישט באַצייכנט צו וועלכן זשאַנער זיי געהערן, איז אפשר נישט בייטיק איצט געגוי זיי צו קלאַסיפיצירן. און נישט מיטן זשאַנער מעסט מען דעם ווערט פונעם שרייבער, פונעם ווערק, נאָר מיט דער וואָגיקייט, מיט דער קערנדיקייט, מיטן שרייבערישן אויסדרוק. יוסף ערליך איז אַן אָריגינעלער, קערנדיקער שרייבער, וואָס האָט אויף זיין אייגענעם אויפן, אין אַן אייגענעם נוסח אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק גאַנצע יידישע עפּאָכעס, אַרויסגעבראַכט זיי אין לעבעדיקע געמעלן, אויך באַשרייבעריש, רעאַליסטיש. זיין רעאַליזם גרענעצט מיט נאַטוראַליזם, אָבער דאָס איז נישט דער „רויער“, „נאַקעטער“ נאַטוראַליזם, נאָר וואָס דעקט אויף בולטער, דרינגט אַריין טיפער אין לעבנס־פּראָצעסן. איך וואָלט נישט גענויגט געווען צו באַצייכענען זיין פּראָזע ווי אַ סורנאַטוראַליסטישע, ווי יחיאל האָפער האָט דאָס באַצייכנט אין צוזאַמענהאַנג מיט י. מ. וויסנבערג און א. מ. פוקס, ווי עס דערמאָנט אין זיין אַריינפיר אין ערשטן באַנד דב סדן.

* * * * *

פון די פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן זענען פיר בענדער (דער „אָנהייב“, „טאָל און באַרג“, „ביי זיך“, „אויף אייגנס“) געווידמעט דער אַלט־נייער היים, און איין באַנד, דער לעצטער („דאָס שטעטל“) טראָגט אונדז איבער אין דער אַלטער היים. און ווי ס'זעט אויס האָט דער שרייבער זיך אומגעקערט צו דער אַלטער היים שפּעטער, ווי ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין נייע היים.

ווי שוין דערמאָנט, איז יוסף ערליך געקומען קיין ארץ ישראל אין 1933, געקומען ווי אַ חלוץ. ווי מיר דערוויסן זיך פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור“ איז ערליך אין פּוילן געווען אַן „אַקטיווער עסקן אין דער חלוצישער און יוגנט־באַוועגונג אין קעלצער געגנט, אָרגאַניזאַטאָר פון הכשרה־פּונקטן.“ ובכן, ער איז געקומען ווי אַ פּיאָנער בויען די נייע היים, וווּ ער איז אַריינגעוואַקסן אין דער נייער רעאַליטעט און מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט מיט די ווידעראַנאַנדן, מיט אַלע שטורעמס און געוויטערס, מיט די פּיינען און פריידן פון אויפגאַנג. אַ שרייבער, אַ געניטער אָבסערוואַטאָר האָט ער מיט זיין שאַרפן, קינסטלערישן אויג פון אָנהייב און אויך שפּעטער אויפגעכאַפּט אַלע באַזונדערקייטן און ערשטע ווייענישן פון די עולים פון מזרח־אייראָפּע, פון די ספרדישע עדות, די מדבר־יידן, די באַרג־יידן פון קורדיסטאַן צו וועלכע ס'איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז „משיח איז געקומען“ און געלאָזט זיך פון זייער פאַרשפאַרטקייט אין וועג און מיט זיי דער חכם (כאַחאַם) און יסחוק מיט זיינע צוויי ווייבער און זעכצן קינדער וועלכער האָט אויסגעקלאַפּט די וויינלעכער אין די בערג פון קורדיסטאַן.

דער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך אַלע מאָל מער אַנדערשדיקע יידישע וועלטן, פון וועלכע ס'האָט זיך געדאַרפט אויספורעמען די ישראלדיקע וועלט מיט אירע געמיינזאַמקייטן און אַנדערשקייטן, און פון די דאָזיקע שווערע פּראָצעסן ברענגט אונדז יוסף ערליך צאַפּלדיקע שטיקער לעבן; ער שילדערט סיי געמיינזאַמע שיקזאַלן, סיי יחידישע, וויזנדיק יעדן פּערסאָנאַזש מיט זיין אויסזען, זיין טראַכטן און פילן, מיט זיינע האַנדלונגען.

דער שרייבער איז געוואָרן דער עדות אויך פון שווערן אָנהייב, ווען די חלוצים האָבן געאַקערט די פאַרוויסטע ערד, ווען די נאַטור איז נאָך געווען ווילד, נישט געצוימט, ווען „אפילו דער נישט געצערטלטער פון דער נאַטור קאַקטוס האָט דאָרט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. דער טאָל איז געווען צעפּראַלט פאַר די צעהיצטע פון די בערג אַראָפּגעקומענע ווינטן, וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט די שטויביקע טרוקנקייט, וואָס האָט די סביבה איינגעהילט אין אַ מדבר־זאַמד־מאַנטל“ („פלאַמענדיקע האָריזאָנטן“ באַנד אָנהייב).

מענדעלע האָט געהאַט געזאָגט צו דובנאָוו, אַז ווען ער, דובנאָוו, דער היסטאָריקער, וועט אויך שרייבן וועגן זיין, מענדעלעס צייטן, וועט ער דאַרפן אָנקומען אויך צו זיינע ביכער. דער היסטאָריקער פון די חלוצישע צייטן, פון די אויפבויפּראָצעסן, וועט אַ סברה דאַרפן אַריינקוקן אין ערליכס שריפטן צו זען און פילן ווי

„אין יענע טעג האָבן בייכיקע שיפן און עראָפּלאַנען געברענגט צו די ישראל־ברעגן די יידישע שבטים, וואָס זענען געווען זיך פרעמד אין די מנהגים און שטייגער. הויכע, ברייטביינינקע באַרג־יידן האָבן דערשטוינטע באַטראַכט די שטאָט־יידן. די און די האָבן דערשטוינטע באַטראַכט די מדבר־יידן. הענט נישט געניטע, צעבריטע פון מי, האָבן געריסן די איינגעוואַקסענע אין דער ערד שטיינער און זיי צונויפגעקליבן...״ („טרערן און גליק״, באַנד „טאָל און באַרג״).

יוסף ערליך, דער שילדערער פון מענטשלעכע גורלות, פון קאָנפליקטן, פון שווערע קאָשמאַרן פון וועלכע עס קאָנען זיך נישט באַפרייען די אָפּגעראַטעוועטע פון חורבן, איז אויך אַ שילדערער פון די נאַטור־שיינקייטן אין לאַנד. און ער שילדערט זיי אויך ווען די יידן אין לאַנד זענען באַהערשט פון צער און צאָרן, פון באַגערן צונויפצונעמען די געראַטעוועטע פון היטלערס שחיטות און זיי ברענגען אין לאַנד, ווייסנדיק, אַז די אַראַבער לויערן, אַז די ענגלענדער מאַכן אַ ים־בלאָקאַדע. די שיפלעך מיט די פּליטים זענען געצוווּנגען צוצושווימען צו די ברעגן פון לאַנד אין דער גרעסטער געהיימעניש, מענטשלעכע הערצער צאַפּלען פון אומרו. און דאָס קומט פאָר, ווען „...דער פרילינג קיניגט אין זיין פּראַכט. די מילדע זונענשטראַלן שימערירן ווי גינגאָלד. די לופט איז העל און דורכזיכטיק. פון מאָל צו מאָל בלאָזט אַ ווינטל, וואָס גלעט יעדעס באַשעפעניש. דער בלעטער און שטענגלגרין איז פּילפאַרביק. די נעכט זענען דורכזיכטיק. די ריחות פון די פּרדסים פאַרשיכורן. די נאַטור זינגט דעם ריטם פון קיום.״

עס ווילט זיך ציטירן און ציטירן אָבער דאָס אָרט איז באַגרענעצט. די פיר ערשטע בענדער נייטיקן זיך כלל אין אַ ברייטערער אָפּהאַנדלונג. דער פינפטער און לעצטער באַנד נעמט אַרום בלויז צוויי שאַפונגען איף קאַרגע פיר הונדערט זייטן — דאָס שטעטל „וואָלבראָם“ און „שבת“ אויף וועלכע ס'ווילט זיך אָפּשטעלן אַ ביסל איספירלעכער.

ווי מיר דערוויסן זיך פון דב סדנס הקדמה צו „וואָלבראָם“ האָט יוסף ערליך לאַנג איסגעמיטן צו נעמען אויף זיין שרייבטיש די טעמע פון דער אַלטער היים. דאָס באַדייט נישט, אַז ס'איז אים נישט געלעגן אויפן האַרץ. אין שמועסן, דערציילט דב סדן, איז נישט געווען דער פאַל דער שרייבער זאָל נישט דערציילן וועגן זיין היים־שטאָט וואָלבראָם. אָבער אָפּגערופן זיך וועגן איר האָט ער אַ לאַנגע צייט בלויז בעל־פּה. פאַרוואָס ער האָט לאַנג געוואַרט, אין היפּוך צו אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן אין די יאָרן נאָכן חורבן פאַראייביקט די פאַרטיליקטע אַלטע היים, איז אויך, ווי עס באַמערקט דב סדן, אַ רעטעניש. אָבער האָט ער זיך גענומען צו דער טעמע, האָט יוסף ערליך אונדז אָפּגעמאָלן זיין היימשטעטל וואָלבראָם ווי אַ געניטער מאָלער אויף אַ ברייטן לייוונט אַ גרויסע לאַנדשאַפט אָפּט אין וועלכער ער פאַרפעלט נישט קיין איין פּרט. פאַר אונדזערע אויגן וואַקסט אויס די שטאָט מיט אירע צעקרומטע געסלעך, וואָס זענען ברוקירט מיט קאַנצנקעפּיקע שטיינער, מיט דעם פירקאַנטיקן מאַרק, ווו אַלע קויפן און פאַרקויפן, סיי יידן, סיי גויים, מיט די אַריינגעוואַקסענע אין דער ערד הייזקעס, אָדער איין־שטאָקיקע הייזער אָנגעשפּאַרטע איינע אין די אַנדערע, מיט די שטעטלדיקע יידן און זייערע פּרנסות, מיט דער גרויער וואָכעדיקייט און שבת קודש. היינט די פאַרשידנאַרטיקע טיפּן! עס פעלט צומאָל נישט קיין שטאָט־משוגענער.

אין שטעטל האָבן שוין אָפּילו געבלאָזן נייע ווינטן. די יוגנט איז שוין געגאַנגען אין אַ פאַראיין, געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע, ווער צום „בונד“, ווער צו ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; געווען שוין אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשאַפּט אַ בוך, מיט וועלכן מ'האָט פאַרטראָטן אַ מנחה מעריב, אָבער דער אַלגעמיינער שטייגער האָט זיך זינט דורות נישט געענדערט. אויך דער פּחד פאַרן גוי איז פאַרבליבן. און ווידען? „ווען די גויים פון די דערפער זענען געקומען אין שטעטל אַריין זיך שטעלן צום פּריזיוו... האָבן זיי געהאַקט שויבן און געריסן שילדן פון די יידישע געוועלבער...״ און כאָטש ס'זענען שוין געווען צוויי־שטאָקיקע הייזער, איז דאָס לעבן געגאַנגען ווי פאַר אַלטע צייטן. און

איבערן שטעטל הענגט שטילער אומעט, עס פלאַטערט דער אומעט אין דער לופט.

ניין, ס'איז נישט קיין ראָמאַנטיש שטעטל. ס'איז אויך נישט דאָס שטעטל, וואָס איז נאָכן חורבן דורך נישט ווייניק מחברים „פאַראידילישט" געוואָרן. איך ווייס נישט ווי אַזוי ס'זעט אויס דער טעקסט, וואָס יוסף ערליך האָט צוגעשטעלט פאַרן יזכור־בוך פון וואָלבראָם. דאָ איז קיין אידיליע נישט פאַראַן.

איך ווייס אויך נישט צי ביים אָפּמאָלן זיין שטעטל האָט דער שרייבער אָנגעצייכנט אויטאָביאָגראַפישע שטריכן. אויבנאויפיק וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז יאָ. איינער פון די יונגע פּערסאָנאַזשן, איסר דער יתום האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך און געוואָרן דער פרנסה־געבער אין שטוב. איסר גייט אָבער אַרום אַ צעשטרייטער. עס ציט אים צו דער פען, צו באַשרייבן דאָס, וואָס ער זעט אַרום זיך. ער מוז זיך אָבער אויסבאַהאַלטן מיט זיין באַגער. בלויז שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן, זעצט ער זיך אַוועק מיט באַוועסע פיס ביים שפּיץ טיש שרייבן. אַזוי לעבט איסר אין צוויי וועלטן, אין דער רעאַלער, אַרומיקער און אין אַ וועלט פון וויזיע.

נאָכן אַוועקשיקן זיין ערשטע דערציילונג אין אַ רעדאַקציע און נאָך אַ לאַנגן וואַרטן באַקומט ער אַן ענטפער פון איין זאַץ: „איר דאַרפט איבער זיך אַרבעטן." און ווען איסר האָט ענדלעך דערזען אין דער „קעלצער שטימע" זיין נאָוועלע אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען איז די איבערראַשונג געווען אין לשער. איז איסר צווערניק דער קומענדיקער שרייבער יוסף ערליך? מעגלעך, אָבער איך ווייס ווי מען דאַרף פאָרזיכטיק זיין. קריטיקער שרייבן אָפט מאָל צו אַ מחבר זאַכן, וואָס האָבן זיך אים נישטגעחלומט. אָט איצט נישט לאַנג האָט אַ יידישער קריטיקער אויסגעפונען אין אַ בוך לעבן דער ביאָגראַפיע און ווידוי פון דער העלדין, די אויטאָביאָגראַפיע און ווידוי פון דעם שרייבער גופא, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. אויטאָביאָגראַפישע שטריכן זענען מעגלעך, אַ סברה פאַראַן אין יעדן בוך, אָבער פּסקענען אויף זיכער אַז אַזוי איז דאָס און נישט אַנדערש, איז מער ווי פאַרריסענע זעלבסטזיכערקייט. אָבער דאָס איז געזאָגט פאַרבייגייענדיק.

* * * * *

די שטעטלדיקע יידן אין זייערע לאַנגע איביצעס טראָגן שטענדיק אויף זייערע פלייצעס דעם שווערן עול פון דאגות פרנסה און דאָס גאַנצע לעבן, אַלע שמועסן און טאָוונגען דרייען זיך אַרום דער דאָזיקער הויפּט דאגה. אַזוי איז דאָ געווען שטענדיק און אַזוי איז דאָס פאַרבליבן. אַ פאַרגליווערט לעבן, דער היינט איז ענלעך צום נעכטן.

דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז ס'געשעט גאָרנישט, אַז ס'רודערט זיך נישט. און אַז ס'געשעט עפּעס ביי עמעצן, ווייסט דערפון דאָס גאַנצע שטעטל, די גאַנצע עדה ווערט אויפגערודערט. אַז שמילע, דער פראָסטער, גוטהאַרציקער יונג איז פאַרליבט אין רייזלען, כאָטש ער וואַגט נישט צו רעדן דערוועגן, איז פאַר קיינעם נישט קיין סוד. אַז דער פראָסטער ייד מרדכי דער גאַרבער האָט זיך איינגעקויפט אין גרויס יחוס ביי מלכה רחל, דער אָרעמער אַלמנה, ווייסט די גאַנצע שטאָט. האָט דאָך מלכה רחל מרדכין געגעבן איר טאָכטער רייזל פאַר אַ שנור, ווייל זי האָט נישט געהאַט פאַר איר קיין נדן. און רייזל איז נישט אַבי ווער, זי איז דאָס איייניקל פון אַ דיין. נאָר אונטער דעם באַדינג „אויסצוגעבן" רייזלען אָן נדן איז מלכה רחל איינגעגאַנגען צו געבן איר זון פאַר אַן איידעם דעם זעלבן מרדכי דעם גאַרבער. מלכה רחלס אַ שכנטע האָט שיער נישט געפּלאַצט פון נייגיר צו דערוויסן זיך וועגן וואָס מ'רעדט ביי מלכה רחלען, ווען אַ שבת נאָכמיטאָג זענען פאַרבעטן געוואָרן צו איר מרדכי דעם גאַרבערס משפחה. אַ שכנטע פאַר אַ שכנטע זאָל האַלטן אַ סוד!? אַזעלכעס איז גאָרנישט געהערט געוואָרן אין וואָלבראָם. איז מלכה רחלס שכנטע נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי זיך שלייכן הינטערן פענצטער, דרייען זיך אויפן הויף מיט אָנגעשפּיצטע אויערן עפּעס אויפצוכאַפּן.

צי ביי אַ שמחה, צי ווען עס טרעפט ביי עמעצן אַן אומגליק, ווערט דאָס שטעטל

אויפגעדערדערט. ווען רייזל גייט עטלעכע טעג צו קינד און קאָן נישט געבוירן, וואָרעם „זי האָט אַ שמאָלן בעקן", ווי די הייבאַם האָט אויפגעקלערט, איז מען זיך אין יעדער יידישער שטוב מצער. יידן אין בית־מדרש האָבן זיך מיטגעשאָקלט מיט מרדכין, זיין זון און איידעם, וואָס האָבן געזאָגט תהילים און פאַר אַ סגולה צוגעגעבן רייזלען נאָך אַ נאָמען — אַלטע. און ווען קיין שום תפילות האָבן נישט געהאָלפן און רייזל, נאָך גרויסע מאַטער־נישן, האָט אויסגעהויכט די נשמה, איז די שלעכטע בשורה זיך צעגאַנגען איבערן שטאָט כהרף־עין. אַ טויט־אימה און אַ שווערער טרויער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל. קרייזלעך ווייבער האָבן זיך געזאַמלט אין די הויפן, אויפן גאַס און אַרומגערעדט די געשעעניש, דערביי פאַרגאָסן טרערן. אָט זענען אָפּגעזונ־דערט צוויי יידענעס און איינע פאַר דער אַנדערער וויינט אויס איר ביטער האַרץ, האָבנדיק צ זיך שווערע טענות וואָס זי האָט נישט באַוויזן צו גיין אויפן בית עולם איינרייסן קברים פאַר רייזלען.

אַזעלכע זענען זיי די מענטשן פון יוסף ערליכס שטעטל בעת שימחות און אומ־גליקן, פאַריאָגטע, פאַרשמייעטע אין דער גרויער וואָכעדיקייט.

גאָר אַנדערש זענען די זעלבע מענטשן שבת. ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס יוסף ערליך האָט פון שבת געמאַכט אַ באַזונ־דערע טעמע. און די טעמע הייסט „שבת". אויף 180 זייטן שפּרייטן זיך אויס פיל־פאַרביקע שילדערונגען וועגן דעם איי־נעם טאָג און וועגן די צוגרייטונגען צום שבת. די יידן אין שטעטל, פאַרזאָרגטע, פאַרדאגעטע, פאַרהאָרעוועטע, וואַרפן אַראָפּ פון זיך אַלע טואונגען און דאגות, פונקט ווי זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך די שמוציקע, וואָכעדיקע מלבושים. פונקט ווי זיי גייען אין מקווה און טונקען איין אין וואַסער זייערע לייבער, אַזוי טונ־קען זיי זיך איין אין קדושה און מנוחה.

פּייוול דער דאָרפסגייער, דער הויפּט־העלד (אין וואָלבראַם איז די גאַנצע עדה דער הויפּט־העלד) אַ ייד, וואָס וואַנדערט די גאַנצע וואָך מיט אַ שווער פּעקל איבער די דערפער, כדי מפרנס צו זיין דאָס ווייב מיט פיר קינדער, זיצט סוף וואָך אַ פאַר־זאָרגטער; קוים וואָס ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אויסגעציילט דאָס ביסל מזומן וואָס איז נייטיק צום האַנדל און איינצוקויפן אויף שבת, פעלט צו צוויי גילדן. יאַכעט, זיין ווייב, טרייסט אים: גאָט וועט געבן וועט די אַנדערע וואָך נישט צופעלן. און יאַכעט באַוויזט גרויס בריהשאַפט מיט די אַכט גילדן, אַז ס'זאָלן זיין אַלע מאכלים וואָס באַשיינען דעם שבת. און ס'הייבן זיך אָן אירע אַרומ־לויפענישן ווען דער פּראָסט ברענט, די זוכענישן איבער די געוועלבלעך אויס־צוקומען איינצוקויפן אַלץ וואָס נייטיק פאַר די אַכט גילדן. היינט די צוגרייטונ־גען אין שטוב, דאָס באַקן און קאָכן די מאכלים.

די אָרעמע, נידעריקע שטוב באַקומט אַ שבתדיקן אויסזען; די קינדערלעך אַרומ־געוואַשענע, אויסגעצוואָגענע, איבערגע־טאָנענע דערוואַרטן דעם שבת מיט קינ־דערשער פרייד. פּייוול מיטן צען־יאָריקן זון קערן זיך אום פון מיקווה גרייט אויפ־צונעמען דעם שבת קודש. אָט איז שוין דער שבת אויפן שוועל. די שבת־שכינה רוט באַצייטנס אויף גרויס און קליין, זי פלאַטערט שוין אין חלל פון דער אָרעמער נידעריקער שטוב.

יוסף ערליך שילדערט מיט אַ סוגעס־טיוון כוח. דורך איין שבתדיקע משפחה זעען מיר די גאַנצע שבתדיקע עדה. און אָט שוועבן דורך פאַר אונדזערע אויגן די שבתדיקע יידן, וואָס איילן זיך צום בית מדרש. מיר זעען די מתפללים אין אַלע זייערע תנועות, מיר הערן זייער גע־זאַנג און פילן זייער טיפע אמונה. און איז עמעצן אויך שבת שווער אויפן האַרץ און באַקלאָגט זיך אויפן שווערן יידישן גורל, באַקומט ער גלייך אָן אָנשפּאַר:

— אַ ייד אין גלות איז ערגער ווי אַן עבד אַמאָל, האָט אַ זאָג געטאָן חיים, אַ ייד מיט אַ לאַנגן קנאַכיק פּנים און טיפע שוואַרצע אויגן.

— נישט צו פאַרזינדיקן, האָט אים גע־ענטפערט אלי, אַ הויכער, ברייטביניקער ייד.

— ס'גייעס האָט אונדז פאַנט, האָט חיים ממשיך געווען...

לייב טענצער / מאָנטרעאָל

# יהודה עלבערגס צוויי נייע ראָמאַנען

לעצטנס זיינען דערשינען צוויי נייע ווערק פון יהודה עלבערג: „קלמן קאַלי־קעס אימפעריע" און „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש". דאָס ערשטע בוך האָט זיך פריער געדרוקט אין המשכים אין „פאָר־ווערטס" און דאָס צווייטע איז אין אַ קירצערער פאָרם געווען געדרוקט אין זיין בוך „צעוואָרפענע זאַנגען".

צוויי באַזונדערע ווערק פון אַנדערש־דיקער טעמאַטיק און מיט געשעענישן וואָס קומען פאָר אין פאַרשיידענע צייטן און ערטער. די געשעענישען אין „קלמן קאַליקע" שפּילן זיך אָפּ אין פּוילן, פון לערך 1900 ביז 1933. די געשעענישן אין צווייטן בוך זיינען פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ניו־יאָרק און טיילוויז אין ישראל.

ווי פאַרשיידן די צוויי ווערק זיינען איז דאָך פאַראַן אַ שותפותדיקייט צווישן זיי.

יהודה עלבערג איז אַ גלענצנדיקער דערציילער און ער קען אויפשטעלן אַ סיפור המעשה מיט אַ גוטער קינסטלערי־שער אַרכיטעקטור. די געשעענישן קייט־לען זיך איינע אין דער אַנדערער, און די שפּאַנונג האַלט אָן די גאַנצע צייט פון ליינען.ביידע ווערק זיינען פאַרכאַפּנדיק און די העלדן זיינען פּיכאָלאָגיש אויף אַ פעסטן פונדאַמענט. זייערע האַנדלונגען דרינגען אַרויס פון די באַדינגונגען אַרום זיי און פון זייער אייגענעם פּסיכישן מצב.

פאַראַן אַן ענלעכקייט אין דעם הינטער־גרונט פון די צוויי העלדן אין ביידע ביכער. זיי טראָגן זיך אַרום מיט שווערע, ווייטיקדיקע זכרונות, פיזישע אָדער גייס־טיקע מומים גייען זיי נאָך אַ גאַנץ לעבן און זיינען די גורמים פון זייערע האַנד־לונגען.

— אַ ייד מוז האָבן בטחון, האָט אלי אַ זאָג געטאָן.

און יידן מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אלין אונטערגעהאַלטן.

באַזונדער מייסטערהאַפט שילדערט יוסף ערליך דאָס געזעגענען דעם שבת אין בית־מדרש. ביים שאַלעשידעס (שלוש סעודות) „פּירט טיש" יואל דער טיש־מאַכער, וואָס וווינט אין קעלער־שטוב און זעט דורכן פענצטער נאָר די שיך פון פאַרביי־גייער. ער שניידט חלות און טיילט מוציאס. נאָכן בענטשן האָט זיך ערשט דער עולם צעזונגען, אויסגעזונגען טיפע בענקשאַפט און אומבאַגרענעצטן בטחון. „דאָס געזאַנג האָט געשאַלט, די עדה האָט זיך צעזונגען אָן וווערטער... די עדה האָט זיך געשאָקלט. דער ניגון, דאָס געזאַנג האָט זיך געוויגט. יעדער ייד איז געווען אין זיין פאַרבענקטער וועלט, אָבער צוזאַ־מען איז זיי גוט געווען... יידן האָבן גע־וויינט אָן טרערן, זיי האָבן געזעגנט דעם שבת..."

ס'וואָלט נאָך אינטערעסאַנט געווען זיך אָפּצושטעלן ווי אַזוי יוסף ערליך ברענגט אַרויס דאָס יידישע לשון אין שטעטל וואָלבראָם. דאָ און דאָרט בלויז מיט אַ וואָרט, מיט אַ זאָץ, מיט אַן אידיאָם גיט ער אונדז אַ פאַרשטעלונג וועגן דער „אָריגינעלער" יידישער שפּראַך.

ס'האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז „שבת" וועט זיין פאַרן נישט יידישן ליי־ענער הוילע עקזאָטיק. האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס בוך איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז דער פראַנצויזישער פאַרלעגער האָט עס אַרויסגעגעבן אין עטלעכע אויפלאַגעס.

* * * * *

יוסף ערליך האָט אין „וואָלבראָם" אין קורצע ווערטער דערמאָנט די פאַרטילי־קונג פון דער גאַנצער שטעטלדיקער יידישער עדה... האָט ער מיט זיין לעצטן באַנד פון די געזאַמלטע שריפטן גע־שטעלט איר אַ ווירדיקע מצבה.

## 1. „קלמן קאַליקעס אימפּעריע"

אין „קלמן קאַליקעס אימפּעריע" איז דאָ אַ מאָטאָ פון וויליאַם שעקספּיר. איך האָב דעם מאָטאָ געלייענט עטלעכע מאָל איידער איך האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס בוך. דער מאָטאָ גיט אַ שליסל צו דעם כאַראַקטער פון קלמן קאַליקע אין זיינע האַנדלונגען:

„גורל האָט מיך באַעוולהט,
נישט געגעבן וואָס מיר קומט,
געבוירן פאַר דער צייט בין איך
אַזוי צעבראָכן און צעקרומט,
אַז הינט צעבילן זיך ווען כ'שטעל זיך
אָפּ ביי זיי.
וואָס טוט דער טאָג פאַר מיר ווען ער
גייט פאַרביי
חוץ צייכענען מיט שפּאָטן
מיין קריפּלדיקן שאָטן?
אַז צו ווערן ליבהאָבער בין איך נישט
געראָטן
און חוץ למחנה סיי ווי סיי,
וועל איך אויסוואָרף ווערן, אַ הולטיי
און פיינט האָבן אַלע יוסטע לייט
און פאַרגעניגנס פוסטע פון דער צייט."

אַזוי איז טאַקע געשען. קלמן קאַליקע איז געוואָרן אַן אויסוואָרף, אַ הולטיי, און ער האָט פיינט די גאַנצע וועלט און צום מערסטן זיך אַליין.

קומען קומט קלמן פון אַ משפחה וואָס איז דער היפּוך פון אים. זיינע זיידעס זיינען גרויסע לומדים מיט אַ הויכער יידישער עטיק. זיי קאָנען זיך מוסר נפש זיין פאַר זייער ערלעכקייט און יראת שמים. די עלטער־באָבע גענעענדעלע איז אַ שרה בת טובים, וואָס איז אויך געניט אין לעבנס־חכמה און איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות אין אירע האַנדלונגען בין אָדם למקום און בין אָדם לחברו.
און וואָס קומט פאַר מיט קלמן קאַליקע? ער פאַלט אין אַפּגרונט פון ליגנערישקייט, גניבה, גזילה, זנות און פאַרדאָרבנקייטן, וואָס האָט נישט קיין גרענעץ.

דאָס בוך באַשטייט פון דריי טיילן:
דער ערשטער טייל: ק ל מ ן ;
דער צווייטער טייל: די שווערדלס ;
דער דריטער טייל: די אימפּעריע.

כדי בעסער צו פאַרשטיין קלמן קאַליקעס אינערלעכע טראַגעדיע און ראַנגלעניש איז נייטיק געווען צו פאַרשטיין און קענען די משפחה פון וואַנען ער שטאַמט. מיר וועלן פּרווון איבערגעבן די כאַראַקטעריסטיק פון זיין משפחה, אָנהייבנדיק מיטן עלטער־עלטער־זיידן, זיין עלטער־זיידן און זיין זיידן און די באָבע. עס וועט ווערן בולט דורך דעם קאָנטראַסט פון העלד צו זיי, ווי הויך ער וואָלט געקענט שטייגן און ווי נידעריק ער איז געפאַלן.

יעדער טייל קאָן אָנגיין ווי אַ באַזונדערער איינס, ווייל יעדער טייל איז אינטערעסאַנט, שפּאַנענדיק צו לייענען. נאָר אַלע דריי טיילן צוזאַמען שאַפן די גאַנצקייט וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט אַרויסברענגען. אַ קורצע ציטאַטע וועגן קלמנס עלטער־עלטער־זיידן (ז' 96):

„ר' שמואל ברוך האָט מנדב געווען אַ קופּערנעם דאַך פאַר דער שול און געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר גאַנץ קהל צום חנוכת הבית. ער האָט אַ סך געטאַנצט ביי דער סעודה, צו פיל געטאַנצט פאַר אַ יידן אין זיינע יאָרן. אין מיטן טאַנצן איז ער נעבעך געפאַלן אין חלשות.

„ווען ר' שמואל ברוך האָט צומאָרגנס זיך גענומען קלייבן אַוועקצופאָרן, האָט דאָס גאַנצע בני־בית זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל דאָס אָפּלייגן ביז ער וועט קומען צו די כוחות, אָבער ער האָט באַדאַרפט זיין אין וואַרשע וועגן עפּעס אַ יידישער שתדלנות. אין וואַרשע איז ער ווידער געפאַלן, אָבער שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. עס זאָגט זיך טאַקע אין דער גמרא און אין זוהר הקדוש, אַז 'שלוחי מצוה אינן נזוקין', אָבער קומען צו דער אייביקער וועלט אין מיטן פון טאָן אַ גרויסע מצוה און אַ זכות, וואָס נאָר אַזאַ טייערער ייד ווי ר' שמואל ברוך שווערדל האָט עס פאַרדינט. מיט די ווערטער האָט דאָס ספר פאַרענדיקט די לעבנס־געשיכטע פון קלמנס עלטער־עלטער־זיידן און זיין משפחה־נאָמען שווערדל."

און אַ ציטאַטע וועגן קלמנס עלטער־זיידן:

„ר' קלמן מרדכי איז געגאַנגען אין פּאָטערס דרכים און געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. ר' קלמנס עשירות איז געוואַקסן און אין זיין הויף זיינען געוואַקסן נייע בנינים. גנענדעלע איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּריצטע אָבער געפירט זיך ווי אַ צדיקת.

„ר' קלמן מרדכי, קלמנס עלטער־זיידע, האָט איינגענומען אַ נייעם מאַרק. ר' גנענדעלע (אַזוי האָט מען זי גערופן צוליב איר לומדות—ל.ט.) האָט חתונה געמאַכט נאָך אַן אָרעמע כלה. היינט אירע ווערטלעך, אַ מעשה פון מדרש, אַ זאָג פון דער גמרא—אַ קליי־ניקייט, ר' גנענדעלע! איין מאָל ווען זי איז שוין געזעסן אין פּאַיעטאָן קעגן איבער איר מאַן צו פאָרן אין שטאָט אַריין צו אַ שמחה, האָט עמיץ, וואָס איז געקומען פון בילגאַריי, דערציילט וועגן אַ קראַנקער אַלמנה, וואָס איז אין גאַנצן אַליין. ר' גנענדעלע האָט געזאָגט ר' קלמן מרדכין ער זאָל פאָרן אָן איר, זי האָט אַ גרעסערע מצוה צו טאָן."

קלמן מרדכיס, דעם עלטער־זיידנס מסחרים ווערן אַלץ גרעסער. זיינע און גנענדעלעס מעשים טובים פאַר יחידים און פאַר דער גאַנצער שטאָט וואַקסן צוזאַמען מיט זייער רייכקייט און עס קומט די צייט חתונה צו מאַכן זייער זון חנא, קלמנס זיידע. ווי עס פלעגט זיך פירן ביי יידן, האָבן חתן־כלה זיך נישט געזען. די מחותנים האָבן געפירט צווישן זיך אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן זמן חתונה און אַנדערע ענינים.

יהודה עלבערגס לומדישער הינטערגרונט העלפט אים צו פילן זיך אין דער היים אין דער דאָזיקער לומדישער סביבה. מיט צאַרטקייט און איידלקייט דערציילט ער ווי חנאס כלה, די גרויסשטאָטישע, אַריסטאָקראַטישע, כלה, ליבעלע, קומט פון וואַרשע אין הויז פון אירע צוקונפטיקע שווער און שוויגער. איר פילט, אַז איר בלאַסקייט און איידלקייט איז ווי אַ שיינע דעקאָראַציע צו דער היים פון די רייכע מחותנים און איר חתן חנא. יהודה עלבערג באַשרייבט די צוויי משפחות וואָס דאַרפן זיך משדך זיין מיט גרויסער ליבשאַפט און קענטעניש און ער האַלט דעם לייענער געשפּאַנט און אַריינגעצויגן אין די געשעענישן אַרום.

עס געשעט אַ גרויס אומגליק, עס ברעכט אויס אַ שריפה אין קלמן מרדכיס גאָרעלניע. מיט איין זייטל פּריער באַשרייבט עלבערג אַן אידעאַלע נאַטור־אידיליע אין הויף פון קלמן מרדכי און גנענדעלען און ביי דער קולמינאַציע פון דערוואַרטונג צו דער קומענדיקער חתונה, הערט זיך פּלוצלונג אַ שרעקלעכער קראַך און אַ פייער האָט אַרויסגעזעצט פון דאַך פון דער גאָרעלניע. אין דעם פייער ווערט ר' קלמן מרדכי דער עלטער־זיידע פאַרברענט, און דאָס גאַנצע פאַרמעגן גייט אַוועק מיטן רויך. דער דאָזיקער איבערגאַנג פון אידילישער שיינקייט און גליקלעכער דערוואַרטונג ביז דער שרעקלעכער טראַגעדיע ווערט ביים מחבר אַזוי נאַטירלעך אַרויסגעבראַכט, אַז מען ווערט אין גאַנצן מיטגעריסן און מען לעבט עס איבער ווי מען וואָלט אַליין געווען אין דער מיטן פון די געשעענישן. און ווי רעאַגירן די מענטשן אַרום? ווי אַזוי האַלט זיך אַזאַ צדיקת ווי גנענדעלע? אַ קורצע ציטאַטע וועט דאָס באַווייזן (ז' 113):

„דער אייבערשטער האָט אַוועקגענומען די קרוין פון אונדזער הויז—האָט גנענדעלע אָנגעהויבן און אַ שלוכץ האָט זיך אַריינגעריסן אין אירע רייד. זי האָט זיך געשטאַרקט און ממשיך געווען: „דער אייבערשטער איז אַ גערעכטער דיין. מיר וועלן נישט מתרעם זיין, ס'קאָן חלילה ווערן אַ מיכשול צום טאַטעשיס עלית נשמה. זאָג, קינד מיינס: ברוך דיין אמת, זאָג מיט מיר: גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט, ברוך דיין אמת."

דאָ טרעפן זיך צוויי אַספּעקטן פון עלבערגס קינסטלערישער שילדערונג. מען דאַרף האָבן אַ סך פאַנטאַזיע און שרייבערישן טאַלאַנט צו קאָנען אַזוי פּלאַסטיש מאָלן אַ בילד וואָס איז אַזוי מאַקאַבריש און שוידערלעך מיט דער טראַגישקייט פון געשעענישן. עס קומט דאָ אויך צום

אויסדרוק דער ספּעציפיש יידישער מאָמענט אין דער גרעסטער טראַגעדיע. זעט דער ייד דעם בורא עולם גערעכט און זעט זיין משפט גערעכט. דאָ קומט שוין דאָס טראַדיציאָנעל יידישע און ער גיט אַ בילד פון דער משפחה פון וואַנען עס קומט אַרויס דער העלד קלמן קאַליקע.

יהודה עלבערג דערציילט נישט סתם אַ מעשה, די צייט איז פול מיט דראַמאַטישע געשעענישן וועלכע שאַפן אַ געוואַלדיקע טעמפּעראַטור פון שפּאַנונג. חנא, קלמנס זיידע, לאָזט זיך אַריין אין נייע געשעפטן. ער ווערט אַלץ רייכער און אַ דאַנק אים ווערט דאָמבראָוויקע אַ יידישער יישוב. אָבער די גרויסע מסחרים נעמען אים אויף ווייטע רייזעס. עס ברעכט אויס אַ מגפה און דאָס ווייב שטאַרבט און ער ציט זיך צוריק פון אַלע גרויסע מסחרים. ער זיצט אין זיין שפּייזקרעמל און וויל נישט מער פירן קיין גרויסע מסחרים און ארומפאָרן איבער דער וועלט. „ער איז געזעסן אין זיין געוועלבל און כסדר געמורמלט אין זיין תהילימל אַריין" — זאָגט דער מחבר.

עלבערג זאָגט אונדז נישט באַלד וואָס איז געשען מיט קלמן קאַליקעס טאַטע־מאַמע. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אופנים פון עלבערגס דערצייל־קונסט איז זיין אומקערן זיך פון צייט צו צייט צו פריערדיקע געשעענישן וואָס קומען ווי אַ צוריקבליק כדי צו אילוסטרירן דאָס וואָס מיר לייענען. מיר דערוויסן זיך שפּעטער אַז קלמן האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיין טאַטן איז געשען; ער מיינט אַז דער טאַטע האָט אים פשוט פאַרלאָזן ווען ער איז אין אַ קינדער־קרענק געוואָרן אַ קאַליקע. אין דער אמתן האָט דער טאַטע פאַרענדיקט אין אַ משוגעים־הויז. קלמנס מאַמע איז געשטאָרבן און קלמן — אַ קריפּל, אַ קאַליקע, וואָס קאָן נישט גיין אויף זיינע פיס, איז אויפגעוואַקסן ביי זיין מרה־שחורהדיקן זיידן חנאן.

קלמן הייבט אָן אָפּנאַרן און אָפּטאָן שפּיצלעך דעם זיידן, און האָט דערפון הנאה. אַלע אין חדר פאַרפאָלגן אים, לאַכן פון אים און ער זוכט נקמה אין שפּיצלעך וואָס ער טוט זיי אָפּ.

קלמן קאַליקע האָט נאָך געוויסן, עס פייניקט אים אַ שולד־געפיל. אָבער וואָס ווייטער זינקט ער אַלץ מער אין אָפּגרונט פון געמיינקייט, כדי נקמה צו נעמען אין אַלעמען און ווייזן וואָס ער קאָן. ער זאָגט אין אַ געוויסן מאָמענט:

צו וואָס דאַרף ער פיס, אַז מען וועט אים טראָגן אויף די הענט. ער עיקר איז צו האָבן אַ קאָפּ. דאָס לעבן איז טאַקע אַ וועט־געיעג אָבער נישט ווער עס וועט וועמען איבערלויפן, נאָר ווער עס וועט וועמען איבערקליגלען" (ז' 43), ווייל ער גלייבט נישט קיין מענטשן, אַלע מענטשן זיינען פאַרדאָרבן. ער זאָגט:

„אַ קאַליקע האָט נישט קיין קרובים, אַן עלעקטראָווניע האָט יאָ, אפילו אַז זי איז פאַרבונדן מיט אַ קאַליקע" (ז' 56). דאָס זאָגט ער ווען עס איז געקומען עפּעס אַ קוזין מבקר חולה זיין קלמנען, נאָך דעם ווי עס איז געשען ביי אים אַ שרפה און דער קוזין האָט געמיינט, אַז ער וועט קאָנען גענייסן פון דער ירושה.

עס הייבט זיך אָן דאָס לעבן פון קלמן קאַליקע אויף אייגענער האַנט.

דאָ שטייט דער מחבר און דער לייענער פאַר אַ פּראָבלעם. דער לייענער ווערט מיטגעריסן מיט געשעענישן אויב זיי רופן אַרויס סימפּאַטיע אין זיין געמיט. דער קינסטלער וואָס האָט אַ טעמע וואָס איז נאָענט דעם געמיט פון לייענער, האָט שין אַ קאָנטאַקט מיטן לייענער, ווייל די טעמע איז אַ דאַנקבאַרע, אומאָפּהענגיק צי די געשעענישן זיינען טראַגישע אָדער פריידיקע. אָבער ווען דער קינסטלער וויל זיך טיילן מיט די אָבסערוואַציעס פון זיין העלד, וואָס איז נישט בלויז נישט סימפּאַטיש, נאָר אָפט מאָל אָפּשטויסנדיק, איז אַ סך נייטיקער די קינסטלערישע פּערפעקציע פון שרייבער צו קאָנען זען דעם העלד אין זיינע אַלע ניואַנסן און אין אַלע האַנדלונגען.

יהודה עלבערג מאָלט אַ נעגאַטיוון טיפּ. ער איז אונדז אָפּשטויסנדיק מיט זיינע מעשים, אָבער מיר פילן די גאַנצע צייט אַז עס איז דאָ אַ וויכטיקע, טראַגישע, פּסיכישע סיבה פאַר די דאָזיקע האַנדלונגען און מיר באַדויערן סיי דעם אָנגרייפער און סיי דעם קרבן.

קלמן קאַליקע האָט געהאַט די פעיקייטן פון זיינע זיידעס אין לומדות. אפילו אַלס קריפּל האָט ער באַוויזן צו לערנען און האָבן יידישן וויסן. ער לערנט זיך אַליין אויס אַ סך שפּראַכן און ער וואָלט געקאָנט זיין אַ געניאַלער געשעפטסמאַן, ווען ער וואָלט נישט געוואָרן קיין קאַליקע און זיך געהאָדעוועט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. אָבער דאָס לעבן האָט אים באַוואָלהט און די דאָזיקע פעיקייטן ווערן אויסגענוצט אויף די ווילדסטע און שוידערלעכסטע האַנדלונגען לגבי מענטשן.

דער זעלביקער וויין קאָן דינען צו מאַכן קידוש און אַריינברענגען דעם הייליקסטן טאָג, דעם שבת, און אָנהייבן יעדן יום־טוב אין אַ יידישער היים. דער זעלבער וויין קאָן אויך גורם זיין דעם מענטש וואָס נעמט אים צוליב שיכרות, זאָל זיך וואַלגערן אין בלאָטע און פאַרלירן דעם צלם אלקים. די זעלבע מעלות און באַגאַבטקייטן וואָס האָבן זיינע אָבות געהאָלפן ווערן באַרימטע גבירים, בעלי־צדקה און לומדים, האָבן קלמנען געהאָלפן אָפּטאָן די ראַפינירסטע געמיינקייטן אפילו צו זיינע נאָענטסטע מענטשן.

קלמן קאַליקעס באַגאַבטקייט און פעאיקייטן העלפן אים איבערקליגלען די וועלט און אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט פאַר זיינע צוועקן. אפילו זיין מום דינט אים אָפּט ווען ער קאָן קיין אַנדערע תירוצים נישט ברענגען זיך צו פאַרטיידיקן אַז ער איז נישט שולדיק.

קלמן איז געקומען צו דער מסקנה, זאָגט עלבערג אין בוך, אַז „ווי אַ מענטש דאַרף לופט צו אָטעמען, אַזוי דאַרף ער האָבן עפּעס אַ משוגעת וואָס זאָל פאַרנעמען זיין ווילדן קאָפּ טאָג און נאַכט. ער האָט מער הנאה פון די עצם קונצעלעך ווי פון די פאַרדינסטן וואָס זיי ברענגען.“ (ז׳ 81).

„אויב מיין טאַטע וואָלט געשטאָרבן, אָדער משוגע געוואָרן, וואָלט מען געזוכט אין זיינע קעשענעס און געפונען עפּעס צו וויסן ווער ער איז. ער איז אַנטלאָפן פון מיר, ווייל ער איז געווען אַן „עסטעט“. גאָט אַליין האָט פיינט אַ קאַליקע. אַ כהן מיט אַ מום האָט נישט געטאָרט טאָן די עבודה; אפילו אַ בהמה מיט אַ מום טאָר מען נישט ברענגען פאַר גאָט.“

און וואָס טוט נישט קלמן קאַליקע אויסצופירן זיינע ווילדע פלענער; אָפּנאַרן, פאַרגוואַלדיקן, אָנזעצן, אויסנאַרן געלט, עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו די מעטאָדן וואָס קלמן קאַליקע ווענדט אָן אויפצובויען אַ גרויסע אימפעריע פון מסחרים, פאַבריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שוועריקייט אַבי דורכצופירן זיינע אַמביציעס. און ער ווערט רייך. ווען ער טוט טובות צו יחידים און צו קהל, ווערט ער אויך אָנגעזען און אַ חשוב אין שטאָט, מען נעמט אים רופן ר׳ קלמן. ער האָט חתונה מיט דער מוטער פון זיין קינד און מאַכט חתונה אַלע שוועסטערס אירע, זיינע שוועגערינס, מיט די בעסטע בחורים, ער קאָן געבן צדקה. נאָר אפילו אין זיין גוטסקייט ווייסן מיר נישט און זיינען נישט זיכער צי ער מיינט דאָס באמת, אָדער ער וויל עמעצן אָפּטאָן אַ שפּיצל; צי טוט ער נישט עמעצן גוטס, כדי אַ צווייטן זאָל עס ווי טאָן. מיר זיינען קיין מאָל נישט זיכער מיט אים. בלויז אין איין פאַל גלייבן מיר אים, אין זיין ליבשאַפט צו זיין קינד, וואָס ער האָט פריער פאַרלייקנט. קלמן געדענקט נישט זיין מאַמען און דערפאַר אפשר קאָן ער נישט זיין גוט, און אין אַ גוטער מינוט זאָגט ער:

„קיילע, קיילעשי, כ׳האָב גוטע מינוטן, אָבער כ׳קען אויך זיין ביטער ווי גאַל און אַכזריותדיק ווי אַ גזלן.“

מיר גלייבן אים אין זיין טרויער נאָך זיין געשטאָרבן קינד זעליקל. ער זאָגט דעם קדיש ביים קבר און זיין שווייגן וואַרפט אָן אויף אַלעמען אַ פחד.

אין אַ רויקן מאָמענט אין זיין שבעה זאָגט ער צו זיין פריינד:

„קלמן קאַליקע האָט אַ מאָל געקענט אָפּנאַרן אַ וועלט; זיך אַליין האָט ער קיין מאָל נישט באַוויזן אָפּצונאַרן. דאָ איז דאָך דער קרבן נישט נאַרישער ווי דער אָפּנאַרער.“

און אין אַ שפּעטערדיקן שמועס מיט זיין שוואָגער און בעסטן פריינד בעריש זאָגט ער:

„כ׳בין נישט געוואָרן קיין בעל־
תשובה, בעריש; ווי האָט גאָט געזאָגט
צו רבקהן: שני גוים בבטנך; איך טראָג
אויך אין מיר אַ יעקב און אַן עשו און
עס גייט אָן אַ שטענדיקער ויתרוצצו
צווישן זיי, איך ווייס קיין מאָל נישט
ווען דער עשו וועט קריגן די אויבער־
האַנט.

„איך בין געוואָרן אַ בעל־תשובה?
איך וויל גלויבן אין אַ יענער וועלט;
אין אַ נשמה, וואָס בלייבט לעבן נאָכן
טויט, ווייל כאָטש ס׳איז מיר שלעכט
אָן דעם...

„בעריש, מיין פריינד, דו ביסט אויפ־
געוואַקסן אין אַ הויז פול מיט ליב־
שאַפט, איך בין פון די פריע קינדער־
יאָרן געוואָרן באַוועלט און פאַרביטערט.
איך בין באַשטראָפט געוואָרן פון גאָט
ווען איך בין נאָך געווען אַן אומשולדיק
קינד, און פון דעמאָלט אָן כסדר און
אָן אויפהער געשטראָפט געוואָרן פון
מענטשן. די עוולות האָבן זיך אָנגע־
זאַמלט ווי אייטער אין מיין גוף.״
„איך האָב געבויט פאַר מיין זעליקל,
איצט זיינען אַלע מיינע נצחונות נאָר
זאַלץ אויף מיינע ווונדן.״ (ז׳ 523)

קלמן ווערט דערהרגעט אויפן הויף פון
זיין אייגענער פאַבריק פון זיין אייגענעם
משא אויטאָ, וואָס האָט זיך אַ גליטש גע־
טאָן אויפן צעמענט: „אויף אַזאַ נאַרישן
אופן?״ דאָס איז געווען דער לעצטער גע־
דאַנק וואָס איז דורכגעלאָפן קלמנס קאָפּ.

יהודה עלבערג, דער מחבר פון „אויפן
שפּיץ פון אַ מאַסט״, „צעוואָרפענע זאַנגען״
און אַנדערע, דער געווינער פון מאַנגער־
פּריז און אַנדערע פּריזן, האָט מיט „קלמן
קאַליקעס אימפּעריע״ נאָך אַמאָל געוויזן
זיין גרויסן דערציילערישן טאַלאַנט. די
געשעענישן אין גאַנצן סיפּור המעשה
קייטלען זיך איינע אין די אַנדערע און
שאַפן איין גאַנצקייט. מיר ווילן נישט
אַקצעפּטירן די מעשים וואָס עס טוט אָפּ
קלמן קאַליקע, אָבער מיר זיינען די גאַנצע
צייט אין שפּאַנונג פון די געשעענישן און
מיר זעען דעם העלד ווי ער גייט פון
מאַכינאַציע צו מאַכינאַציע מיט דער
אויסגעהאַלטנקייט פון זיין כאַראַקטער
און מיט דער צילבאַוווסטקייט פון זיין צע־
וויטיקטער פאַרקריפּלטער נאַטור. יהודה
עלבערג האָט אַרויסגעבראַכט אַ העלד,
וואָס איז נאָך אין אַזאַ פאָרם נישט געווען
אין אונדזער ליטעראַטור און ער פירט
אים קאָנסעקווענט פון איין האַנדלונג
צו דער אַנדערער. ער איז אַ העלד פון
אַ באַזונדערן מין, וואָס דאַרף אַחוץ אַ
ליטעראַרישן אַנאַליז אויך האָבן אַ גע־
ניטן אַריינבליק פון אַ פּסיכאָלאָג, וואָס
זאָל אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן אַנאַ־
ליזירן די אומגליקלעכע געשטאַלט פון
קלמן קאַליקע.

אין דער זעלבער צייט גיט אונדז על־
בערג דעם הינטערגרונט פון יידיש לעבן
אין יענער צייט, נישט אין קיין סטאַטישן,
נאָר אין אַ דינאַמישן אופן און מיר באַ־
קענען זיך מיט אָן אַ שיעור אַספּעקטן פון
יידישן לעבן אין פוילן אין אָנהייב פון
צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביז דעם 31טן
יאַנואַר 1933 ווען עס קומט אָן די ידיעה
אַז היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט
אין דייטשלאַנד.

ק ל מ ן ק אַ ל י ק ע רעפּרעזענטירט
נישט קיין כלל, קיין גרופּע, אָדער גע־
זעלשאַפטלעכן איינס. ער רעפּרעזענטירט
אַ יחיד — זיך אַליין. דער אָרום וואָס
עלבערג שילדערט איז אַ טיפּיש יידיש
שטעטל, וווּ דער רוב מענטשן זיינען
ערלעכע, שווער אַרבעטנדיקע מענטשן.
מיר זעען ווי אַזוי יידן פאַרוואַנדלען אַן
אָפּגעשטאַנען מקום אין אַ גרויסן יידישן
יישוב מיט פאַרבינדונגען אין דער גרוי־
סער שטאָט, ספּעציעל מיט וואַרשע און
גראַד אויפן פאָן פון אָט דער מאַסע יידי־
שע האַנדעפּאַשניקעס וואָס לעבן מיט זיי־
ער ערלעכקייט צום מיטמענטשן, ווערט
נאָך בולטער די טראַגישע געשטאַלט פון
דעם קריפּל, קלמן קאַליקע.

## 2. „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש״

די האַנדלונג אין דעם בוך קומט פאָר
נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די
נאַצי־עפּאָכע איז נישט די טעמע פון בוך,
עס איז דער הינטערגרונט. די צייט ווען
מענטשלעכער גורל און מענטשלעכע באַ־
ציונגען ווערן נאָך קאָמפּליצירטער צוליב

די ספעציפישע באדינגונגען אין וועלכע נאך־מלחמה קרבנות ווערן אריינגעווארפן. אבער די סיבה פון זייערע האנדלונגען זיינען נישט בלויז די איצטיקע באדינגונגען, אפילו נישט די נייע סביבה אין וועלכער זיי געפינען זיך. דער עיקר כוח וואס צעמענטירט זייערע געפילן און טוּאונגען, זיינען זייערע זכרונות און עוולות נאך פון די קינדער־יארן; פון דער צייט ווען מען איז געוואקסן אין הויז פון טאטע־מאמע, און דאס איז דער מקור פון וואנען עס נעמען זיך די געפילן פון שנאה, ליבשאפט, נקמה און קרבנות גרייטקייט, וואס די העלדן ווייזן ארויס.

ווי אין אלע עלבערגס דערציילונגען איז אויך דא אין דעם בוך דער ספעציפישער זשאנער פון עלבערגס דערציילונג קונסט — א שפאנענדיק אויפגעבויטער סיפור המעשה. איך לייענט מיט געוואלדיקער בייגעריקייט. פון צייט צו צייט נעמט דער מחבר דעם לייענער אויף א צוריקבליק צו געשעענישן, וואס זיינען פארגעקומען מיט צענדליקער יארן צוריק און האבן איבערגעלאזט א רושם אויפן גאנצן לעבן.

לעאן טארנאווסקי, וואס איז צופעליק געקומען קיין ניו־יארק פאר דער מלחמה, ברענגט אראפ זיין ברודער בערנארד פון לעמבערג. די סאָעטישע מאכט אין לעמבערג לאזט ארויס נאר דעם ברודער מיט איין טאכטער און די פרוי מיט נאך א טאכטער מוזן בלייבן אין לעמבערג. דער תירוץ איז, אז זי איז נישט קיין יידישע און זי וויל נישט ארויספארן.

די סאוועטן טוען קיין זאך נישט בחינם. זיי לאזן איבער דעם משכון פון דער פרוי מיט דער טאכטער כדי בערנארד זאל שפיאנירן פאר זיי אין די פאראייניקטע שטאטן. ווען ער הייבט אן צו ארבעטן אין א כעמישער פאבריק, ווערט ער אן אגענט פאר די רוסן און הייבט אן ארויסגעבן סודות צו די סאוועטישע אגענטן.

די עף־בי־אי קומט אויף זיינע שפורן און זיי קומען אים ארעסטירן.

אין דער לעצטער מינוט ווען זיי האלטן אים ביים נעמען פון הויז, נעמט דער ברודער לעאן, וואס האט אים אראפגעבראכט, די שולד אויף זיך, אז ער איז דער שולדיקער און בערנארד האט נישט געוווסט אז ער פירט אויס שפיאנאזש שליחותן. פארוואס ער נעמט אויף זיך די שולד?

לעאן דערקלערט עס פאר זיך אליין, אז ס'איז דערפאר אס ער ליידט אויף לוקעמיע און עט סיי ווי לאנג נישט לעבן, און די עף־בי־אי וועט סיי ווי נישט באשטראפן א מענטש וואס איז אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן.

מען ארעסטירט לעאנען און נאך דעם ווי זיין אדוואקאט נעמט אים ארויס אויף קויציע, אנטלויפט ער קיין מדינת ישראל ווו ער לעבט אויף א פאלשן נאמען. נאך א שטיקל צייט קומט די עף־בי־אי אויף זיינע שפורן אין מדינת ישראל. אמעריקע פארלאנגט אז ישראל זאל ארויסגעבן דעם שפיאן. עס שאפט זיך זייער א געשפאנטע סיטואציע, אבער סוף־כל־סוף גיט אים ישראל ארויס. אין עראפלאן פון ישראל באגייט לעאן טארנאווסקי זעלבסטמארד. ער שטארבט נישט גלייך, מען נעמט אים אראפ אין לאנדאן און דארט שטארבט ער.

פון סיפור המעשה ביים אנהייב פון בוך זיינען מיר חושד, אז דער תירוץ פון נעמען אויף זיך די שולד פון ברודער צוליב זיין קראנקייט, איז נישט קיין פולער; מיר פילן, אז דער מחבר האלט ביים אויפבויען א בנין, וואס מיר זעען דערווייל בלויז דעם פונדאמענט און עס וויקלט זיך ביסלעכווייז פונאנדער א לייוונט פון קאנפליקטן, ראנגלענישן אין צווישן־מענטשלעכע באציונגען, וואס זיינען דערשיטערנדיק מיט זייער טראגיק און סענסיטיוקייט.

לעאן און באלעק־בערנארד זיינען צוויי ברידער, לעאן איז דער עלטערער. באלעק ווערט אבער פאווואריזירט פון זייער מאמע, א דענטיסטין, וואס האלט אליין אויס די קינדער ווייל דער פאטער איז געפאלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען דער יינגערער ברודער האט געדארפט געבוירן ווערן.

עלטערן, וואס האבן צוויי אדער מער קינדער, און דערציערס, ספעציעל אין עלעמענטארע שולן, זיינען באוווסטזיניק וועגן פראבלעם פון קאנפליקטן צווישן קינדער. יעדער פון זיי וויל די גאנצע

אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַמען, פון טאַטן אָדער פון ביידן פאַר זיך אַליין. שווערע קאָנפליקטן קומען אָפט אַרויס אין משפחות און זייער אָפט שפיגלט זיך עס אָפּ אין שול. אָפט מאָל מוז די שול צוזאַמען מיט די עלטערן אָנקומען צו פּראָפעסיאָנעלער הילף, וואָס איז פאַר דער לעצטער צייט זייער אַנטוויקלט געוואָרן אין אַלע שולן. עלבערג דערפירט דעם דאָזיקן קאָנפליקט צו דער העכסטער מדרגה פון אינערלעכע ראַנגלענישן, וואָס לאָזן איבער זייערע שפורן אויפן לעבן פון ביידע ברידער ביז זייער רייפן עלטער.

לעאָן האָט צרות פון זיין ברודער; די מאַמע איז תמיד אויף דער זייט פון יונגערן באָלעק. לעאָן, ווי דער עלטערער, דאַרף זיין דער פאַרטיידיקער, דער נאָכגיביקער, און דער ייִנגערער ברודער נוצט עס אויס. ער האָט פון אים צרות אין דער היים, ווען זיי פאָרן צו־גאַסט. דער ייִנגערער ברודער נעמט אפילו צו זיין כלה, די נישט ייִדישע זאָשאַ. שפּעטער ווערט דער אָנגעזאַמלטער כעס און ביטערקייט אויסגעלאָזט צו דער טאָכטער פון זיין ברודער אוז זאָשאַן ווען ער נעמט זיי אַראָפּ קיין ניו־יאָרק. ער זעט אין זיין פּלימעניצע דאָס ערשטע בילד פון זיין געוועזענער כלה זאָשאַ, וואָס דער ברודער האָט ביי אים צוגענומען.

ביידע ברידער זיינען אָפּגעפרעמדט פון ייִדן און ייִדישקייט; ערשט ווען לעאָן געפינט זיך אין ישראל, וואַכט אויף ביי אים אַ געפיל פון אָנגעהעריקייט וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט. ער געפינט זיך אין ישראל אין דער צייט פון דער מלחמה מיט עגיפטן און ער דערפילט אַז ער איז איצט אַ טייל פון אַ גרויס פאָלק.

עלבערג שילדערט זיינע געפילן מיט די ווערטער:

„לעאָן האָט נישט געוווּסט צי ער זאָל זיין אין כעס אויף זיין מאַמע, אָדער גאָר רחמנות האָבן אויף איר און אויף דעם פוסטן לעבן וואָס זי אַליין האָט געהאַט און איבערגעגעבן צו אירע קינדער. ער איז נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געווען אַזוי גאַנץ מיט זיך ווי היינט. ווי האָט ער געקענט אָפּוויסטן קנאַפּע פופציק יאָר אין עלנטקייט?“

אָבער עס איז אים נישט באַשערט צו בלייבן אַן אויסגעהיילטער אין ישראל. מען שיקט אים אַרויס פון לאַנד און מען גיט איבער צו די אַמעריקאַנער.

ביים סוף פון בוך ווען לעאָן ליגט אין שפּיטאָל פאַר זיין אַרויסגעשיקט ווערן, קומט אָן אַ בריוו פון זיין ברודער בערנאַרד פון ניו־יאָרק, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף די פאַרהעלטענישן פון די ברידער. ער שרייבט לעאָנען אַז ער האָט געפילט אַ קנאה צו אים דעם עלטערן ברודער, ווייל לעאָן איז געווען פינקטלעכער און געראָטענער. די מאַמע האָט דעם ייִנגערן נישט פאַוואָריזירט, שרייבט ער אים, נאָר האָט אים פשוט פאַרטיידיקט. ווי אַלע מאָל ווען עס ווערט געבוירן אַ קאַליקע גיט אים די מוטער מער אויפמערק. די מאַמע האָט געזען אין ייִנגערן ברודער אַלע חסרונות פון טאַטן, וועלכער איז געפאַלן אין מלחמה און די מאַמע האָט געפילט אַ שולד־געפיל וואָס זי איז נישט געווען טאָלעראַנט צום טאַטנס חסרונות און מיט דעם זוכט זי אויסקויפן איר שולד־געפיל לגבי דעם טאַטן.

אויך דאָס צונעמען זיין כלה זאָשאַ איז געווען דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל, וואָס איז געקומען צוליב אַ ריי מאָמענטן וואָס האָבן זיך צונויפגעלייגט עס זאָל געשען וואָס עס איז געשען.

עלבערג פירט דאָ דורך דעם געדאַנק, אַז דער מענטש איז נישט אַלע מאָל שטאַרק גענוג ביייצושטיין אַלע נסיונות וואָס טרעפן זיך אים אין לעבן. דער מענטש האַנדלט אָפט קעגן זיין אייגענעם געוויסן און פאַרשטאַנד, ווייל ער האָט נישט קיין מוט זיך קעגנצושטעלן דעם כוח פון שלעכטס און יצר־הרע וואָס באַזיגט אים. דער ברודער בערנאַרד רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. ער זאָגט אפילו אַז זאָשאַ האָט פאַר ביידן נישט געהאַט קיין רעספּעקט, און אין דער צייט פון דער מלחמה האָט זי אפילו אַרויסגעוויזן אַן אומגעדולדיקייט און גאָרנישט קיין קאָרעקטע האַנדלונג לגבי איר מאַן, שפּעטער אפילו אַנטיסעמיטיזם.

עלבערג שילדערט דאָס אַלץ מיט טיפן אַנאַליז פון די איבערלעבונגען פון יעדן

פון די העלדן. עס ווערן פאַרשטענדלע־כער די האַנדלונגען פון ביידע ברידער. עס ווערט אונדז באַגענט דער טאַטע פון די ברידער. אַן אויסערגעוויינלעך איידעלער, סענסיטיווער מענטש, וואָס האָט זיין פרוי ליב געהאַט מיט אַ צאַרטקייט און איידל־קייט פון אַן אידעאַלן מאַן, אָבער די מאַמע איז נישט ווערט געווען, אָדער געווען צו שטיף צו פאַרשטיין זיך אויף אַזאַ דעלי־קאַטקייט און צערטלעכקייט. דער ברודער ציטירט שטעלן פון טאַטנס בריוו צו דער מאַמע. ווען דער בריוו איז אָנגעקומען דורך פאַרשיידענע אומוועגן, האָט שוין דער טאַטע נישט געלעבט. און דער ברו־דער בערנאַרד פאַרענדיקט מיט די ווער־טער: „דעם טאַטנס נקמה איז אפשר גע־ווען וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין הויז אַ יורש און פאַרטרעטער אין אומגעלומ־פערטקייט — מיך.״

אַזוי אַנאַליזירט אַ דערוואַקסענער מענטש זיך אַליין און וויל אין רייפן על־טער געפינען אַ באַשייד צו זיין אייגענער נישט טויגעוודיקייט. צו דער מאַמעס שולד־געפיל לגבי דעם טאַטן און דעם ברודערס מאָראַלישע העכערקייט, וואָס דערגייט צו דער מדרגה פון קאָנען זיך מקריב זיין און נעמען אויף זיך אַזאַ שול־דיקייט ווי שפּיאָנירן פאַר רוסלאַנד אין אַמעריקע, דאָס לאַנד וואָס האָט אַדאָפּ־טירט און וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב.

אין דעם בוך קומען פאַר אַזוי פיל אויסטערלישע נישט געוויינלעכע געשע־ענישן. די מלחמה און די יידישע טראַ־געדיע גיבן נאָך צו אַ ספּעציעלע דימענ־סיע צו די געשעענישן און עלבערג באַ־וויזט אַלץ אַריינצונעמען אין אַ דיסציפּ־לינירטער פאָרם און בויט אויף אַ דער־ציילונג וואָס איז קאָמפּליצירט אין פאָרם און דאָך גראַדליניק און פאַרשטענדלעך לויט דער אינערלעכער פּסיכיק פון די העלדן און די געשעענישן וואָס קומען פאַר מיט און אַרום זיי. עלבערג איז אַ גוטער אָבסערוואַטאָר און די מינדסטע קלייניקייט ווערט ביי אים נישט פאַרזען, צי דאָס איז דאָס לעבן פון יונגע מענטשן וואָס הייבן אָן זייער לעבן אין ניו־יאָרק, צי דאָס איז דאָס לעבן אין ישראל אין דער גורלדיקער צייט פון דער מלחמה, ווו יעדער הויז איז אַ טייל פון פראָנט און יעדער מאַן, פרוי אָדער קינד, זיינען אַ טייל פון דער אַרמיי.

עלבערג באַשרייבט דאָס מיט גרויס פּינקטלעכקייט און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, כאָטש מיר טרעפן זיך אָן מיט טיפן פון פאַרשיידענע סביבות, פון אַן אַנדער מענטאַליטעט, פון פאַרשיידענעם עלטער און אָרט אין דער געזעלשאַפט.

דער לייענער וואָלט דאָ געקענט אַ סך לערנען פון דעם שרייבער, וואָס קען מיט זיין קינסטלערישע אויג דערזען די קלענ־סטע ניואַנסן פון צווישן־מענטשלעכע באַציונגען.

עלבערג איז דער מייסטער פון קאָנ־פליקט, פון דראַמאַטישער שפּאַנונג. ער זעט די קלענסטע ניואַנסן פון קאָנפליקטן, וואָס אַ מענטש האָט מיט זיך אַליין, מיט דער נאָענטער סביבה און מיט דער געזעלשאַפט.

ער איז דער מייסטער פון ליטעראַרישן זשאַנער. מיט דער זעלביקער סענסיטיווי־קייט וואָס ער באַשרייבט דעם חורבן און „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״ באַשרייבט ער אויך דעם אויסגעגליטשטן טיפּ קלמן קאַליקע. מיט גרויס טאַלאַנט וויקלט ער פונאַנדער אַ לייוונט פון קאָנפליקט און שפּאַנונג צווישן צוויי ברידער אין „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש״.

עס איז אַ גרויס ווערק און אַ טיפע שילדערונג פון מענטשלעכן כאַראַקטער און מענטשלעכע באַציונגען.

---

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „חשבון״. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**

יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# פֿאָלקלאָר און זיין פֿאַרשער

עס איז אָפט אַ מאָדנע געפּיל ווי אַ מענטש רעאַגירט אַ מאָל מיט צער אויפֿן טויט פֿון אַ נאָענטן פֿריינדאון אַ פֿאָרשער פֿון וואָג. עס איז אפשר גאָרנישט קיין צופֿאַל וואָס זינט דער פּטירה מיט עטלעכע וואָכן צוריק פֿון דעם באַדייטיקן מלומד און פֿאָלקלאָריסט פֿון אַ געהויבענעם ראַנג, חיים שוואַרצבוים ז״ל אין תל אביב, האַלט איך אין איין טראַכטן וועגן דער עצם נקודה פֿון פֿאָלקלאָר ביי יידן, זיין מהות און סדר פֿון פֿאָרשונג. ווילט זיך תחילתדיק באַמערקן, אַז דער באַחנטער פֿאָלקלאָר אין זיין גאַנצער ווייטקייט און טיפֿקייט איז נישט בלויז אַן ענין פֿון צעשיינטע ראָמאַנטיקערס און טאַלאַנטירטע שרייבערס, נייערט אַ צייטיקער דאָמינאַנט פֿון ערנסטער פֿאָרשונג, פֿון אינטערפּרעטאַציע און באַקלער, פֿון אָפּזוכן מקורות און זיי וויסנשאַפֿטלעך מפֿרש זיין.

מען קען נישט בלויז אויסקומען מיט אַ שיריים פֿון אַ רייכן ליטעראַרישן טיש, וואָס האָט שוין היינט אָפּט פֿאַרלוירן זיין אַמאָליקן תוך און ליכטיקן גלאַנץ, און גייט אַרום אויף דער גאַס ווי אַ גלאַטיקע, האַלב־אָפּגעבליאַקעוועטע מטבע, מיט וואָס מען צאַצקעט זיך ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. אַדרבא, ווי אַן עכטע און וואָגיקע פֿאָלק־שאַפֿונג איז דער פֿאָלקלאָר אויסגעוואַקסן אין די לעצטע דורות און געוואָרן אַן אָנזעעוודיקער קולטור־יש צו וואָס די מאָדערנע קאָמפּאַראַטיווע וויסנשאַפֿט גייט צו נישט בלויז מיט גרויס יראַת־הכבוד און דרך־ארץ, נייערט זי זוכט אין אים אַ נייעם מיין און איינגעטיפֿטן זינען. רעדן מיר פֿון דער יידישער פֿאָלק־שאַפֿונג, מוזן מיר זאָגן אַז אין איר קלאַפּן כוח־גבראַדיק און הרחבה־דיק די אַקומולירטע גייסטיקע פּאָטענצן פֿון דורות, וואָס פֿאַרלאַנגען אַן אַחריות־דיקן צוגאַנג און אַ וויסנשאַפֿטלעך־סיגעטעטישע באַטראַכטונג, כדי זיך צו דערגרונטעווען צו איר עצמדיקער קוואַליטיקייט, תוך און מהות.

אַוודאי האָבן מיר געהאַט אַ שפּאָר ביסל אָנזעעוודיקע ראשונים, צעשיינטע קינסטלערס און וואָגיקע וואָרטזאָגערס, גוטע, סאָלידע פֿאָרשערס און מפֿרשים פֿון יידישלעכן קולטור־אייגנס, וואָס האָבן מיט גרויס וויסיקייט פֿאַרלייגט דעם עצם יסוד פֿאַר אַ באַנייטן אויסקוק און אינטערפּרעטאַציע פֿון דער יידישער פֿאָלק־שאַפֿונג. גייט טאַקע חיים שוואַרצבוים, דער ערודיט און גרויסער בקי, אין זייער וועג, אָבער זיינע אַרומנעמיקע און יסודותדיקע פֿאָרשונגען זאָגן בפֿירוש עדות אויף דעם יסודותדיקן חילוק צווישן אים און זיינע צעליכטיקטע פֿאָרגייערס. אַחוץ פֿון אַ שלל אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן און וואָגיקע מקורים, איז נאָך צוגעקומען אין די לעצטע צוויי דורות די גוט־איינגעשטעלטע און באַדאַכטע שיטה פֿון קאָמפּאַראַטיוון פֿאָלקלאָר מיט וואָס עס באַדינט זיך שוואַרצבוים מיט אַ סך וויסנשאַפֿטלעכער יכולת אין זיין גרויס־פֿאַרנעמיקער אַרבעט.

עס איז געווען דער ברייטער שליאַך פֿון פֿאָלקלאָר רשות־הרבים, אָבער באַגלייך אַן אינדיווידועל־איינגעטיפֿטער רשות־היחיד פֿון אַן אַריינגעטאָנעם און געניטן פֿאָרשער, אָנגעלאָדן מיט אַ סך בקיאות און ערודיציע. האַלט שוואַרצבוים אין זיין מסוגלדיקער האַנט אַלע מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעכע מכשירים, און זוכט אָפּ אייפֿערדיק און מיט התמדה עלטערע און שפּעטערדיקע מקורים, וואָס ער דערפֿירט אין זיינע יסודותדיקע באַטראַכטונגען און אויספֿירן צו אַ סינטעטישער שלמות. מיט גרויס למדנות און היפֿותדיקע ראיות גייט ער צו צו זיין אַנאַליטיש־תוכיקער אַרבעט פֿון מאָטיוון און טעקסטן.

יאָרן־לאַנג זיצט דער דאָזיקער פֿאָלקלאָריסטישער בר־הכי על התורה ועל העבודה אין זיינע ד׳ אמות, גייט כמעט נישט אַרויס פֿון זיין קאַבינעט, און איז עוסק מיט אַ סך התלהבות און ידענות אין דעם אָפּט פֿאַרהוילענעם קאַפּיטל יידישע

קולטור־עשיכטע, מיט אַ שלל פון ידיעות און חידושים.

אין די עניינים פון פאָלקלאָר איז שוואַרצבוים געווען אַן ענטוזיסטישער און באַמנותדיקער פאָרשער, וואָס די פאָלק־שאַפונג איז פאַר אים געווען נישט בלויז אַ תכליתדיקע, געהויבענע וויסנשאַפט, נייערט אין פלוג, ממש אַ פאָלק־הייליקייט מיט וואָס ער האָט זיך געוואָלט בלב ונפש מיחד זיין. מען מוז די האַלב־פאַרלאָשענע קויל פון אונדזער ביסל פאָלק־אייגנטום אָפּהיטן, דערשאַצן און באַוואָרענען, אַז עס זאָל נישט גיין לאיבוד.

דער איידעלער און באַשיידענער ערודיט, אַ נחבא אל הכלים און צוואַרעמטער ייד, חיים שוואַרצבוים, איז געווען אַן אמתער בן־בית נישט בלויז אין אַלע ווינקלען פון דער יידישער פאָלק־שאַפונג, אין אַלע אירע פאַרצווייגטע פאַזעס און שאַטירונגען, נאָר אויך אין דער היים אין אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר מיט זיין רחבותדיקער ליטעראַטור, און ווי אַ גוטער אַראַביסט אויך אין דער קולטור פון איסלאַם מיט זיינע נושאי־כלים. אין זיין באַוואָרנטן אַנאַליז און קלאַסיפיקאַציע פון מאָטיוון און טיפּן פון דער מעשה, לעגענדע און משל אין זייער אוניווערסאַלן שניט און איכות, איז שוואַרצבוים זיי נאָכגעגאַנגען פשט געלערנט און פאַרגליכן לויט דער איינגעשטעלטער קאָמפּאַראַטיווער שיטה פון דער פאָלקלאָר פאָרשונג. ער איז נישט בלויז געווען אַ גוטער, באַמנותדיקער בעל־אגדה, נאָר אויך אַ פּינקטלעכער און סאָלידער בעל־הלכה פון אַ שיינעם און תוכיקן פאַרנעם. זיין דערוויזיקער באַקלער און חידושים האָבן געהאַט אַ ווערדיקן אָפּקלאַנג אין די וויסנשאַפטלעכע קרייזן.

שוין פרי האָט ער גענומען פאַרעפנטלעכן אין העברעישע פאַך־זשורנאַלן אַ ריי סאָלידע אָפּהאַנדלונגען וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם. מיט דער צייט איז ער אַריבערגעשטיגן צו פּובליקירן זיינע אַרבעטן אין ענגליש אין די אָנגעזעענע פאָלקלאָר־זשורנאַלן און פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַ נאָמען. פון צייט צו צייט איז שוואַרצבוים אויך געוואָרן פאַרבעטן אנטייל צו נעמען אין די אינטערנאַציאָנאַלע פאָלקלאָר צוזאַמענפאָרן, ווו ער איז געווען איינער פון די ראשי־המדברים פון דער ישראל־דעלעגאַציע. אַזוי איז דער באַשיידענער מלומד און באַוואָרנטער פאָרשער אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ שם־דבר מיט זיינע שריפטן און ווערק אין דער וועלט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר.

אין דער סעריע פון שוואַרצבוימס אַרומנעמיקע און וואָגיקע ווערק, לאָמיר זיך קודם כל אָפּשטעלן אויף זיין סאָלידע און מוסטערדיקע פאָרשונג וואָס איז אַרויס אין ענגליש אין 1968, אין זיין פאַרנעמיק בוך „סטודיע פון יידישן און וועלט־פאָלקלאָר״. עס איז אַ גרונטיקע און אויסגעצייכנטע אַרבעט, וואָס מיר קענען באַטראַכטן ווי זיין „מאַגנוס אפּוס״ אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר און פון אַ גרויסן ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט. באַזירט איז די פאָרשונג אויף דער זאַמלונג „מעשהלעך און משלים פון דיכטער נפתלי גראָס, צו וואָס דער מחבר גייט צו אין זיין ברייטן אַנאַליז און אינטערפּרעטאַציע מיט דער איינגעשטעלטער שיטה פון באַקאַנטע און אויטאָראַטיווע מומחים אינעם קאָמפּאַראַטיוון פאָלקלאָר.

אין זיין באַוואָרנטן און מוסטערדיקן צוגאַנג לערנט שוואַרצבוים פשט אין יעדער איינצעלנער מעשה און משל, קלאַסיפיצירט און פאַרגלייכט זיי טיפּאָלאָגיש מיט אַנאַלאָגיעס און עטלעכע וואַריאַנטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. שוואַרצבוים רעדט מיטן לשון פון אַ בר־סמכא, און ווייזט דערביי אַרויס גרויס בקיאות און אַ שפּאַר ביסל חריפותדיקע לומדות. עס איז, קען מען זאָגן אַ פּירוש און קאָמענטאַר צו גראָס׳ משנה, און לערנט מיט אונדז אַ תוכיקן פּרק יידישן פאָלקלאָר אין דער מסכתא פאָלק־שאַפונג, איר באַשטאַנד, ד׳אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון כל המינים מאָטיוון און טיפּן ווי זיי קומען פאָר אין דער ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער. קענען מיר אָפּלערנען דערפון, אַז אין דער שאַפונג פון אַ פאָלק איז נישט תמיד פאַראַן קיין אַבסאָלוט־באַדינגטע אָריגינאַליטעט. גיכער איז פאַראַן אַ פאַרשפּרייטע, אימאַנענטע קרו־

בישאַפט, אַ געוויסע נאָענטע שייכותדיקייט פון זשאַנערן און דערצייל־עלעמענטן וואָס דערנענטערן איין פאָלק צום אַנדערן אין אַ מין תורה שבעל־פּה.

אין דער פאָלקלאָר ־ וויסנשאַפט האָבן מיר אַן אָנגענומענעם כלל פון אויסבאַרגן און אויפנעמען פרעמדע שטאָפן, וואָס מען באַקליידט אגב־אורחהדיק אין אַן אייגענעם לבוש און פאַסאָן, און אויף דעם זענען יידן געווען שוין פון תמיד גרויסע בעלנים, און אָפגעצאָלט דאָס אויסגעבאָרגטע מיט פּראָצענטער, און אַן אייגנדיקער פּנים, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צום געמיט, אויסקוק און געשמאַק פון ייד. אויף אַזאַ אופן האָט דער פרעמדער מאָטיוו און שטאָף באַקומען אַן עכט־יידישלעכע צורה אין מהות און תמצית, וואָס דאָס פאָלק האָט קוואַליק־עכט איבערגעאַנדערשט, און אַזוי אַרום געשאַפן אַן אייגנדיקע נאַטירלעכע ליטעראַרישע גאַנצקייט. דאָס קענען מיר ווידער אַמאָל אָפּלערנען פון שוואַרצבוימס אַרומנעמיקער און אויסגעצייכנטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, און אין דעם ליגט בסך־הכל זיין באַדייטיקער און ווערטיקער פאַרדינסט.

ווי אַ באַהאַוונטער אין דער רייכער יידישער און אַראַבישער קולטור, גייט אויך שוואַרצבוים מפרש צו זיין אין זיין העברעישער סטודיע „ממקור ישראל וישמעאל“ (1975) די אינטערעסאַנטע פּרשה פון השפּעות פון יידישן גייסט אויפן איסלאַם פון זיינע ערשטיקע אָנהייבן ביז אין די שפּעטערדיקע דורות פון סינאַפּטיקערס און מפרשים. אויך דאָ ווייזט דער מחבר אַרויס גרויס בקיאות און ידענות אויפן געביט פון קאָראַן, זיין תורה און מסורות. אין די פּוסטריט פון אַ ריי ראשונים פאָרשערס, לאָזט אויך דאָ שוואַרצבוים דער בר־הכי אַ שפּאָר ביסל וואָגיקע חידושים.

ווי אַ בן־בית אין די מקורים שטעלט ער זיך אָפּ אויף די פילצאָליקע השפּעות וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין אויפגעקומענעם איסלאַם, פון תלמוד און מדרשים, און געוואָרן אַ לעבעדיקער, קוואַליקער באַשטאַנדטייל פון אַראַבישן פאָלקלאָר. פאַרגעסט אָבער דער מחבר אויך נישט צו דערמאָנען די קעגנאַנאַנדערדיקע איינפלוסן וואָס זענען געפלאָסן רחבותדיק פון עשירותדיקן אַראַבישן פאָלקלאָר אויף דער יידישער גאַס אין דער מיטלעלטערלעכער תקופה. ווי אַזוי האָט אויך אין דער דאָזיקער גייסטיקער מחיצה דער מעשה־שטראָם געפליצט איןביידע ריכטונגען, און יידן האָבן דעם פרעמדן, פּלאַדיקן דערצייל ־ שטאָף אויפגענומען און אים פאַראייגנט אין קנין פון זייער אייגענעם האָב און גוטס. דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע גוט־פאַרגרייטע, קריטיש־סינטעטישע ווערק, רעדט דער ערודיט שוואַרצבוים מיט דער אויטאָריטעט פון אַ וויסנשאַפטלעכן בר־הכי, ואָן זיינע מסקנות לייגן זיך אויפן שכל, און האָבן אים געזיכערט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער יידישער פאָלקלאָר־פאָרשונג.

מיט וויסנשאַפטלעכער גענויקייט און שלל פון ידיעות האָט שוואַרצבוים מרביץ געווען זיין תורה אויף אינטערנאַציאָנאַלע פאָלקלאָר ־ קאָנגרעסן און אויפגעטראָטן מיט וואָגיקע רעפעראַטן אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן פון דער פאָלקלאָר־געזעלשאַפט „ידע־עם“ אין ישראל, און באַגלייך געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער העברעישער פּעריאָדישער אויסגאַבע „ידע עם“. דערצו האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט אַ שורה באַטייטיקע אַרבעטן אין די דייטש־ענגלישע זשורנאַלן און פאָלקלאָר־ענציקלאָפּעדיעס, וואָס האָבן מיט זיין זעלטענער בקיאות געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער פאָרשערישער וועלט.

צום סוף לאָמיר נאָר בקיצור דערמאָנען איינס פון זיינע גרויסע און תוכיקע סטודיעס מיט אַ קריטיש־אַנאַליטישן צוגאַנג אַרום דער זאַמלונג „משלי שועלים“ פון רב ברכיה הנקדן, דעם באַקאַנטן שפּאַניש־העברעישן דיכטער פון דרייצנטן יאָרהונדערט. זאָל דאָ דעם שרייבער פון די שורות זיין דערלויבט צו דערמאָנען זיין פּרטימדיקע אָפּשאַצונג פון דעם ווערק אין זיין בוך „פון וויטן אַמאָל ביז היינט“ ז׳ 149 א״ו, וואָס קען זיין אַן אַריינפיר אין שוואַרצבוימס מעטאָדאָלאָגישן צוגאַנג און שיטה פון זיין פאָרשונג.

אויף אַ יסודותדיקן ליטעראַטור־קריטישן אופן גייט שוואַרצבוים צו באַהאַנדלען די געשיכטע פון דעם משל, אָנגעהויבן מיט דעם באַקאַנטן גריכישן משל־דיכטער עזאָפּ, איבער אַוויאַנוסן און פעדרוסן, און אַ ריי אַנדערע משלים־זאָגערס, ביז אונדזער מחבר דערגייט צו דעם מיטלעלטער און דער נייער צייט, וואָס האָט אויפצעוויזן אַ רייכע און קאָלירפולע משלים־קונסט סיי ביי יידן און סיי ביי די אומות העולם. אגב, אויך אין אַלט־יידיש איז דערשינען אַ משלים־זאַמלונג, דאָס „קו־בוך", וואָס זיין ערשטע אויסגאַבע האָט זיך נישט אויפגעהיט. פאַראַן איז בלויז אַ שפּעטערדיקע אונטערן קעפּל „ספר משלים", וואָס איז אַרויס אין 1697 אין פראַנקפורט אויפן מיין.

ווי אין שוואַרצבוימס אַנדערע ווערק, איז אויך זיין סטודיע פון משלי־שועלים", די פוקס־פאַבלען, פון רב ברכיהו דעם פונקטאַטאָר, אַ מוסטערדיק־וויסנשאַפטלעכע פאָרש־אַרבעט פון אַ ברייטן פאַרנעם און תוך. מיט זיין געניטער אָפּגעהיטנקייט אַנאַליזירט דער מחבר און פאַרגלייכט לויטן קאָמפּאַראַטיוון פאָלקלאָר־שליסל אַ ריי ליטעראַרישע אַנאַלאָגיעס, טראַדיציעס און פאַראַלעלע וואַריאַנטן אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָבן אָפּט אַ שייכות מיט ר' ברכיהס זאַמלונג. ער אינטערפּרעטירט און קלאַסיפיצירט יעדן משל, הן לויט זיין מהות, כאַראַקטער און טיפּ. אויף אַזאַ אופן קומט ער מיט זיינע אינטערעסאַנטע חידושים און אַ סינטעטישן אויספיר בנוגע די קינסטלערישע יצירה פון ר' ברכיהן.

שוואַרצבוים דער בקי סיי אין די העברעישע מקורים און סיי אין שייכותדיקער וועלט־ליטעראַטור מיט זייערע קאָלירפולע משלים־שטאָפן און פילמיניקע מאָטיוון און שטעלט איין אַ סדר און אַ ליטעראַרישע גאַנצקייט אין דער זאַמלונג „משלי שועלים".

ווי תמיד איז שוואַרצבוימס פאָרשונג היפותדיק און וואָגיק און זיינע קוואַליפיצירטע, באַדייטיקע חידושים און פּירושים לאָזן אונדז עפּעס הערן. וועט דעריבער זיין קריטיש־סינטעטישע פאָרש־אַרבעט פאַרבלייבן אַ וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע קולטור־ירושה פאַר דער פאָלקלאָר־פאָרשונג ביי יידן אויף להבא, לזכרון פון אַ צניעותדיקן בר־הכי און אַ גרויסער ידען אין תחום פון דער דורותדיק־אַקומולירטער יידישער פאָלק־שאַפונג אין אַלע אירע אַספּעקטן און ניואַנסן.

שבט, תשד"ם

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

**בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:**

**G. FRYDMAN**

פאַרוואַלטונג „חשבון"

Phone: 655-1292

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

# לזכר עולם

## ר' זאב וואָלף סאַלעס ז"ל

שבת, ט"ו אדר־א תשד"ם (פעב. 18) איז נפטר געוואָרן אַ זייל פון ל. א. יידנ־טום, ר' זאב בן שמחה ובײלה סאַלעס ע"ה, נאָך אַ קראַנקהייט פון עטלעכע וואָכן. ער איז געווען כמעט אַ בן תשעים ווען ער איז פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן.

ר' זאב שטאַמט פון דאָבראָמיל, גאַלי־ציע, ווו זיינע עלטערן, שוועסטער און שוואָגער, און צוויי פלימעניקעס זיינען אומגעקומען אין דער שואה דורך די נאַ־צים ימח שמם.

ער אַליין מיט זיין פרוי און קינדער האָבן געוווינט אין בערלין נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה, ווו ער איז געווען אַ פאַרלעגער פון ביכער און אויך געהאַט אַ גרויס בוך־געשעפט. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין אויסגאַבעס פון העברעיש, יידיש און דייטש, ווו ער האָט געשריבן, רעדאַק־טירט און אויך אַרויסגעגעבן.

בעת דער ממשלה פון היטלער־נאַציס, אין 1939, האָט ער עוקר געווען מיט זיין הויזגעזינד קיין ניו־יאָרק. ווו ער האָט פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט אין דער יידיש־העברעישער ליטעראַטור, ווי אויך אין דעם מסחר פון יידישע און העברעי־שע ביכער און פאַרלאַג.

אין יאָר 1957 ציט זיך זאב סאַלעס אַריבער קיין לאָס אַנדזשעלעס ווו ער איז ממשיך זיינע ליטעראַרישע און געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייטן. ער איז געווען אַ שפּראַכן־קענער, אַ העברעישער בלשן (פילאָלאָג); אַ מיטאַרבעטער אין דעם העברעיש־וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „בצרון"; זיך באַטייליקט אין דעם וועכנט־לעכן „הדואַר", און אויך געשריבן דאָ אין „חשבון".

אין 1974 איז דערשינען אין „חשבון" אַ ספּעציעלער אַרטיקל פון באַוווסטן דיכ־טער חיים גראַדע ע"ה לכבוד סאַלעסעס 80־יאָריקן יובילי: „אונדזער בעל־יובל".

אין יאָר 1977 זיינען דערשינען אין „חשבון" סאַלעס' מאמרים וועגן אחד־העם און רבי יהודה הלוי אין העברעיש און אויך אַ צאָל אַרטיקלען אין יידיש.

אין 1978 האָבן אַלעקס ראַבין און אַברהם גאַלאַמב ע"ה געשריבן וועגן סאַ־לעסן און זיין „המשך" קרייז, וואָס ער האָט דאָ געגרינדעט און אָנגעפירט — אונטערן קעפּל „אַ שטילער ווינקל", ווו תורה, פּרקי אָבות, רמב"ם, און לעצטנס ספר א י ו ב זיינען געלערנט געוואָרן. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט מיטן היגן תלמיד־חכם ר' משה הירש, יבל"ח, אין זיין תורה־קרייז „חוג מורשה".

דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס איז ער געווען טעטיק אין הסתדרות עברית מרכזית. ווו ער איז געווען נשיא־כבוד. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער און לעקטאָר פון חוג ללימודי התנ"ך, ווו תנ"ך ווערט שטודירט אין עברית, געגרינדעט דורך דעם עסקן בן־עמי שולמאַן פון ישראל, און ווו עס באַטייליקן זיך אַלס לעקטאָרס די פיינסטע קענערס און תנ"ך־פאָרשערס.

אין 1978 האָט ר' זאב אַרויסגעגעבן אַן איבערזעצונג אין יידיש פון „שמונה פרקים לרמב"ם" — הקדמה לפרקי אָבות. און אין 1983 — אַ יידישן תרגום צו ספר איוב, איינער פון די שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע ספרים פון תנ"ך. (אַ רעצענזיע וועגן דעם איז דערשינען אין „חשבון" נומ. 101 פון מיר — ש. ג.).

אָט די דערמאָנטע קולטור־טעטיקייטן זיינע, זיינען מיט זיין אַוועקגיין אָפּגע־שטעלט געוואָרן... חבל על דאבדין...

ער לאָזט איבער זיין פרוי רבקה, צוויי טעכטער און איין זון, 9 אייניקלעך און איין אור־אייניקל; אַן איידעם, הרב מ. באַרנשטיין — אַ דור לשם ולתפארת.

**ש. גלעדי גילדער**

# נייע ביכער

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

**בינעם העלער:**
„זיי וועלן אויפשטיין"
לידער, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, 1984, ישראל.

**צבי אייזנמאַן: „מ׳נעמט מיך אין לאַנד פון פאַרגעסן"**
דערציילונגען און בילדער, פאַרלאַג קיבוץ אלונים, 1983, ישראל. 91 ז״ט.
צבי אייזנמאַן איז געווען דער מיט־גייער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונג ישראל." זיינע ביכער וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין ישראל און אין דער יידישער וועלט זיינען איבערגעזעצט אין עברית.

**מאיר חרץ: „געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס"**
פאַרלאַג „אייגנס", ירושלים, 1983. 474 ז״ז. אין דעם בוך האָט דער דיכ־טער איינגעזאַמלט אויסגעוויילטע לידער און פּאָעמעס פון די זעקס ביכער וועל־כע ער האָט אַרויסגעגעבן אין מדינת ישראל זינט ער האָט עולה געווען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

**חיים מאלטינסקי: „אין זיבן זונען"**
פאַרלאַג „געראַנגל", תל־אביב, 1983.
330 ז״ז. דאָס איז אַכצנטע בוך פונעם דיכטער און פּראָזע־קינסטלער חיים מאלטינסקי, מחבר פון „דער מאָסקווער משפּט איבער די בירא־בידזשאַנער", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער יידישער וועלט.

**בנימין לובעלסקי:**
„יידן אין שפּאַנישן בירגער־קריג"
פאַרצייכענונגען פון אַ יידישן פריי־וויליקן. פאַרלאַג ה. לייוויק, תל־אביב.

**יהודה עלבערג:**
„קלמן קאַליקעס אימפּעריע"
ראָמאַן. פאַרלאַג: ישראל בוך, תל־אביב 1983.

# תיקון טעות

**אין פריערדיקן „חשבון" נומער 102:**
אויף זייט 21 שטייט „ווירקלעכקייט" — עס דאַרף זיין וויכטיקייט.
אויף זייט 22 שטייט „אַנדערע מיינער" — עס דאַרף זיין אַנדערע מיינען.
אויף זייט 24 שטייט „אויך חל פון דע־מאָקראַטיע" — עס דאַרף זיין אויך חל אויף דעמאָקראַטיע.
אויף זייט 25 שטייט „אויספּירונגען" — עס דאַרף זיין אויפפירונגען.
אויף זייט 66 שטייט „ביים גויים" — עס דאַרף זיין ביי גויים.
אויף זייט 68 שטייט „יאָר הונדער" — עס דאַרף זיין יאָרהונדערט.
אויף זייט 69 שטייט „סאַמאַ־ראַנע" — עס דאַרף זיין סאַמע ראַדנע.
אויף זייט 70 שטייט „צום קאָמישן" — עס דאַרף זיין קאָסמישן.
אויף זייט 71 שטייט „עעס" — עס דאַרף זיין עס.
אויף זייט 73 שטייט „אַלט" — עס דאַרף זיין וואַלט.
ביים סוף פון זייט 85 ווו עס ווערט אָנ־געגעבן דער קוואַל, שטייט „די פּרעסע מעקסיקאַ" — עס דאַרף זיין „די פּרעסע בוענאָס איידעס".

---

## פּעני און יאַנקל אַנדזשעליק
### (אַנגעלטשוק) פראַנקרייך

אונדזערע טייערע לאַנדליים:
**חיהלע און גרשון פרידמאַן**

אונדזערע טייערע פריינד:
**רחל און מענדל סלוצקי**

אונדזערע בעסטע ווונטשן פאַר
אַ פריילעכן פּסח.

זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין אין אייער אָנשטרענגונג אויפצוהאַלטן דעם קיום אין דער יידישער קולטור.